STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05053

ROBINZON

Daniel Defoe

Permanent preservation of this book was made possible
by Marion Gray
in memory of
beloved husband, Sidney Gray

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גרויסע פאָלקס־ביבליאָטעק.

ראָבינזאָן

Robinson

פון דײַטש איבערזעצט

ש. און ז. רײזען.

Reisen

פערלאַג „ביכער־פאַר־אַלע", וואַרשע, דלוגאַ 11.

וואַרשע, — תר"ע.

דרוק „האור", דלוגאַ 11.

РОБИНЗОНЪ

Перев. съ Нѣм. **Ш.** и **З. Рейзинъ.**

Изданіе „Бихеръ-Фаръ-Алэ“, Варшава, Долгая 11.

Drukarnia M. Kryński, Długa 11.

אינהאלט:

זייטע

ערשטעם קאפיטעל. — ראבינזאן פאהרט קיין לאנדאן און פון דארט קיין גוינעא. — אין מאדעירא פערלאזט ער די שיף און וויל רייזען קיין בראזיליען. — די שיף ווערט צובראכען אין מיטען ים, נאר ראבינזאן ווערט געראטעוועט אויף א וואונדערליכען אופן. — 5

צווייטעם קאפיטעל. — ראבינזאן ווערט פערווארפען אויף אן איינזאמען אינזעל און ארדענט זיך אויף איהם איין. — 18

דריטעם קאפיטעל. — ראבינזאן פונדעוועט זיך גוט איין אויף דעם אינזעל. — ער געפינט קארטאפעל און ציטראנען-בוימער. — ער בראט זיך אוים א שעפס. — דאס ערשטע געוויטער. — דורך א דונער בעקומט ער פייער. 30

פיערטעם קאפיטעל. — ראבינזאן מאכט פיעל נוצליכע ערפינדונגען. — ענטדעקט זאלץ. — חאפט א גאנצע געזינד פון לעמעלעך. . . . 40

פינפטעם קאפיטעל. — דאס ערדציטערניש. — ראבינזאן פערזארגט זיך אויף ווינטער מיט אלעם נויטיגעם, לערינט זיך אוים מאכען טעפּ, מאכט זיך נייע קליידער און ווערט שטארק קראנק. . . . 49

זעקסטעם קאפיטעל. — ראבינזאן ווערט געזונד. — ראבינזאן מאכט דאס ערשטע מאל פרישע פוטער, ער געפינט פרוכט-ברויט-בוימער, א נעסט מיט פאפוגאיען. — פאר זיינע פיעל ארבייטען מאכט ער א געשטעלטע צייט. — ער אונטערנעהמט א נייע ענטדעקונגס-רייזע איבער'ן אינזעל און געפינט איבערגעבליבענע מענשליכע ביינער. 66

זיעבעטעם קאפיטעל. — ראבינזאן, צוליעב מעהר זיכערקייט, בעפעסטיגט זיין וואוינונג. — אויפ'ן אינזעל קומען אן די מענשען-פרעסער. — ראבינזאן איז מציל א געפאנגענעם פון ווילדע

זייטע

הענד, ער גיעט איהם א נאמען „פריטאג“. — ער געפינט אין איהם א טריען פריינד 76

אכטעם קאפיטעל. — פריטאג מאכט ראבינזאנען פייער. — זיי מאכען זיך א מאהלצייט 85

נײַנטעם קאפיטעל. — ראבינזאן און פריטאג לאזען זיך אין אפענעם ים. ווייער רייזע לאזט זיך טרויעריג אוים. — פריטאג מאכט גרויסע פארשריטען. — זיי גרייטען זיך צו פאהרען אויף פריטאג'ס אינזעל. — די שיף אויף א זאמד. — א שיפסקאפיטאן מיט הערנער 95

צעהנטעם קאפיטעל. — ראבינזאן און פריטאג מאכען א פליט. — זיי פאהרען צו דער צובראכענער שיף און ברענגען פון דארט גאנצע אוצרות. — פריטאג'ס אימה בײ'ם שיסען. — ראבינזאן איז אין א געפאהר צו ווערען דערטרונקען. — זיי ארדנען זיך איין אויפ'ן בעסטען אופן מיט די זאכען, וואס זיי האבען געבראכט פון שיף, און פערבעסערן ווייער לאגע. — ראבינזאן ווערט א טשעסלער, א בעקער, א שמיד און אנ'ערד-ארבייטער 106

עלפטעם קאפיטעל. — א צוזאמענשטוים מיט ווילדע. — ראבינזאן ראטעוועט א שפאניער. — א צווייענדיגער יום-טוב. — פריטאג'ס פאטער גיט מען א נאמען דאנערשטאג. — דער שפאניער פאהרט מיט דאנערשטאג'ן צו איהם אהיים ברענגען נאך שפאניער, וואס זענען דארט איבערגעבליבען. — ראבינזאן שרייבט פאר זיי א געזעץ 122

צוועלפטעם קאפיטעל. — עס איז אנגעקומען אנ'אייראפעאישע שיף. — ראבינזאן קומט צו הילף דעם קאפיטאן פון שיף און שטילט איין דעם בונט. — צוויי שפאניער מאכט ער פאר די בעל-הבתים פון אינזעל. — ראבינזאן פאהרט צוריק קיין אייראפא. . 139

ערשטעם קאפּיטעל.

ראָבינזאָן פֿאָהרט קיין לאָנדאָן און פֿון דאָרט קיין גוינעע. – אין מאַדעאירא פֿערלאָזט ער די שיף און וויל רייזען קיין בראַזיליען. – די שיף ווערט צובראָכען אין מיטען ים, נאָר ראָבינזאָן ווערט געראַטעוועט אויף אַ וואונדערליכען אופֿן.

מיט פֿיעל יאָהרען צוריק האָט אין האַמבורג געלעבט אַ סוחר מיט'ן נאָמען ראָבינזאָן. ער האָט געהאַט דריי זיהן. דער ערשטער האָט זיך גענומען אין זין אַריין צו ווערען אַ סאָלדאַט, און אַז ער איז אויפֿגעוואַקסען, האָט ער אַריינגעטרעטען אין אַ פּאָלק זעלנער און אין אַ מלחמה פֿון די דייטשען מיט די פֿראַנצויזען איז ער דער'הרג'עט געוואָרען. דער צווייטער האָט געוואָלט ווערען אַ גרויסער געלעהרטער, אַ פּראָפֿעסאָר, און ער האָט זיך זעהר גוט און זעהר פֿלייסיג געלערענט; האָט ער אָבער איינמאָל, ווען ער איז געווען צוהיצט, אַ טרונק געטהון קאַלט וואַסער,

און דערפון האָט ער גענאַפּט אַ שטאַרקע פערקיהלונג און איז געשטאָרבען פון שווינדזוכט.

איצט איז איבערגעבליבען נאָר איינער, דער יינגסטער. ער האָט געהייסען קרוזאָ. און וויַיל ער איז געבליבען איינ־איינציגער, האָבען די אומגליקליכע עלטערען געלעגט אויף איהם גרויסע האָפנונג. זיי האָבען איהם ליעב געהאַט און אָבגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון אויג. און איבער זייער גרויס ליעבשאַפט צו איהם האָבען זיי איהם, לייַדער, צופיעל נאָכגעגעבען, איהם געלאָזט טהון, וואָס נאָר ער האָט געוואָלט, וואָס איהם האָט זיך נאָר געגלוסט. דעריבער איז ער געוועזען ווענִיג געלערענט, איז אַרומגעלאָפען איבער די גאַסען, — און האָט גאָרנישט געקענט. אַזוי איז ראָבינזאָן אויפגעוואַקסען און וואָס פון איהם וועט זיין איז געוועזען שווער פאָראויס צו זאָגען.

דער פאָטער האָט געוואָלט, ער זאָל זייַן אַ סוחר, אָבער צו דעם האָט ראָבינזאָן נישט געהאַט קיין שום געפיהל. איהם איז מעהר געפעלען געוועזען צו בערייזען די גרויסע וועלט און צו זייַן אין פערשידענע לענדער, ווי זיצען שטענדיג אויף איין אָרט און האַנדלען.

— פיעל בעסער און ליעבער איז אין די ווייטע וועלט צו רייזען, — פלעגט ער זאָגען, — ווייַל אַלע טאָג קען מען זעהן און הערען נייַעס.

אָבער דאָס איז געזאָגט געוואָרען אָהן איבערלעגונג, ווייַל וואָס האָט אַזאַ מין יינגעל געקענט אויפטהון אין דער ווייטער, פרעמדער וועלט? ווען מען וויל אין פרעמדע לענדער זוכען גליק, — מוז מען זיך דערצו צוגרייטען, מוז מען פיעל קענטשאַפט האָבען, בעזיצען פיעל שפּראַכען, און וועגען דעם האָט קרוזאָ ביז אַהער גאָר ווענִיג געטראַכט, חאָטש ער איז שוין זיעבעצעהן יאָהר אַלט געוועזען. טאָג־טעגליך האָט ער געמוטשעט זייַן פאָטער, ער זאָל איהם לאָזען פאָהרען, אָבער דער פאָטער האָט דערפון ניט געוואָלט הערען.

איינמאָל, אין אַ שענעם טאָג, ווען קרוזאָ איז אַרומגעלאָפען אַרום ברעג, וואו די שיפען זענען געוועזען געאַנקערט, האָט ער דאָרטען געטראָפען זייַנעם אַ חבר, אַ שיפסמאַן'ס אַ זוהן, וועלכער האָט בעדאַרפט מיט זייַן פאָטער אָבפאָהרען קיין לאָנדאָן. דער שיפסמאַנ'ס זוהן האָט איהם געפרעגט, צי וויל ער נישט מיט פאָהרען, „מיט'ן גרעסטען פערגעניגען", האָט זיך אָנגענאַפּט קרוזאָ, „אָבער מייַנע עלטערען וועלען ניט איינשטימען אויף דעם".

— „עט“, האָט דער חבר געזאָגט: „אַ גרויסע זאַך! וואָס איז דאָ אַזוי? אין דריי וואָכען אַרום זענען מיר ווידער דאָ צוריק. און דיינע עלטערען קענסטו געבען צו וויסען, וואוהין דו ביזט געפאָהרען“. — „אָבער כ'האָב דאָך קיין געלד ניט“. — „דאָס מאַכט נישט אויס“. האָט איהם געענטפערט דער חבר. „וועגען דעם וועלען מיר, ברודער, שוין דורכקומען, איך נעהם דיך אויף מיינע הוצאות“.

דעם יונגען ראָבּינזאָן איז די זאַך שטאַרק געפעלען געוואָרען. אָט איז געקומען די צייט און ער וועט האָבען די מעגליכקייט צו זעהן די שענע ווייטע וועלט!

ער האָט זיך אַפילו דערמאָנט אָן זיינע עלטערען, וואָס וועלען זיין בייז אויף איהם, און וועלען האָבען פיעל צַער, אָבער דאָס האָט איהם נישט אָבגעהאַלטען, און נאָך אַ ווײַלע קלערען האָט ער אויסגעשריען צו זיין חבר:

— איך פאָהר מיט דיר מיט, קום אַריין אין שיף!

כדי צו בערוהיגען זיינע עלטערען האָט ער געבעטען איינעם, אַז ווען ער וועט שוין אָבפאָהרען, זאָל ער געהן צו זיי און זאָגען, אַז ער איז אויף אַביסעל צייט אַוועקגעפאָהרען קיין ענגלאַנד. זיי זאָלען זיין רוהיג, ווייל ער וועט דאָרט לאַנג ניט זוימען, און וועט באַלד צוריק קומען.

פרעהליך און לוסטיג שפּרינגען ביידע חברים אין שיף אַריין. די מאַטראָזען ציהען אַרויס די אַנקערס, שפּרייטען אויס די זעגעל, דער ווינד הייבט אָן די שיף צוטרייבען און דורך זעקס קאַנאָן-שאָסען זאָגט דער קאַפּיטאַן דער שטאָדט:

„זייט געזונד!“

ס'איז געווען אַ שענער טאָג, דער ווינד האָט געבלאָזען אין דער-זעלבער ריכטונג וואָס די שיף איז געגאַנגען. דער ווינד טרייבט די שיף און זי רוקט זיך אַלץ ווייטער און ביסלעכווייז פערשווינדען פון אויג די הייזער, די שפּיצען פון די טהורמעס.

אויפ'ן צווייטען טאָג זענען זיי שוין געווען ווייט אין ים, און ראָבּינזאָן האָט נאָר געזעהן פאַר זיינע אויגען הימעל און וואַסער. דאָס לאַנד איז אינגאַנצען פערשוואונדען געוואָרען פון אויג, נאָר דער ליכטטורם פון דעם אינזעל העלגאָלאַנד האָט געפינקעלט פון דערווייטענס. באַלד איז ער אָבער אויך פערשוואונדען געוואָרען, און וואַסער און הימעל האָט אַרומגערינגעלט די שיף.

צוויי טעג נאָכאַנאַנד איז געווען זעהר אַ שען וועטער מיט אַ גוטען ווינד. אויפ'ן דריטען טאָג זענען געקומען פינסטערע וואָלקען און האָבען בעדעקט דעם גאַנצען הימעל. עס האָט אָנגעהויבען צו בליצען, און דער גאַנצער הימעל איז ווי מיט אַ העלעש פייער געווען אָנגעצונדען. אַ דונער נאָך אַ דונער האָט געקנאַלט, געהאַקט, געקראַכט אָהן אויפהער, און האָט אַ מינוט אויפגעהערט צו בליצען, איז געוואָרען פינסטער, ווי אין דער שוואַרצסטער, פינסטערסטער נאַכט. דער רעגען האָט געגאָסען פון דער הויך אין גאַנצע שטראָמען. דער ווינד האָט איבער'ן ים שטאַרק געריסען. די כוואַליעס האָבען זיך אויפגעטורעמט אין דער הויך, ווי גאַנצע הייזער. די שיף האָט זיך געוואָרפען אַרויף און אַראָב. דאָ האָט איהר אַ כוואַליע הויך אין די לופט אויפגעהויבען. אַ צווייטע האָט איהר טיעף אין אָבגרונד געשליידערט, דאָ איז זי געלעגען אויף איין זייט, און אין דעם זעלבען אויגענבליק קומט אַ כוואַליע און וואַרפט איהר אויף אַ צווייטע זייט. די מאַטראָזען האָבען זיך געדאַרפט אָן עפּיס אָנהאַלטען, אום אין יעדען אויגענבליק ניט אַריינצופאַלען אין דעם רוישענדיגען, ברויזענדיגען ים אַריין. צו אַלע צרות האָט נאָך ראָבינזאָן פון דעם וואַרפען און שליידערן גע־קראָגען די ים־קראַנקהייט, און ער האָט זיך געפיהלט אַזוי שוואַך און עלענד, אַז ער האָט געמיינט, אַז זיין לעצטע מינוט איז שוין געקומען. און ער האָט געוויינט און געיאָמערט פאַר שרעק און אַנגסט:

— מיינע טייערע עלטערען! מיינע אָרימע גוטע עלטערען! איך וועל אייך שוין מעהר ניט זעהן! קיינמאָל ניט זעהן! אָ! פאַרוואָס האָב איך דאָס נאַרניט פערשטאַנען און זיך געלאָזט אָבנאַרען! אָ, ווי טיעף איז מיין עלענד, מיינע טייערע עלטערען!

טראַך! טראַך! פּלוצלונג איז געלעכערט געוואָרען דער פאָרדעק פון שיף, און דאָס וואַסער האָט גענומען אַריינשטרעמען פון אַלע זייטען.

די לייט, וואָס זענען געווען אין שיף, האָבען די הענד געבראָכען, געיאָמערט, גאָט געבעטען, ער זאָל מיט זיי טהון חסד און זיי מציל זיין פון טויט.

„מיר זענען אַלע פערלאָרען, דאָס וואַסער קומט פון אַלע זייטען, גאָט, האָב רחמנות, ווייז אונז אַוועג, גיב אונז ניט אָב אין די מיילער פון די הונגעריגע פיש״, האָבען זיך פון אַלע ווינקלען געהערט פער־צווייפעלטע שטימען.

„וואָס הייסט דאָס, מיר זענען טאַקי אַלע פערלאָרען, האָט אויס־

געשריען מיט טויט־שרעקעניש ראָבּינזאָן. דער שטורם האָט דערווײַל דעם מאַסטבּוים צובראָכען אויף שטיקלעך.

–מיר זענען אַלע פֿערלאָרען, – קלינגען די שטימען אין דעם תּהו־ובוהו פֿון וואַסער און הימעל.

„די שיף האָט געפּלאַצט, און דאָס וואַסער איז אַרײַן אויף אַ פּוס די הויך“.

דערהערט די לעצטע ווערטער איז ראָבּינזאָן געפֿאַלען אין חלשות. די מענשען, וואָס זענען געווען אויפֿ'ן שיף, האָבען זיך פֿלײַסיג גענומען צו דער אַרבּײַט. מיט פּאָמפּען האָט מען דאָס וואַסער אויסגעשעפּט, כּדי די שיף זאָל זיך קענען האַלטען אויפֿ'ן וואַסער, און ניט

אַרונטער געהן צו'ם גרונד. דערווײַל איז פֿערבּײַ ראָבּינזאָנ'ען דורכגעגאַנגען אַ באַצמאַן און, דערזעהענדיג איהם רוהיג ליעגען, האָט ער איהם אַ שטאַרקען שטויס געטהון און האָט געזאָגט: – דו שענער מענש, וואָס שלאָפסטו! געה זעה, ווי דײַנע ברידער ראַנגלען זיך מיט'ן טויט – געה, העלף זיי. געשווינד שטעה אויף און העלף אונז זיך ראַטעווען.

ראָבּינזאָן האָט זיך מיט מיה אויפגעהויבען און האָט זיך אויך געשטעלט פּאָמפּען דאָס וואַסער. דערווײַל האָט דער קאַפּיטאַן געהײַסען שיסען פֿון קאַנאָנען, כּדי צו געבען וויסען די פֿערבּײַ־געהענדיגע שיפֿען,

אַז זיי געפינען זיך אין אַ גרויסער געפאַהר. ראָבינזאָן האָט ניט געוואוסט, וואָס דער דאָזיגער קנאַל בעדייט, און ער האָט געמיינט, אַז די שיף איז צושאָטען געוואָרען, און ער איז ווידער געפאַלען אין חלשות.

מ'האָט געטריעבען דאָס וואַסער מיט דער גרעסטער פלייסיגקייט, אָבער דאָס וואַסער איז געוואַקסען אַלץ העכער און העכער און מיט איהם די געפאַהר דערטרונקען צו ווערען. מען האָט גענומען אַרויסוואַרפען פון שיף אין וואַסער אַריין אַלע זאַכען און לאַסטען נאָר אויך דאָס האָט נישט געהאָלפען.

דערווייל האָט איין אַנדער שיף דערהערט דעם שטאַרקען נויט=שאָס, און האָט אַוועקגעשיקט אַ רעטונגס=שיפעל. אָבער דער שטורם האָט נישט געלאָזען דאָס שיפעל צוקומען, און די כוואַליעס האָבען עס געשלייערט, ווי אַ שפּענדיל אַהער און אַהין. אָבער געדולדיג האָבען די דאָזיגע בראַווע יונגען געקעמפּפט מיט די רוישענדע וואַסער=בערג, וועלכע האָבען יעדען אויגענבליק געדראָהעט צו פערשלינגען זיי צוזאַמען מיט דאָס שיפעל.

אַ לאַנגע צייט האָט געדויערט ביז זיי האָט געלונגען צו קומען. אַז זיי זענען געקומען ניט ווייט פון איהם האָבען זיי איבערגעוואָרפען קאַנאַטען און מ'האָט זיי צוגעצויגען צו'ם שיף.

ווער ס'האָט נאָר הענד און פיס געהאַט איז געלאָפען פון דער זינקענדיגער שיף, אום זיך צו ראַטעווען פון דעם שרעקליכען גרויזאַמען טויט. ראָבינזאָן האָט זיך ניט געקענט שטעלען אויף די פיס, האָבען אויף איהם רחמנות געהאַט די פרעמדע מאַטראָזען און האָבען איהם איבערגעטראָגען אין קליינעם שיפעל.

קוים זענען זיי מיט'ן קליינעם שיפעל אַוועק, האָבען זיי אַלע געזעהן, ווי יענע גרויסע שיף איז אַראָב צו'ם גרונד.

צו'ם גליק האָט זיך דער שטורם אויפ'ן ים איינגעלעגט, ווען ניט, וואָלטען זיי מיט דעם קליינעם שיפעל אויך דערטרונקען געוואָרען, אַזוי ווי די וואָס זענען געבליבען אין דער גרויסער שיף. דאָס קליין שיפעל איז דערצו נאָך געווען פול אָנגעפּאַקט מיט מענשען. ענדליך נאָך גרויסע מיה און געפאַהר איז געקומען דאָס קליינע שיפעל צו דער גרויסער נישט געשעדיגטער שיף, וואו מ'האָט אַלעמען אויפגענומען זעהר פריינדליך, געגעבען זיי צו עסען און צו טרינקען. און די שיף איז ווידער אַוועק מיט אַ רוהיגען שטילען ווינד.

אין עטליכע טעג אַרום זענען זיי געקומען קיין לאָנדאָן. און ווי גרויס איז געווען זייער פרייד, ווען זיי האָבען דערזעהן די יבשה. אַלע האָבען זיך אַרויסגעשאָטען אויפ'ן ברעג, ווי נאָר מ'האָט די אַנקער אַרויסגעוואָרפען. ראָבינזאָן איז גלייך אַוועק בעקוקען די גרויסע שטאָדט לאָנדאָן לאַנג איז ער געגאַנגען איבער די ברייטע רייכע גאַסען ענטציקט און פערוואונדערט פון די פיעל אַנטיקען וואָס ער האָט געזעהן. ענדליך האָט ער דערפיהלט הונגער און איז אַוועק צו דעם קאַפּיטאַן, מיט וועלכען ער איז געקומען. בעטען, אפשר וועט ער איהם וואָס עס־איז געבען צו עסען. דער קאַפּיטאַן האָט איהם אויפגענומען זעהר וואַרם, זעהר גאַסטפריינדליך, געמאַכט פאַר איהם אַ מאָהלצייט, האָט זיך פעראינטערעסירט צו וויסען דעם ציעל פון זיין רייזע.

דאָ האָט ראָבינזאָן דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע דערצעהלט אָפענהאַרציג, אַז קיין שום געשעפטען האָט ער אין לאָנדאָן ניט געהאַט, אַז געפאָהרען איז ער צוליעב זיין אייגענעם פערגעניגען, און אָהן די עלטערענס וויסען, און איצט ווייס ער אַליין ניט, וואָס ער זאָל אָנהייבען צו טהון.

דערהערט די דאָזיגע ווערטער איז דער שיפס־קאַפּיטאַן געוואָרען אויסער זיך.

— אָהן די עלטערענס וויסען אָבטהון אַזאַ זאַך! — האָט ער געשריען מיט כעס. טאַטע פאָטער אין הימעל! פאַרוואָס האָב איך דערפון פריהער ניט געוואוסט? איך וואָלט אַזאַ נאַרעשען באָד־יונג ניט מיטגענומען אין וועג אַריין! דו נאַרעש יינגעל, צי ווייסטו, וואָס דו האָסט דאָ אָבגעטהון?

ראָבינזאָן איז געשטאַנען פערשעמט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען און האָט געהערט דעם שיפס־קאַפּיטאַנס מוסר, און דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט אַלץ ווייטער איהם געשטראָפט, אַז זיין אומרעכט קעגען די עלטערען איז אונגעהויער גרויס, און זיין גאַנץ אויפפיהרונג איז קינדעריש־נאַריש, און ביז וואַנען ער וועט אויף אַלע זיינע טהאַטען ניט האָבען קיין חרטה, ביז וואַנען זיינע עלטערען וועלען איהם ניט פערגעבען די שווערע זינד, וואָס ער איז קעגען זיי בעגאַנגען, וועט ער זיין פערוואָגעלט אויף דער וועלט און קיין זאַך וועט איהם נישט גילטען. אויסהערענדיג די אַלע רייד פון שיפס־קאַפּיטאַן, האָט ראָבינזאָן געוויינט מיט ביטערע טרעהרען.

און מיט אַ טרויעריגער שטים האָט ער געפרעגט:

— אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, גוטער מענש, וואָס זאָל איך איצטער טהון?

— איצטער? — זאָגט דער שיפס־קאַפּיטאַן, מוזטו צוריקפאָהרען קיין האַמבורג, זאָלסט פאַלען פאַר די עלטערען צו די פיס, און קושען זיי די הענד, אַז זיי זאָלען דיר מוחל זיין די פיעל ליידען און האַרצ־זועהטאָג, וואָס דו האָסט זיי מיט דיין פאָהרען פערשאַפט.

— ווערט איהר מיך דען וועלען צוריק נעהמען קיין האַמבורג? — האָט ראָבינזאָן געפרעגט.

— איך? וואונדערט זיך דער שיפסקאַפּיטאַן, — האָסטו דען פערגע־סען, אַז מיין שיף איז אונטערגעגאַנגען? אויף דער ערשטער און בעסטער שיף וואָס געהט קיין האַמבורג, זאָלסטו זיך זעצען און טאַקע גלייך היינט, ניט אָבלעגען אויף מאָרגען.

— אָבער איך האָב ניט קיין געלד, — האָט ראָבינזאָן שטיל געזאָגט.

— געלד וועל איך דיר לייען, — האָט געענטווערט דער שיפס־קאַפּיטאַן. —

ער האָט איהם געגעבען געלד און געהייסען געהן גלייך צו׳ם ברעג און בעשטעלען אַן אָרט אין דער שיף. פאַר׳ן אַוועקגאַנג האָט ער נאָך צו איהם געזאָגט, אַז אויב זיין תשובה ווערט זיין פון גאַנצען האַרצען, ווערט איהם גאָט העלפען, און זיין צוריקוועג ווערט זיין גליקליך, ניט אַזוי ווי דאָס פאָהרען קיין לאָנדאָן. ער האָט איהם פריינדליך געדריקט די האַנד און האָט איהם פון פולען האַרצען געוואונשען אַ גליקליכע רייזע.

ראָבינזאָן איז אַוועק. און געהענדיג צו׳ם ברעג, וואו די שיפען זענען געשטאַנען, איז ער געוועזען פערזונקען אין געדאַנקען. „וואָס וועלען זאָגען מיינע עלטערען” האָט ער ביי זיך געטראַכט. „ווען איך זאָל יעצט ווידער קומען אַהיים, וועלען זיי מיר דאָס געוויס ניט שענקען און ווע־לען מיך שווער בעשטראָפען דערפאַר. ווידער וועלען לייט פון מיר לאַכען, וואָס איך בין געקומען צו לויפען, ניט אָנגעזעהן לאָנדאָן אַפילו. און אַזוי פערזונקען אין געדאַנקען איז ער שטעהן געבליבען, און האָט ניט געוואוסט. וואָס פאַר אַ בעשלוס ער זאָל אָננעהמען. דאָ פאַלט איהם איין, אַז ער דאַרף נישט און טאָר נישט אַוועקפאָהרען אַזוי שנעל, און ער וויל שוין געהן צוריק. קומען איהם ווידער אין קאָפּ דעם שיפסמאַנס רעד, און ער דערמאָנט זיך, אַז ווען ער ווערט זיך ניט אומקעהרען צו זיינע עלטערען, ווערט איהם זיין שיקזאַל פערפאָלגען און ער ווערט אין

גאָרנישט מַצליח זיין, לסוף איז ער דאָך אַוועק צו׳ם ברעג און דאָרטען האָט ער דערהערט, צו זיין גרויס פערגעניגען, אַז אין האַמבורג וועט אין דעם טאָג קיין שיפען ניט אָבגעהן. דער מענש, וואָס האָט עס איהם געזאָגט, איז געווען אַ דורכפאָהרער פון גוּאינעאַ. ראָבינזאָן איז דעם דאָזיגען מענשען געפעלען געוואָרען, און ער האָט מיט איהם פערפיהרט אַ שמועס, און, אַז ער האָט זיך דערוואוסט פון איהם, וואָס פאַר אַ חשק ער האָט צו בערייזען די וועלט, האָט ער איהם פאָרגעלעגט אַוועקרייזען מיט איהם קיין גוּאינעאָ.

לכתחלה האָט זיך ראָבינזאָן פאַר דעם דאָזיגען געדאַנק געשראָקען. וויעדער זיך לאָזען אין דער אומבעקאַנטער וועלט אַריין אָהן די עלטערענס וויסען און פליכט וויעדער אויסשטעהן אַזוינע אומגליקען און טויט־שרעקעניש? אָבער, אַז יענער האָט איהם גענומען פערזיכערן, אַז די רייזע וועט זיין זעהר אַנגענעהם, און ער נעהמט איהם אָהן שום קאָסטען, דערצו קען ער נאָך דאָרטען פיעל געלד פערדינען, — איז די דאָרשט צום רייזען וויעדער אויסגעוואַקסען ביי איהם אין האַרצען, און ער האָט פערגעסען אָן פאָטער און מוטער, אָן די אַלע צוזאָגען גוט־און־פרום צו ווערען. דער גרויסער פערלאַנג „רייזען״ און זעהן די וועלט, האָט אַרויסגעשטויסען פון זיין האַרץ אַלע געפיהלען און האָט איהם אינגאַנצען בעהערשט. אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ווייניג געלד און ער האָט געזאָגט:

— איך האָב נאָר דריי פראַנק! וואָס קען איך מיט אַזוי ווייניג געלד קויפען, אַז איך זאָל וועלען קענען מאַכען געשעפט אין יענעם אָרט, וואוהין איהר פאָהרט?

— איך וועל אייך נאָך זעקס פראַנק דערלייען, — האָט ער איהם געענטפערט, מיט אַזאַ סומע קען מען שוין קויפען פיעל זאַכען, און דאָס מזל זאָל נאָר בעגליקען, קאָן מען דאָרט רייך ווערען.

— און וואָס אַזוינס זאָל איך איינקויפען? — האָט ראָבינזאָן ווידער געפרעגט.

— מעהר גאָרנישט, ווי קליינינגקייטען — לויטער קליינינגקייטען, — אַלערליי שפיעלצייג, גלעזערנע קאָראַלען, מעסערלעך, שערלעך, בענדער — און דעסטגלייכען. די שוואַרצע אַפריקאַנער האָבען עס אַזוי ליעב, אַז וויפיעל דאָס איז ווערט, וועלען זיי אייך דערפאַר געבען הונדערט מאָל מעהר געלד, פישביין און אַנדערע טייערע זאַכען, וואָס ביי זיי אין לאַנד איז דאָ.

דאָ האָט שוין ראָבינזאָן מעהר זיך נישט געוואַקעלט. ער האָט אינגאַנצען פערגעסען אָן די עלטערען, אָן זיינע פריינד און זיין היימאַט, און אינגאַנצען אָבגעבענדיג זיך זיין פערלאַנג, האָט ער פרעהליך אויסגעשריען:

— איך פאָהר מיט אייך, קאַפּיטאַן!

— עס געהט, האָט געענטפערט דער קאַפּיטאַן. מ'האָט זיך געגעבען די הענד און איבערגעהאַקט, אַלס צייכען, אַז דאָס געשעפט איז געשלאָסען געוואָרען.

ראָבינזאָן איז שנעל אַוועק מיט זיין געלד אין שטאָדט, האָט דאָרט אָנגעקויפט, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט איהם געראַטהען. און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער קאַפּיטאַן געהייסען די אַנקער אַרויסציהען. ס'איז געווען אַ גוטער ווינד, און די שיף איז בְּשָׁלום אַוועק.

ראָבינזאָנ'ס צווייטע רייזע איז געווען מַזָל'דיגער ווי די ערשטע. אָהן שלעכטע צופאַלען איז די שיף מיט גליק געקומען צו דעם אינזעל מאַדעראַ. די מאַטראָזען האָבען אַראָבגעלאָזט די אַנקערס, און ראָבינזאָן איז אַרויס אויף דער יַבָּשָׁה.

דאָס בילד, וואָס האָט זיך ענטפּלעקט פאַר זיינע אויגען, האָט איהם ענטציקט, און בעצויבערט איז ער געשטאַנען און האָט געקוקט אויף די בערג, וועלכע האָבען זיך געצויגען אין איין צוזאַמענגעשלאָסענער קייט, אויף די בוימער און ווייַנשטאָקען, מיט וועלכע דער דאָזיגער אינזעל איז אַזוי רייך. און ער האָט זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקען דאָס שענע הערליכע בילד. מיט פערגעניגען האָט ער געגעסען די זיסע, געשמאַקפאָלע ווייַנטרויבען, פון וועלכע מען מאַכט דעם בעריהמטען מאַדעראַוויין.

דער שיפסקאַפּיטאַן האָט בעדאַרפט אויף דעם דאָזיגען אינזעל פערברענגען עטליכע וואָכען, ווייל די שיף איז צוריאַונירט געוואָרען און מ'האָט זי געמוזט צורעכט מאַכען, און דאָס האָט שוין ראָבינזאָנ'ען ניט גוט געשמעקט, און ער האָט זיך באַלד אָנגעהויבען צו לאַנגווייַלען. זיין אומרוהיגער גייסט האָט ניט געקענט רוהען און האָט געבענקט נאָך נייע ערטער, נאָך נייע געשעהענישען. איהם האָט זיך געוואָלט האָבען פליגלען, כדי ער זאָל קענען מיט איין מאָל די גאַנצע וועלט דורכפליהען.

דערווייל איז אָנגעקומען פון ליסאַבאָן אַ פּאָרטוגאַלישע שיף, וועלכע האָט בעדאַרפט אַוועקגעהן קיין בראַזיליען. ראָבינזאָן איז שנעל בעקאַנט

געוואָרען מיט דעם פיהרער פון דער דאָזיגער שיף, האָט איהם אויסגעפרעגט וועגען דעם גאַנצען לאַנד, און דעם יונג איז דאָס דאָזיגע לאַנד שטאַרק געפעלען געוואָרען, ווייל, ווי ער האָט זיך דערוואוסט, פערמאָגט נאָר דאָרט די מוטער-ערד פיעל גאָלד, און ער האָט געהאָפט צו קומען און אָנלעגען דאָרט פולע טאַשען, וויפיעל נאָר זיין האַרץ וועט גליסטען, און ער האָט גאָר גערן געוואָלט מיטפאָהרען, און ווערען טאַקע דאָרטען אַ גרויסער גביר. דער פאָרטוגאַלישער קאַפּיטאַן האָט איהם געוואָלט נעהמען אָהן שום געלד. איז ראָבּינזאָן אַוועק צו דעם ענגלישען קאַפּיטאַן, מיט וועלכען ער איז אַהער געקומען קיין מאַדערע, און וועלכער איז צו איהם געוועזען פריינדליך, און האָט איהם דערצעהלט זיינע אַלע פּלענער, און אַז ער וויל פערלאָזען דעם אינזעל און אַוועקפאָהרען מיט דער פאָרטוגאַלישער שיף. דער גוטער ענגלישער קאַפּיטאַן האָט אויף דעם איינגעשטימט, האָט איהם געשענקט דאָס געלד, וואָס ראָבּינזאָן האָט ביי איהם געליהען אין לאָנדאָן, דערביי האָט ער נאָך איהם געגעבען פיעל גוטע עצות אויפ'ן וועג. אָבגעזעגענט זיך מיט דעם גוטען קאַפּיטאַן, איז ראָבּינזאָן אַוועקגעגאַנגען צו דער פאָרטוגאַלישער שיף, וועלכע איז שוין געווען גרייט אָבצושווימען.

די ערשטע טעג איז דאָס פאָהרען צוגעגאַנגען זעהר גליקליך. אָבער מיט אַמאָל איז אָנגעקומען אַ שרעקליכער שטורם פון דרום-מזרח, וועלכער האָט אָהן אויפהער געדויערט גאַנצע זעקס טעג. די שיף האָט אַזוי טיעף פערבלאָנדזשעט, אַז אַפילו דער שטייערמאַן אַליין, וואָס פיהרט די שיף, האָט ניט געוואוסט, אין וועלכער עק וועלט זיי געפינען זיך איצט. דער קאַפּיטאַן פון שיף האָט גערעכענט, אַז זיי זענען נישט ווייט פון די קאַראַיבּישע אינזלען.

ערשט אויף דעם זיעבּעטען טאָג, ווי ס'איז נאָר ליכטיג געוואָרען האָט דער באָצמאַן אָנגעזאָגט דעם עולם פון שיף די גוטע בשורה „יבשה”.

דער גאַנצער עולם פון שיף האָט זיך אַרויסגעשאָטען אויף דעם פּאָדעק צו זעהן, וואָס פאַר אַ מין לאַנד דאָס איז. אָבער אין דעם זעלבען אויגענבליק איז זייער שמחה צושטערט געוואָרען, און האָט זיך אין דער גרעסטער שרעק פערוואַנדעלט. עס האָט זיך דערהערט אַ שרעקליכער קראַך, און אַלע וואָס זענען געווען אויף דעם פּאָדעק, האָבען בעקומען אַזאַ מין העפטיגען שטויס, אַז זיי זענען אַנידערגעפאַלען צום באָדען: די שיף האָט זיך אָנגעשלאָגען אויף אַ פעלזען. די רוישענדיגע שוימענדיגע

כוואַליעס האָבען זיך גענומען רייסען אין שיף אַריין מיט אַזאַ האַסט, האָבען אַזוי פיעל וואַסער אין פאָרדעק געשפּריצט, אַז ס'איז געווען געפעהרליך דאָ צו בלייבען, און דער גאַנצער עולם פון שיף איז געלאָפען בעהאַלטען זיך אין די קאַיוטעס.

די מענשען, זעהענדיג דעם שרעקליכען טויט שוין פאַר די אויגען, האָבען אויסגעבראָכען אין אַ ביטער געוויין. די וועהגעשרייען האָבען שטיינער געקענט מאַכען צוגהען, נאָר קיינער האָט זיי ניט געהערט און קיינער האָט ניט געענטפערט.

פּלוצלונג האָט מען דערזעהן, אַז די שיף האָט אינגאַנצען געפּלאַצט. די נאָהענטקייט פון טויט האָט אַלעמען צוגענעבען מוט. געשווינד האָט מען אַראָבגעלאָזען אַ קליין שיפעל און דער גאַנצער עולם איז פון שיף אין קליינעם שיפעל אַריינגעשפּרונגען. דאָס קליינע שיפעל האָט אָבער ניט געקענט אַזויפיעל מענשען נעהמען אויף זיך. דערצו נאָך האָט דער שטורםווינד זעהר שטאַרק געריסען, געהויבען די כוואַליעס, און מיט זיי האָט מען מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג בעדאַרפט קעמפּפען. און די אומגליקליכע האָבען אָנגעווענדט זייערע לעצטע כוחות, האָבען זיך געראַנגעלט מיט די וועלען און געוואָלט פון דעם שרעקליכען טויט אַנטלויפען. אָבער דער טויט האָט איבער זיי אויסגעשפּרייט זיינע שוואַרצע פליגלען, און האָט זיי דעם וועג פערשטעלט. מיט אַמאָל איז אויף דעם שיפעל אָנגעלאָפען אַ כוואַליע, ווי אַ באַרג די גרויס, און האָט זיי גענומען פערפאָלגען — נאָכיאָגען. דאָס איז שוין געווען דער טויט אַליין! דאָ האָט שוין ניט געהאָלפען קיין ווידערשטאַנד. די גרויסע כוואַליע האָט פערשלונגען דאָס שיפעל און האָט עס פערשלעפּט צו זיך אין אָבגרונד אַריין.

פון די אַלע מענשען, וואָס זענען אויפ'ן שיף געווען, איז דער גורל געפאַלען אויף ראָבינזאָנ'ען, ער זאָל לעבען בלייבען. די מעכטיגע כוואַליע האָט איהם אויך פערשלעפּט און פערשלונגען. אָבער דערנאָך האָט זי איהם אויסגעשפּיגען און צו'ם ברעג אַוועקגעשליידערט. זי האָט איהם אויף אַ פעלזען-שטיין אַרויפגעשליידערט און אַזוי האַסטיג, אַז פון דעם וועהטאָג, וואָס ער האָט בעקומען, האָט ער זיך איפגעכאַפּט פון דער בעטייבונג, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען. ער האָט אויפגעעפענט די אויגען. דערזעהן, אַז ער לעבט, אַז ער געפינט זיך אויף דער טריקענעש, האָט ער צוזאַמענגענומען דאָס לעצטע ביסעל כוחות און אַרויפגעקלעטערט אויפ'ן ברעג. דאָ האָבען איהם די כוחות ווידער פערלאָזען, און פער'חלש'ט איז

ער געבליבען ליגען אַליין אונטער דעם אָפענעם הימעל בײַ דעם ברעג פֿון דעם רוישענדיגען ים. ענדליך האָט ער ווידער די אויגען געעפֿענט און האָט זיך אומגעקוקט, וואו ער געפֿינט זיך.

באַרימהערציגער גאָט! וואָס האָט ער פֿאַר זײַנע אויגען דערזעהן! אײַנציגע צעוואָרפֿענע ברעטער האָט דער ים אויפ׳ן ברעג אַרויפגעוואָרפֿען. די שיף, דאָס שיפֿעל, די מענשען זענען אַלע אומגעקומען, נאָר איהם אַליין האָט דער טויט אויסגעמיַידט, איהם אַליין האָט ער איבערגעלאָזט!

פֿון איין זײַט האָט איהם אַרומגענומען אַ ווילדע מורא, אָבער אויך אַ טיפֿע פֿרייד. ער האָט אויפֿגעהויבען די הענד צו׳ם הימעל און האָט מיט טרעהרען געדאַנקט גאָט, וואָס געוועלטיגט איבער הימעל און ערד, וואָס האָט איהם אַליין פֿון טויט מציל געווען. ער האָט זיך דערמאָנט זײַנע צוזאָגען, וואָס ער האָט ביז אַהער נישט געהאַלטען, און מיט׳ן גאַנצען האַרצען האָט ער יעצט גאָט פֿערשפּראָכען אײַנגאַנצען אַנ׳אַנדער מענש צו ווערען, און מעהר שוין קיינמאָל קיין שלעכטס ניט בעגעהן.

צווייטעס קאַפּיטעל.

(ראָבינזאָן ווערט פֿערוואָרפֿען אויף אַנ׳אײַנזאַמען אינזעל און אָרדענט זיך אויף איהם איין.)

אַז ראָבינזאָן איז צו זיך געקומען, האָט ער ערשט אָנגעהויבען צו פֿערשטעהן, אין וואָס פֿאַר אַ לאַגע ער געפֿינט זיך. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אַרום און אַרום נאָר ווילדע בוימלעך, אונפרוכטבאַרע בוימער, און קיין איין זאַך, וואָס זאָל דערצעהלען, אַז דאָס אָרט האָט אַ מענש בעוואוינט. איהם האָט אַרומגענומען אַ שוידער. אַליין אין אַזאַ ווילדער לאַנד פֿערבלײַבען! און די האָהר פֿון קאָפּ האָבען זיך איהם אויפֿגעשטעלט, אַז ער האָט גענומען בעקלערען: וואָס וועט זײַן, אַז דאָ וועלען זיך געפֿינען ווילדע חיות, אָדער ווילדע מענשען, פֿאַר וועלכע מ׳קען ניט קיין איין סעקונדע זיכער זײַן מיט׳ן לעבען.

און אַ גרויסע אַנגסט האָט אַרומגענומען זײַן נשמה און ער האָט זיך ניט געקענט ריהרען פֿון אָרט, ווײַל דאָס קלענסטע גערויש האָט אויף איהם אָנגעוואָרפֿען אַ שוידער. ענדליך האָט איהם שרעקליך אָנגעהויבען דאַרשטען, און ער האָט געמוזט געהן זוכען וואַסער. צו׳ם גליק

האָט ער בּאַלד געפֿונען אַ קלאָרען קוואַל וואַסער, און ער האָט זיך דער־קוויקט מיט איהם. ער האָט גערדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט איהם צוגע־שיקט. איצט האָט ער געבּענקט נאָך רוּה, ווײַל ער איז געווען אַזוי מיעד און מאַט פֿון דעם אַלעם, וואָס ער האָט זיך אויסגעליטען, אַז ער האָט זיך קוים אויף די פֿיס געהאַלטען.

אַלײן, וואו זאָל ער די נאַכט איבּערנעכטיגען? אויף דער ערד אונטער

דעם פֿרײַען הימעל? קענען דאָך יעדע ווײַלע אָנקומעןווילדע חיות אָדער ווילדע מענשען און איהם אויפֿעסען. אַ לאַנגע צײַט איז ער גע־שטאַנען פֿערצווייפֿעלט און האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל אָנהײבּען צו טהון. לסוף חאַפּט ער זיך; ער וועט טהון אַזוי ווי די פֿײגלעך — ער וועט זיך לעגען שלאָפֿען אויף אַ בּוים. און גלײַך האָט ער טאַקע געפֿונען אַ בּוים, וועלכער איז געווען אַזאַ דיקער און שטאַם, אַז מען האָט אויף איהם געקענט מאַכען דאָס בּעסטע געלעגער. ער איז אַרויפֿגעקראָכען אויף דעם דאָזיגען בּוים, האָט אָפּגעדאַנקט גאָט און איז בּאַלד אײַנגעשלאָפֿען.

לאנג האט אבער זיין שלאף נישט געדויערט. איידער די זון איז נאך אויפגעגאנגען איז ער שוין געווען וואך. דא האט ער גענומען בעטראכטען, וואו זאל ער קריגען עפּעס צו'ם עסען.

אבער מישטיינס געזאגט, וואס מ'קען קריגען אויף א וויסטען אינזעל! נישט קיין פליייש, נישט קיין ברויט, נישט קיין גריִנם, נישט קיין מילך. און ווען ער וואלט שוין עפּעס געקראגען, האט איהם געפעלט פייער, האט ער נישט געהאט קיין טעפּיל, האט ער נישט געהאט קיין מעסער — אלץ האט איהם געפעלט.

די אלע בוימער, וואס ער האט ביז אהער געזעהן, זענען געוועזן פון דעם סארט קאמפּישע בוימער, בוימער אהן פּירות, וואס פון זייער האלץ מאכט מען פארב, אבער איהם האבען זיי גארנישט געקענט געבען, אויסער אנ'ארט אויף איבערשלאפען און בעהאלטען זיך פון די ווילדע חיות און ווילדע מענשען.

און אזוי ווי ער האט דעם גאנצען טאג גארנישט געגעסען, האט דער הונגער איהם אנגעהויבען שטארק צו מאטערען, און ער לאזט איהם ניט בלייבען רוהיג, ער צווינגט איהם פערגעסען די מורא פאר דעם פרעמדען וויסטען אינזעל, ער טרייבט איהם אין אלע עקען פון איהם זוכען, זוכען! ער איז אראב פון בוים און האט זיך געלאזט געהן — אפשר וועט ער געפינען מיט וואס דעם הונגער צו שטילען. לאנג איז ער ארומגעלאפען, און האט אבער גארנישט געפונען נאר בוימער אהן פּירות און גראז.

„איך וועל דארפען שטארבען פאר הונגער", האט ער ביטער געוויינט אויפ'ן קול. דאך האט די פערצווייפלונג פון איהם ניט אוועקגערויבט דעם מוטה. די שרעקליכע נויט, אין וועלכער ער האט זיך געפונען, האט איהם נאך מעהר מוטה און כוחות צוגעגעבען. ער איז אויסגעלאפען דעם גאנצען ברעג, אפשר וועט ער פארט ערגעץ וואו געפינען וואס-עס-איז פון עסענווארג. אבער ליידער, אומזיסט איז געוועזן זיין זוכען! מעהר געפינט ער גארנישט נאר די זעלבע קאמפּישע בוימער, אינדישע ווערבעס, גראז און זאמד! מאט און דערשלאגען איז ער אנידערגעפאלען מיט'ן פּנים צו דער ערד און אין דער גרעסטער פערצווייפלונג וויינט ער, פארוואס איז ער בעסער ניט דערטרונקען געווארען צוזאמען מיט זיינע מיטפאהרער פון שיף, איידער שטארבען מיט א לאנגזאמען שווערען טויט פון הונגער.

מיט אַמאָל קומען איהם אין קאָפּ אַפּאָר שורות פֿון אַ ליעדעל, וואָס ער האָט אַמאָל געקענט:

„דער גאָט, וואָס נעהרט די קראָה, וועט מענשען ניט
פֿערשטויסען,
דער גרויסער גאָט בּעזאָרגט דעם קליינעם מיט דעם
גרויסען."

נאָך די דאָזיגע ווערטער האָט ער זיך גאַנץ גוט אויסגעזידעלט׳ וואָס ער פֿערלאָזט זיך אַזוי ווייניג אויף גאָט, איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון דער ערד, און האָט בּיי זיך פֿעסט בּעשלאָסען, אַז בּיז וואַנען זיינע כּוחות וועלען איהם אינגאַנצען ניט פֿערלאָזען, וועט ער ניט פֿערליערען דעם בּטחון אין גאָט. ער וועט איבּערגעהן דעם גאַנצען בּרעג. פֿון עק בּיז עק — און וועט דאָך פֿאָרט ערגעץ געפֿינען וואָס עס איז צו׳ם עסען. ענדליך האָט איהם גאָט געהאָלפֿען. פֿון ווייטען האָט ער דערזעהן אַ שאַרבּען פֿון אַן׳אוסטריצע, ווי אַ שפּאַרבּער איז ער צוגעלאָפֿען צו יענעם אָרט. און ווירקליך האָט איהם געגאָלטען: אין זאַמד זענען געלעגען עטליכע אוסטריצעס. זיין פֿרייד איז געווען ניט אויסצודריקען און ניט צו בּעשרייבּען: אַ קלייניגקייט ער האָט געפֿונען מיט וואָס איינצושטילען דעם שטרענגען נאָגענדיגען הונגער!

איצט איז פֿון די ערשטע און גרעסטע דאגות געווען, ווי אַזוי זיך איינאָרדענען אַ וואוינונג, וואָס זאָל איהם אָבּהיטען פֿון ווילדע מענשען און חיות.

זיין ערשטער נאַכטלעגער איז געווען פֿאַר איהם אונבּעקוועם, און אָהן פּחד האָט ער וועגען זיין פֿאָריגען נאַכטלעגער ניט געקענט טראַכטען, און ווידער איז ער אַריינגעפֿאַלען אין אַ פֿערצווייפֿלונג.

— וואָס קומט מיר אַרויס, — האָט ער פּיינליך געטראַכט, אַז איך האָבּ געקראָגען מיט וואָס דעם הונגער איינצושטילען. בּאַלד, יעדע מינוט, יעדע רגע קען דאָך קומען אַ ווילדע חיה און מיך צערייסען. בּיי די דאָזיגע פֿינסטערע געדאַנקען האָט איהם אַרומגענומען אַזאַ מין אימה גלייך, ווי דער ווילדער טיגער וואָלט שוין געשטאַנען נעבּען איהם מיט זיין גרויסען דאָרשטיגען מויל און מיט זיינע בּייזע שאַרפֿע צייהן. און פֿון גרויס שרעק האָט זיך איהם געגומען דאַכטען, אַז דער ווילדער טיגער שטעהט נעבּען איהם, מיט אַ בּרייט פֿונאַנדערגעעפֿענטען מויל, וואַרפֿט זיך אויף איהם און חאַפּט איהם פֿאַר דעם האַלז. און אַ ווילדער געשריי, וואָס איז

געוועז געבוירען פון זיין טיעפער פערצווייפלונג, האט צעריסען די שטיל־קייט פון דעם וויסטען אינזעל.

„מיינע טייערע עלטערען, — האט ער ווילד געשריען און איז אונמעכטיג אנידערגעפאלען צו דער ערד. און אזוי איז ער א לאנגע צייט געלעגען פערזונקען אין אנגסט און פערצווייפלונג, און פלוצלונג האט ער זיך דערמאהנט אן זיין מאמעס א ליעד, וואס זי פלעגט זינגען, ווען עס פלעגט מיט איהר עפּעס שלעכטס פּאסירען.

„ווער נאר עס לאזט פון גאט זיך פיהרען
און האפט צו איהם אין יעדע צייט
דעם וועט ער קיינמאל לאזען אירען
און יעדען אומגליק – יעדען לייד:
ווער ס'איז אן גרויסען גאט פערטרויט
דער האט זיין גליק אויפ'ן פעלז געבויט."

דאס דאזיגע ליעדעל האט איהם וויעדער דערמינטערט; ער איז שנעל אויפגעשפרונגען פון דער ערד און האט זיך געלאזט געהן, און אזוי געהט ער, זוכט אויף אלע זייטען, אפשר וועט ער ערגעץ געפינען א הייהל, וואס זאל איהם קענען דיענען פאר א וואוינונג. און אזוי געהענדיג דערזעהט ער א הויכען בארג. ער איז געוועז מיעד און אבגעשוואכט, דאך האט ער אויפגעזאמעלט זיינע לעצטע קרעפטען און איז מיט גרויס מאטערניש ארויפגעשטיגען אויף דעם דאזיגען בארג. דא האט ער זיך פריי ארומגעקוקט, אבער, ביז וואנען זיין אויג האט געגרייכט, האט ער געזעהן בלויז וואסער: הימעל און וואסער. וואו ניט וואו האבען פון וואסער ארויסגעקוקט קליינע אינזלען און מעהר האט ער גארניש געזעהן. איצט האט ער שוין קלאהר געוואוסט, אז ער איז פערוואָרפען געוואָרען אויף א וויסטען אינזעל – און זיין שרעק האט געוואקסען.

„איך בין אומגליקליך און פערלאָרען", האט ער אויסגעשריען. פון אלע מענשען בין איך פערוואָרפען און פערשטויסען געוואָרען! און ווי אזוי קען איך האפען א ווענ צו געפינען פון דער דאזיגער טרויעריגער, וויסטער מדבר ארויס! א, אויף עביג בין איך שוין פערפאלען! מיינע ארימע עלטערען! איך וועל אייך שוין קיינמאל מעהר נישט זעהן, קיינמאל ניט קענען פאר אייך בעטען מחילה, קיינמאל נישט."

און ער האט אויפגעהויבען די אויגען צו גאט און האט איהם מיט,

גאַנצען הארץ היים געבעטען, ער זאָל איהם געבען כּח איבערצוטראָגען די שווערע ליידען, אין וועלכע ער איז אַליין שולדיג געוועזען. גלייך נאָך דער תּפלה האָט ער זיך גענומען פיהלען אַ סך מוטיגער. ער האָט ווידער אָנגעפאַנגען אַרומצוקלעטערען איבער די בערג און האָט אַלץ געזוכט עפּעס אַ פּאַסיג אָרט, וואָס ער זאָל קענען מאַכען פאַר אַ וואוינונג. לאַנג האָט ער געזוכט און נישט געקענט געפינען. און אַזוי זוכענדיג איז ער געקומען צו אַ קליינעם בערגעל, וואָס איז פון איין זייט געוועזען גלייך ווי אַנ׳אויפגעשטעלטע וואַנד. און אַז ער האָט גוט בעקוקט די דאָזיגע וואַנד האָט ער אין איהר געפונען אַזאַ מין אָרט, וואָס איז געוועזען אַזוי ווי אַביסעל דורכגעריסען און האָט געהאַט אַ קליינעם שמאָלען דורכגאַנג.

ווען ער זאָל האָבען אַ האַק, אַ גראָב-אייזען און נאָך אַזוינע ווערקצייג, וואָלט לייכט געוועזען מאַכען טיעפער דעם אַריינגאַנג און מאַכען דערפון אַ וואוינונג, אָבער האָבען האָט ער גאָרנישט געהאַט מיט וואָס די וואַנד דורכצוברעכען, און דערצו איז זי נאָך געוועזען אַ פעלזיגע און ס׳איז געוועזען אונמעגליך, וואָס-עס-איז מיט דעם איינגאַנג צו מאַכען, ער זאָל קענען דיענען פאַר אַ וואוינונג. האָט ער בעדאַרפט קריגען אַ מיטעל ווי אַזוי זיך צו בעגעהן אָהן זיי. אַ לאַנגע צייט איז ער געשטאַנען און האָט זיך געבראָכען דעם קאָפּ, וואָס ער זאָל טהון, וואָס פאַר אַ מיטעל זאָל ער געפינען. ענדליך האָט ער בעקלעהרט: אַז די בוימער, וועלכע ער האָט דאָ געזעהן וואַקסען, זענען געוועזען ניט טיעף איינגעוואָרצעלט אין דער ערד. ער האָט דאָס געוואוסט נאָך דעם אַרט בוימער, אַלזאָ וועט ער נעהמען מיט די הענד און וועט אַזוי לאַנג גראָבען ביז וואַנען ער וועט זיי פון דער ערד אַרויסגראָבען, און וועט מיט זיי אַרומשטעלען דאָס לאָך, דאָס הייסט דעם שמאָלען איינגאַנג אין וואַנד — און אויף אַזאַ אופן מאַכען זיך אַ וואוינונג. און ווען די בוימער וועלען זיך לאָזען דערנאָך איינפלאַנצען, וועלען זיך צונעהמען און אָנהויבען וואַקסען, דאַן וועט ער האָבען גאָר אַ זיכערע וואוינונג, וואָס וועט איהם בעשיצען ווי אַ הייזעל.

גלייך האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבייט, האָט מיט די הענד אויסגעגראָבען עטליכע יונגע בוימער און האָט זיי אַוועקגעטראָגען צו יענעם אָרט. איצט האָט ער ווידער בעדאַרפט מיט די הענד אויסקראַצען אַ לאָך, וואו די בוימער איינצופלאַנצען, און אַזוי ווי די אַרבייט איז צוגעגאַנגען שווער און פּאַמעליך, האָט זיך דערווייל אונטערגערוקט דער

אָווענד. ער האָט אַפילו בעוויזען פינף זעקס בוימער איינצופלאַנצען ביז דער אָווענד איז אָנגעקומען.

פון דער שווערער אַרבייט האָט זיין אַפּעטיט געוואַקסען, און ער האָט ווידער דערשפּירט הונגער. איז ער אַוועק צו׳ם ברעג זוכען ווידער אויסטריצעס. אָבער יעצט האָט איהם ניט געגליקט. ס׳איז געווען גראָד די צייט, ווען דער ים פערפלייצט דעם ברעג. אַלזאָ האָט ער נאָך גאָרנישט געפונען און האָט געמוזט הונגעריגערהייט אַהיים געהן שלאָפען. דעם דורשט האָט איהם יאָ געלונגען איינצושטילען. ניט ווייט פון זיין קינפטיגעם וואוינונג איז געווען אַ קלאָהרער וואַסער-קוואַל און ער האָט מיט קאַלט וואַסער דערקוויקט זיין פערמאַטערט האַרץ. וואוהין אָבער געהט מען שלאָפען? וואו לעגט מען זיך שלאָפען? לאַנג טראַכט ער ניט. דער אָווענד רוקט אָן, שנעל קומט די נאַכט, וועלכע וועט באַלד אַלע ערטער פערדעקען. ער בעשליסט, ביז זיין וואוינונג וועט ניט ווערען פערטיג. שלאָפען אויפ׳ן בוים. ער וויקעלט זיך אַרום מיט געדרעהטע צווייגען, בעט אונטער אויף דעם בוים, און נאָך אַלע שווערע אַרבייט, נאָך פיעל זאָרג און איבערלעבונגען, ווערט ער אַנשלאָפען און שלאָפט שטאַרק און רוהיג.

מיט טאָג גלייך איז ער אויפגעשטאַנען. פריהער פון אַלע אַרבייט איז ער געלאָפען צו׳ם ברעג ים זוכען אויסטריצעס, אָבפרישטיקען און פלינק און דרייסט זיך ווידער נעהמען צו זיין שווערער אַרבייט. דאָס מאָל איז ער אַוועק מיט אַן׳אַנדער וועג צו׳ם ברעג. געהט ער אַזוי און טראַכט, ווי גוט וואָלט דאָס איהם געווען, ווען ער וואָלט אויף דעם דאָזיגען וועג געפינען עפּעס גוטע שפּייז. און ווי ער טראַכט אַזוי, קוקט ער זיך אום אויף אַלע זייטען, און ווי גרויס איז זיין פרייד, אַז ער דערזעהט פאַר זיינע אויגען אַ הויכען בוים, אַ וואונדער-שענעם, אַזוי ווי אַ פאַלמע, גאָר אָהן צווייגען, נאָר אויפ׳ן שפּיץ האָט ער לאַנגע בלעטער ווי שווערדען, און די דאָזיגע בלעטער רינגלען איהם אַרום ווי אַ קרוין, און צווישען די דאָזיגע בלעטער הענגען גרויסע, גלוסטיגע פרוכטען.

מיט פרייד האָט ראָבינזאָן אויסגעשריען:

— ס׳איז דאָך אַ קאָקוס-בוים! אָ גאָט! איך דאַנק דיר פאַר דיין חֶסֶד, וואָס דו ווייזט מיר. איצט וועל איך שוין פאַר הונגער ניט שטאַרבען. געשווינד האָט ער אַראָבגעקלאַפּט פון בוים אַ נוס. ס׳איז איהם אַפילו געווען ניט לייכט די ערשטע שאָל אַראָבצונעהמען. ווי ס׳איז בעוואוסט,

האָבּען די קאָקוס=ניס דריי שאָלען, און די שאָלען האָבּען צו דריי לעכער, פֿון וועלכע מען קען אַרויסזויגען דעם זאַפֿט פֿון דער נוס. ראָבּינזאָן האָט גענומען אַ גריסען, שווערען שטיין און האָט געעפֿענט די אויבּערשטע לאָך. פֿון דער צווייטער, וואָס איז געווען זעהר האַרט, האָט ער געמאַכט אַ בּעכער צו׳ם שעפּען וואַסער, און אַזוי בּיסלעכווייז איז ער דערגאַנגען צו׳ם יאָדער, וועלכער איז געווען זעהר געשמאַק.

ס׳איז שוין געווען איינמאָל אַ מאָהלצייט! ער האָט זיך מיט איין נוס גיט געוואָלט בּעגנוגנען. נאָך אַזויפֿיעל הונגעריגע טעג האָט זיין מאָגען ניט אַזוי שנעל געוואָלט זאַט ווערען. דערצו האָבּען די ניס אַזוי גוט געשמעקט, אַזוי איהם דערפֿרישט! ער האָט אָבּגעריסען אַ צווייטע נוס, אַ דריטע, און האָט געקוויקט דאָס האַרץ און געדאַנקט גאָט.

אָבּגעגעסען, איז ער שנעל אַוועק צו׳ם בּרעג זוכען די אויסטריצעס, דאָס מאָל האָט ער געפֿונען ווייניג, אָבּער פֿאַר הונגער האָט ער איצט שוין מעהר ניט מורא געהאַט. אונטער גאָטס=שוץ איז ער. און דער בּוים וועט זיין איצט זיין שפּייזער.

די פּאָר אויסטריצען נעהמט ער מיט און געהט זיך נעהמען פֿאַר דער נעכטיגער אַרבּייט זיך אַ וואוינונג מיט בּוימער אָבּצוימען. געהענדיג צוריק איז איהם ווידער געגליקט: ער האָט געפֿונען אַ מושעל=שאָל און האָט דאָס געמאַכט פֿאַר אַ לאָפּאַטע צו גראָבּען די ערד. מיט דעם געווינס איז ער געווען איבּערצופֿריעדען, און דעריבּער האָט ער בּעשלאָסען בּיי זיך, אַז געהענדיג אויפֿ׳ן וועג זאָל ער זיך צו אַלעם צוקוקען, ווייל יעדע זאַך קען איהם אויף דעם וויסטען אינזעל בּרענגען נוצען און פֿער= גרינגערען זיין לעבּען. אַזוי געהט ער, קוקט זיך אויף אַלץ אום, און גראָד דערזעהט ער הויכע זאַנגען וואַקסען, און די זאַנגען געהען ווי אין פֿעדימלעך, ווי אונזער פֿלאַקס. בּיי זיך אין דער היים וואָלט ער זיך אויף דעם גאָרניט אומגעקוקט, אָבּער דאָ איז ער געצוואונגען אין אַלץ זוכען פֿאַר זיך שפּייז און נוצען. און ער בּעטראַכט די דאָזיגע געוויקסען. „טאָמער, טראַכט ער, וועט מען פֿון די פֿעדים קענען מאַכען פֿאָדים, אַזוי ווי פֿון אונזער פֿלאַקס?‟ אויף צו פּרובּירען רייסט ער אויס זאַנגען, בּינדט זיי אין בּינדלעך און לעגט זיי אַריין אין וואַסער. אין וואַסער ליגען זיי בּיז וואַנען זיי ווערען גוט צעווייקט, דעמאָלט נעהמט ער די בּינדלעך אַרויס, נעהמט זיי פֿונאַנדער און צעשפּרייט זיי אויס אויף דער זון צו טריקענען. און אַז די זאַנגען זענען גוט טרוקען געוואָרען, האָט ער

געקראגען א גרויסען שטעקען און האט איבער די זאנגען אזוי לאנג געקלאפט, ביז וואנען איינציגע פערים האבען זיך שוין גענומען פונאנדערנעהמען. און איהם איז געלינגען! פון די זאנגען זענען געווארען פעדים, ווי פון אונזער פלאקס.

פון דעם דאזיגען פלאקס האט ער זיך געפרובט אויספלעכטען שטריק, די דאזיגע שטריק קען מען פערשטעהן, זענען געוויס ניט געוועזען אזוי שטארק, ווי די וואס דער שמוקלער מאכט אויף א דרעה=מאשין, אבער דאך זענען זיי פאר איהם געוועזען גענוג שטארק, און זענען איהם זעהר גוט צוניץ געקומען. ער האט געפונען א לאנג שטיק האלץ, האט צוגעבונדען די טשערעפאכע=שאל צו׳ם האלץ און האט געמאכט כלומר׳ש א לאפאטע אויף צו גראבען ערד.

איצט נעהמט ער זיך פלייסיג צו זיין ארבייט. ער גראבט אויס איין ביימעל נאך דעם אנדערען און פלאנצט זיי איין נעבען זיין הייהל, אין צוויי רייהען. און כדי מאכען דאס ארט נאך זיכערער, האט ער מיט גרינע צווייגען דורכגעפלאכטען די בוימער, און די שפאלטען האט ער פערשטעלט מיט דערנער, מיט ערד. און אזוי איז אויסגעוואקסען א הויכע געמויערטע וואנד, ווי אן אמת׳ע פעסטונג, וואו ער וועט שוין רוהיג און אומגעשטערט קענען שלאפען. איצט האט ער נאך בעדארפט זארגען וועגען מאכען אן ארויסגאנג. זיין לאך, אדער הייהל האט ער דאך פון אומעדום פערשטעלט. פון דער וואנד האט ער קיין ארויסגאנג אויך ניט געקענט האבען, האט ער עס געמאכט אויף אזא אופן. אויפ׳ן בארג, איבער זיין קליין דירה׳לע, איז געשטאנען אן אלטער פעסטער בוים, וועלכער איז איז ראבינזאנען זעהר צוניץ געקומען. ער האט ווידער אויסגעפלאכטען שטריק און האט זיך א שטריק=לייטער געמאכט, איהם אנגעבונדען אן ביים און האט געקענט אריין און ארויס פון זיין הייל, ווי א פרייער ווירטה. מיט דעם אלץ איז ער געוועזען איבערגליקליך. א קלייניגקייט! איהם האט געלינגען מיט זיינע אייגענע קרעפטען פאר זיך אן ארט צו געפינען, וואו ער וועט קענען זיין קאפ אנידערלעגען, וואו ער וועט זיך אויסרוהען, און וועט זיין זיכער, אז קיינער פון די אומגעבעטענע געסט וועט ניט שטערען זיין שלאף. איצט האט ער אנגעהויבען צו בעקלעהרען, ווי זאל ער פערגרעסערן זיין קליינע הייהל, וועלכע איז געוועזען אזוי ענג, אז ער האט זיך אין איהר ניט געקענט פריי א קעהר טהון, אבער אום צו גראבען טיעפער די הייהל האט ער דאך געמוזט האבען דאס נויטיגע געצייג דערצו. און וואו נעהמט

מען עס? וואו קריגט מען זיי? מיט זיינע פינף פינגער וועט ער דאך דאס ניט קענען מאכען! אבער ער האט שוין בילעכווייז גענומען גלויבען אין זיין מזל, און ער האט ווידער אנגעהויבען זוכען, אפשר וועט איהם דאס מאָ גאט ווידער פיהרען אויף א גוטען וועג. און ער לאזט זיך אוועק זוכען.

ער דערמאנט זיך, אז ער האט ערגעץ בעמערקט גרינע, זעהר הארטע שטיינער. און ער לאזט זיך אוועק זיי צוזוכען, און באלד געפינט ער א שטיין אזוינעם, און פונקט, ווי דער דאזיגער שטיין איז פאר איהם בעשאפען. פונקט, ווי גאט האט עס איהם פערזארגט. צו א פארטיגע האק איז ענליך דער שטיין. אין מיטען מיט א לאך. אויף א הענדטיל אריינצושטעלען. ער האט געהאט א גראבען שטעקען און אין איין אויגענבליק איז ביי איהם געווארען א האק. ער האט זיך גלייך געפרובט מיט איהם א בוים דורכהאקען, און ווי גרויס איז געווען זיין פרייד, אז די דאזיגע ארבייט איז געגאנגען, ווי געשמירט. ער איז געווען אין גאנצען גליקליך מיט זיין ערפינדונג. ער זוכט ווידער צווישען די שטיינער און געפינט

נאך צוויי, וועלכע זענען איהם אויך געווען, ווי פון גאט צוגעגרייט. איין שטיין איז געווען, ווי א האמער, וואס די סטאליארעס בענוצען, דער אנדערער איז געווען ווי א דלאטע פון איין זייט, און פון דער אנדערער, ווי א קלין. זיין שמחה איז נישט צו בעשרייבען, נישט צו דערצעהלען. מיליאנען־מיליאסען וואלט ער נישט גענומען פאר אזא שטיקעל שטיין. ער האט צונויפגענומען די אלע שטיינער און איז מיט שמחה געשווינד געלאפען אהיים.

איצט האט זיך ראבינזאן גענומען מיט זיין געצייג צו דער ארבייט.

און זי איז געשווינד צוגעגאַנגען, אַז אין איינִיגע טעג האָט ער אַזוי ווייט אויסגעהאַקט די הייהל, אַז זי איז געוואָרען אַנ'אֶמת'ע געריימטע וואוינונג.

פֿעהלט איהם איצט נאָר אַ געלעגער, וואו זיך אויסצורוהען, די ביינער צונויפקלייבען. אָבער אונזער ראָבּינזאָן וועט שוין קריגען אַ מיטעל. גראָז וואַקסט, די זון שיינט גערן, גנעדיג און שנעל וועט זי ראָבּינזאָנען דעם נאַכטלעגער פֿאַרטיג מאַכען. ראָבּינזאָן רייסט גראָז, און די זון טריקענט דאָס גראָז און מאַכט דערפֿון היי. און אַנגעגעהם וועט זיין צו שלאָפֿען אויף דעם פֿרישען שמעקעדיגען היי. דאָ וועט ער ווידער זיך אויסשלאָפֿען, ווי אַ מענש, וועט אויסגלייכען די ביינער, און ס'וועט זיין זים די רוה נאָך אַזוי פֿיעל שווערע נעכט, ווען ער האָט געמוזט אויף דעם בוים, ווי אַ פֿויגעל, נעכטיגען און ברעכען זיך דעם רוקען.

דער קומענדיגער טאָג איז געווען שַׁבָּת, און ראָבּינזאָן האָט בעשלאָסען איהם צוברענגען, ווי גאָט, ווען ער האָט די וועלט בעשאַפֿען, רוהען פֿון אַלע אַרבייט, פֿון אַלע זאָרג, ער האָט אַזוי געטהון. געהאַלטען שבת. ער איז געזעסען און בעטראַכט זיך אַליין, זיין גאַנצען לעבען, ווי ער האָט זיך אויפֿגעפֿיהרט, און עס דריקט איהם ביי'ם האַרצען. וואָס פֿאַר אַ שמערצען ער האָט אָנגעטהון זיינע גוטע ליעבע עלטערען. ער דערמאָנט זיך אָן זיי און פֿון פֿולען האַרץ בעט ער גאָט, ער זאָל איהם מוחל זיין זיינע שווערע זינד, וואָס ער איז קעגען זיינע עלטערען בעגאַנגען, און ער זאָל זיי חאָטש צושיקען עפּעס אַ טרייסט.

כדי צו וויסען, ווי אַזוי די טעג געהען, וויסען ווען איז יום טוב, שבת, האָט ראָבּינזאָן געמאַכט אַ לוח.

ער האָט אויסגעזוכט פֿיער בוימער, וואָס זענען געשטאַנען איינע קעגען די אַנדערע. אויף איין בוים פֿלעגט ער יעדען טאָג מאַכען אַ צייכען, וועלכער האָט בעדייט דעם פֿערגאַנגענעם טאָג. און אַז ער האָט שוין זיבען אַזוינע צייכענס געמאַכט — האָט ער געוואוסט, אַז אַ וואָך איז שוין פֿערגאַנגען, און אַז ס'איז שבת. אויף אַ צווייטען בוים פֿלעגט ער יעדע וואָך מאַכען אַ צייכען, און אַז ס'זענען שוין געווען פֿיער אַזוינע צייכענס, האָט ער געוואוסט, אַז אַ חודש איז אַריבער און האָט געמאַכט אַ צייכען אויפ'ן דריטען בוים. פֿערשטעהט זיך, אַז ער האָט צו די פֿיער וואָכען נאָך צוגעלעגט טעג וויפֿיעל עס האָט זיך געפּאַסט צו יענעם חודש, וויל אין אַ חודש איז דאָך דאָ טיילמאָל ניין און צוואַנציג טיילמאָל דרייסיג טעג. און ווען צוועלף אַזוינע צייכענס פֿלעגען זיין געמאַכט אויף

רעם דריטען בוים, פֿלעגט דעמאָלט ראָבּינזאָן וויסען, אַז אַ יאָהר איז פֿער=
נאנגען, און דאַן פֿלעגט ער מאַכען אויף דעם פֿערטען בוים אַ שטריך.
און אויף אַזאַ מין אופֿן האָט ער געוואוסט די צייט, האָט ער געוואוסט,
ווען שבת צו האַלטען, ווען יום טוב איז.

דערווייל האָט ער אויפֿגעגעסען די גאַנצע ניס פֿון דעם קאָקוס=בּוים,
וועלכען ער האָט געפֿונען, אויסטריצען פֿלעגט ער אויפֿ׳ן ברעג געפֿינען
ווייניג און מיט זיי זיך שפּייזען איז איהם געווען קאַרג, דעריבּער האָט ער
בּעצייטענס אָנגעהויבען צו זאָרגען וועגען זיין קינפֿטיגער חיונה, און צוליעב
דעם האָט ער בּעשלאָסען מאַכען אַ שפּאַציער=גאַנג איבּערן אינזעל און
מאַכען נייע ענטדעקונגען. און כּדי די זון זאָל איהם אַזוי שטאַרק ניט
בּרענען אין קאָפּ, איז ער ווידער געפֿאַלען אויף אַנ׳המצאה: מאַכען זיך
אַ שירם! דאָט ער גענומען ריטלעך פֿון ווערבּעס, האָט זיי געפֿלאָכטען
קיילעכדיג, ווי אַ דעכעלע, אין דערמיט האָט ער אַריינגעשטעלט אַ שטע=
קיל און האָט איינגעבּונדען מיט שטריקלעך, דערנאָך האָט ער גענומען
פֿון דעם קאָקוס בּוים בּרייטע בּלעטער, האָט גוט און פֿעסט בּעדעקט
דאָס דעכיל און ס׳איז בּעשאַפֿען געוואָרען אַזאַ מין גראָסאַרטיגער שירם,
וועלכער האָט ניט געקענט דורכלאָזען קיין איין שטראַהל פֿון דער זון און
קיין טראָפּען רעגען. די דאָזיגע אַרבּייט האָט איהם ממש ענטציקט און
האָט איהם מונטער און פֿרעהליך געמאַכט.

ס׳איז נאָך געווען גאַנץ פֿריה, און ראָבּינזאָן דאָט נאָך געוואָלט
פֿאַר זיך, וואָס עס איז טהון. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין וועג וועט
ער דאָך דאַרפֿען מיט זיך נעהמען פּראָוויאַנט, וואו וועט ער זשע לעגען?
דאַרף מען מאַכען אַ פּראָוויאַנט=טאַש. אָבּער פֿון וואָס מאַכט אַ פּראָוויאַנט=
טאַש? נאָר אונזער קלוגער ראָבּינזאָן וועט שוין אויסגעפֿינען אַ מיטעל.
און ער האָט גענומען דינע שטריקלעך האָט פֿון זיי אויסגעפֿלאָכטען אַ
סעטקע, ווי אַ נעץ, די נעץ האָט ער אויפֿגעבּונדען, ווי אַ זעקיל, דאָט
צוגעבּונדען אַ שטריקעל — מ׳זאָל עס קענען אָנטהון אויפֿ׳ן האַלז, און עס
איז פֿאַרטיג אַ פּראָוויאַנט=טאַש — און ווען ער וועט שוין געפֿינען וואָס אויפֿ׳ן
וועג, וועט ער שוין האָבּען וואו אַוועקצולעגען. פֿאַר שמחה, וואָס די
אַרבּייט איז איהם געלינגען, האָט ער אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפֿען.

דריטעם קאַפּיטעל.

ראָבינזאָן פונדעוועט זיך גוט איין אויף דעם אינזעל. — ער געפינט קאַרטאָפּעל און ציטראָנען־בוימער. — ער בראָט זיך אוים אַ שעפּם. — דאָס ערשטע געוויטער. — דורך אַ דונער בעקומט ער פייער.

ראָבינזאָן האָט קוים דערלעבט ס׳זאָל טאָג ווערען. ער איז אויפ־געשטאַנען נאָך איידער די זון איז אויפגעגאַנגען און האָט זיך גענומען צוגרייטען צו דער רייזע. ער האָט אַריבערגעוואָרפען זיין פּראָוויאַנט־טאַש איבער דער פּלייצע, האָט זיך אַרומגע־גאַרטעלט מיט אַ שטריק. אין גאַרטעל האָט ער אַריינ־געשטעקט די האַק, ווי מען שטעקט אַריין אַ שווערד, האָט גענומען זיין שירם, און היידאַ אין וועג אַריין.

דער פריהמאָרגען איז געווען הערליך שען. פריי און פרעהליך האָט די זון געגאָסען איהרע שטראַהלען איבער דעם שטילען אינזעל. טויזענדער־ערליי פויגלעך, קליינע און גרויסע האָבען פרעהליך געגריסט די זון און געלויבט דעם בעשעפער פאַר זיין שענער וועלט; בלומען פון אַלערליי קאָליר־ען, ווייסע, גרינע, בלויע, רויטע האָבען פערשפּרייט אין דער ריינער לופט זיסע ריחות. און ביי ראָבינזאָנען האָט זיך דערוועקט אַ געפיהל פון דאַנקבאַר־קייט און איהם האָט זיך פערוואָלט גלייך מיט די פויגלעך זינגען און

לויבען גאָט און צוזאַמען מיט די פֿויגעלך האָט ער אָנגעהויבען צו זינגען אַזוי:

מיט פֿויגעלעך צוזאַמען זינג איך שירה פֿאַר דיר,
און פֿול איז מיין זעעלע מיט ליעבע צו דיר.

ער געהט און זינגט, אָבער דאָס האַרץ שרעקט איהם. דער וועג איז איהם אומבעקאַנט און ער האָט מורא פֿאַר ווילדע חיות און ווילדע מענשען, און ער ווייסט אויס אַלע געדיכטע וועלדער, וועלכע קענען פֿערבאָרגען אין זיך זיינע בייזע פֿיינד. ער זוכט נאָר אַזוינע וועגען, וואו ער זאָל זיך קענען אַרום קוקען אויף אַלע זייטען. און זאָל קענען בעצייטענס אַנגעהמען מיטלען קעגען געפֿאַהר.

און אַזוי געהט ער און קוקט אויף אַלע זייטען און איז דערביי אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז דאָס קלענסטע גערויש פֿון ווינד, דערשרעקט איהם, און ער מיינט, אַז אין איין אויגענבליק שפּרינגט אַרויס אַ ווילדער טיגער אין מאַכט פֿון איהם אַ מאָהל־צייט.

און אַזוי איז ער אָבגעגאַנגען אַ שטיק וועג און האָט גאָרנישט געפֿונען, וואָס זאָל איהם קענען נוטצען. דערווייל אַזוי געהענדיג, איז ער געקומען צו אַ קליין וועלדיל, וואו עס האָבען געוואַקסען זעהר פֿיעל קוסטעס גראָז, אַזוינע קליינע נידריגע בוימלעך, צו׳ם ביישפּיעל, ווי בוימעלעך מאַלינעס. אַנדערע קוסטעס האָבען געהאַט רויטליכע בלומען, אַנדערע בלויליכע, אַנדערע ווייסליכע בלומען, און אין דער הויך האָבען אויף זיי געהאַנגען קליינע עפּעלעך, ווי קאַרשען די גרויס. ער האָט אַ פּאָר אָבגעריסען, אָבער זיי זענען געוועזען זעהר ניט געשמאַק.

איז ראָבינזאָן געוואָרען אַזוי אין כּעס, אַז ער האָט איין קוסט אויסגעריסען מיט דעם וואָרצעל צוזאַמען, און ער האָט דערזעהן, אַז אויף די וואָרצלען וואַקסען פּירות גאַנצע קנוילען, קליינע און גרויסע. גלייך האָט ער פֿערשטאַנען, אַז דאָס זענען די אֶמת׳ע פּירות און די בוימעלעך מיט די קערשלעך איז דאָס די בליהונג. און ער האָט פֿערזוכט די פּרי, איז זי געוועזען זעהר האַרט און נישט געשמאַק, דאָך האָט ער ניט געוואָלט זי אַוועקוואַרפֿען. האָט אָבגעריסען נאָך עטליכע און האָט אַריינגעלעגט צו זיך אין זעקיל, און איז אַוועק ווייטער. און ער איז צוגעקומען צו אַ טייך, דאָ האָט ער בעשלאָסען זיך זעצען אָברוהען און אָבעסען מיטאָג. נעבען טייך איז געשטאַנען אַ גרויסער שאָטענדיגער בוים און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אונטער איהם. ער איז געוועזען זעהר מיעד און האָט גע־

וואלט אביסעל אברוהען, מיט אמאל האט ער אבער דערהערט א שרעקליך געריוש און איהם האט זיך אבגעריסען אין הארצען, העגד און פים האבען איהם אנגעהויבען ציטערן, דאך איז ער געבליבען זיצען אויף דעם זעלבען ארט. האט ער דען געוואוסט וואוהין צו לויפען? און מיט וועה און הארצקלאפעניש קוקט ער זיך ארום. „אט אט געהט זיין טויט״, דאכט זיך איהם. און ער וויל, דאכט זיך, ניט קוקען, אבער די אויגען רייסען זיך אין אלע זייטען און זוכען דאס געפאהר.

און ער האט דערזעהן א גאנצע סטאדע ווילדע חיות, וועלכע זענען געוועזען עהנליך צו אונזערע הירשען, נאר די העלזער זענען ביי זיי געוועזען לענגער, ווי ביי די הירשען, דאס זענען געוועזען לאמעס, ציעגען אזוינע, וואס מען רופט אויך „שאף־קעמלען״. זייער געבורטס־ארט, פון וואנען זיי שטאמען איז דער טייל פון אמעריקע, וואס האט געהערט צו די שפאניער. אין דער מדינה פערו געפינען זיי זיך. פון דארטען קומען זיי ארוים, אמאל, ווען די אייראפייער האבען נאך ניט געהאט געפונען דאס דאזיגע גליקליכע לאנד, האבען די ווילדע איינוואוינער פון פערו די ווילדע ציעגען בעצוואונגען, ביסלעכווייז זיי צוגעוואהנט צו מעלקען און געמאכט פון זיי רוהיגע הויז־חיות: האבען מיט זיי געארבייט, ווי מיט אייזלען: געפיהרט אויף זיי שווערע לאסט, ווי אויף קעמלען. פון דער וואל האבען זיי שוין דעמאלט אויך פערשטאנען צו מאכען צייג אויף קליידער, — מיט איין ווארט: געדאט פון זיי גרויסע נוטצען.

ווי ראבינזאן האט דערזעהן די סטאדע ציעגען נאהענט פון זיך, דאט זיך איהם מיט איין מאל פערוואלט עסען בראטענס; ווירקליך, האט ער שוין אזוי לאנג אין מויל ניט געהאט א שטיקעל פלייש! און ער מאכט ביי זיך אב, אז איינע וועט ער אוועקלעגען און וועט זיך מאכען א מאהלצייט. ער ווארט געדולדיג ביז די לאמען וועלען צו איהם אדער פערביי איהם געהן. מורא האט ער שוין פאר זיי ניט געהאט. און אזוי איז געוועזען. די נארעשע ציעגען איז אין זינען ניט געלעגען, אז הינטער'ן בוים איז געקומען א מענש רויבען ביי זיי א חבר. און זארגלאז זענען זיי געגאנגען פארביי דעם בוים, וואו ראבינזאן האט זיך בעהאלטען. זיי זענען געגאנגען טרינקען צו דעם טייך. גראד איז פערביי ראבינזאנ'ען דורכגעגאנגען דאס יינגסטע לעמעלע, זי איז געוועזען צו איהם אזוי פיעל נאהענט, אז איהם האט געלינגען מיט איין קערעווע זי אוועקלעגען מיט זיין העקיל אטייטע.

אַביסעל האָט איהם באַנג געטהון דאָס יינגע לעמעלע, וועלכע איז זיך אַזוי רוהיג, זאָרגלאָז געגאַנגען טרינקען, ניט וויַיט פון איהר מוטער, אָבער אַסך האָט ער ניט געוואָלט וועגען דעם טראַכטען. איהם האָט זיך געוואָלט בראָטענס, און מיט פיעל טראַכטען, וואָלט זיין געבראָטענס פערלוירען דעם טעם.

און ראָבינזאָן האָט אויפגעהויבען דאָס לעמעלע פון דער ערד, האָט עס אַרויפגעוואָרפען זיך אויף די אַקסלען, און האָט זיך געלאָזען אַהיים. ניט וויַיט ביַים וועג האָט ער דערזעהן — אַ שמחה איבער אַ שמחה! — פון זעקס ביז אַכט ציטראָנען=בוימער. אויף דער ערד נעבען די דאָזיגע בוימער זענען געלעגען אַראָבגעפאַלענע צייטיגע פירות. ער האָט גענומען עטליכע, אַריינגעלעגט צו זיך אין זעקיל און לאָזט זיך געהן צוריק אַהיים מיט פרייד, וואָס ער האָט אַזאַ גוטען וועג געהאַט.

אַז ער איז געקומען אַהיים איז זיין ערשטע אַרבייט געווען אַראָבציהען פון דעם לעמעלע דאָס פעל. ער האָט גענומען אַ שאַרפען שטיין, און האָט די פעל אַראָבגענומען. האָט עס אויסגעשפרייט טריקענען אויף דער זון, כדי ער זאָל דערנאָך פון דעם עפּעס קענען פאַר זיך מאַכען.

דערנאָך האָט ער דאָס פלייש געמאַכט צורעכט. דאַן האָט ער אָבגעשניטען אַ גאַנץ הינטער=פערטיל צום בראָטען. און איצטער איז געבליבען איין האַרבע פראַגע — אויף וואָס זאָל מען בראָטען דאָס פלייש? ער האָט לאַנג געטראַכט. ער האָט געדאַרפט האָבען אַ שפּיז=בראָטען האָט ער אַזוי געטהון: ער האָט זיך אָבגעשאַרפט אַ הילצערנעם שפּיז און האָט אַרויפגעשטעקט דאָס פלייש, דערנאָך האָט ער גענומען צוויי צווייַגען האָט זיי געמאַכט, ווי גאָפּלען, שפּיצעדיג, און האָט זיי אַריינגעשטעקט אין דער ערד איינע קעגען די אַנדערע, און האָט אויף זיי אין דער מיטען אַרויפגעלעגט די שפּיז מיט דעם פלייש, און איז געווען אין איין שמחה פון זיין אַרבייט: דער שפּיז האָט זיך זעהר פלינק געדרעהט הין און צוריק. אָבער זיין שמחה האָט זיך מיט אַ וואָלקען בעדעקט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס נויטיגסטע פעהלט איהם — ער האָט דאָך ניט געהאַט קיין פייער! וואָס זאָל ער טהון? ווי שווער עס געהט איהם צו זיין געבראָטענס! אָבער אונזער קלוגער ראָבינזאָן וועט ניט בלייבען שטעהן. איהם איז שוין אַזוי אָפט געלינגען אַרויסצוקומען פון שוועריגקייטען, אַז ער האָט גענוג מוטה צו זוכען, צו קעמפּפען, און ער רייבט שטאַרק דעם שטערן און טראַכט, ווי אַזוי צו מאַכען פייער. „אַהאַ! מען קען דאָך

מאַכֿען פֿײַער פֿון רײַבען אַהאָלץ אָן אַהאָלץ״. נעהמט ער צוויי שטיקער האָלץ, רײַבט זיי איינע אָן די אַנדערע, אָבער וואָס טהוט מען, דאָס פֿײַער וויל זיך ניט ווײַזען! טראָפּענס שוויים קאַפּען פֿון זײַן געזיכֿט, און דאָס פֿײַער איז, ווי אין גֵיהִנוֹם אַוועק. אָט איז שוין דאָס האָלץ אַזוי הײס, אַז עס רויכֿערט שוין זאָגאַר, אָבער ער איז אַזוי מיעד געוואָרען פֿון דער אַרבייט, אַז ער האָט געמוזט אַרֶגַע אָפּרוהען, אָפּכאַפּען דעם אָטהעם. דערווײַל איז דאָס האָלץ ווידער קאַלט געוואָרען און די גאַנצע אַרבייט איז געווען פֿאַר׳ן טײַוועל.

מיט אַ ביטער האַרץ האָט ער אַוועקגעוואָרפֿען ביידע שטיקער האָלץ און מיט אַדערשלאָגענעם געמיט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף זײַן געלעגער. טרויעריגע געדאַנקען קומען אין זײַן קאָפּ און מאַכֿען איהם נאָך שווערער דאָס האַרץ, נאָך דערשלאָגענער דאָס געמיט.

„האָט ער דען אַזוי פֿיעל געזינדיגט, וואָס זײַן לעבען איז אַזוי שווער?״ און לאַנג טראַכֿט ער, און אַזוי ווי ער טראַכֿט און זיצט זיך שטיל, ווערט דאָס האַרץ ווידער רוהיג, און ער הייבט אָן ווידער צו טראַכֿטען, וואָס זאָל ער טהון מיט זײַנע געבראָטענס? דערווײַל דערמאָנט ער זיך, אַז די טאָטערין בראָטען פֿלייש אויף אַזאַ מין אופֿן: זיי לעגען אונטער דאָס פֿלייש אונטערען זאָטעל, ווען זיי רײַטען. און אין אַווײַלע אַרום איז דאָס פֿלייש ווייך און פֿערטיג. טראַכֿט ער עפּעס אויף אַזאַ מין אופֿן מאַכֿען. געטראַכֿט און געטהון! ער לויפֿט געשווינד און חאַפּט צוויי גלאַטע פֿלאַכֿע שטיינער, לעגט צווישען זיי אַוועק אַשטיק ווייך פֿלייש אָהן ביינער, און הייבט אָן מיט זײַן האַמער קלאַפּען איבער דעם אויבערשטען שטיין און קלאַפּט אַזוי לאַנג, ביז ביידע שטיינער זענען געוואָרען הײס ווי פֿײַער. איצט איז דאָס איהם געלינגען אויסגעצייכֿענט! און צײַט אין אַהאַלבע שָׁעָה איז דאָס פֿלייש געוואָרען אַזוי ווייך, אַז מען האָט עס שוין געקענט עסען. און ראָבינזאָן נעהמט זיך צו זײַן מאָהל־צײַט! לאַנג געוואַרט, לאַנג געגאַרט, און ווי גוט עס שמעקט איהם איצט דאָס פֿלייש! ער שלינגט איין שטיקעל נאָך דעם אַנדערען, און דערקוויקט זײַן האַרץ. און דאַנקט גאָט פֿאַר דעם גוטען מאָהלצײַט, וואָס ער האָט איהם צוגעשיקט.

איצטער האָט ער גענומען מיט זיך האַלטען אַן׳עצה, וואָס זאָל ביי איהם זײַן פֿון די ערשטע אַרבייטען. צוליעב די מוֹרָא פֿאַר דעם קומענדען ווינטער, צו וועלכֿען ער איז גאָרניט געווען צוגעגרייט, האָט

ער בעשלאָסען האַפּען עטליכע ציעגען, זיי טויטען און האָבען די פעל דאָס האָט ער בעשלאָסען דאַרף ביי איהם זיין פון די ערשטע אַרבייטען. און מיט דעם געדאַנק איז ער געגאַנגען שלאָפען. און אַ גוטען זיסען שלאָף האָט ער געהאַט, ער האָט אָבגערוהט פון אַלע אויסשטעהעניש פאַר'ן גאַנצען טאָג.

דאָס מאָל האָט ראָבינזאָן אַריינגעשלאָפען וויַיט אין טאָג אַריין. ער האָט זיך גאָר דערשראָקען, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט דערזעהן, ווי ער האָט זיך פערשלאָפען און ווי שפּעט ס'איז שוין. געשווינד איז ער אויפגעשטאַנען און האָט זיך גלייך גענומען גרייטען אין וועג אַריין אויף יאַגד איבער די ציעגען, אָבער פּלוצלונג איז דער הימעל געוואָרען בעדעקט מיט שוואַרצע וואָלקען, עס האָט אַ גאָס געטהון אַ שלאַקס-רעגען, און וועגען אַרויסצוגעהן האָט מען גאָרניט געקענט טראַכטען. עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטורם-ווינד, וועלכער האָט הימעל און ערד געריסען, זעהן אויפהער האָט געדונערט און געבליצט, און פון די בליצען איז ביי ראָבינזאָנען אין זיין פינסטערער וואוינונג אַזוי ליכטיג געווען, גלייך ווי זי וואָלט אינגאַנצען אַ שטיק פייער געוואָרען. דער גאַנצער האָריזאָנט האָט פון די בליצען, ווי אַ פלאַם פייער אויסגעזעהן, נאָר ביסלעכווייז איז דער דונער שטילער געוואָרען. דער רעגען האָט אויפגעהערט און ראָבינזאָן האָט געוואָלט אַרויסגעהן פון זיין הייהל, ער האָט אַראָבגענומען זיין יאַגד-טאַש, געוואָלט מיט זיך נעהמען די האַק, אַז עס גיט דאָס מיט אַמאָל אַ קנאַל אַ דונער, די ערד האָט אַ ציטער געגעבען. ראָבינזאָן איז פאַר שרעק אַנידערגעפאַלען און געבליבען ליעגען גע'חלש'ט.

לאַנג האָט געדויערט ביז ער איז געקומען צו זיך. און אַז ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס, אַז ער האָט זיך גענומען אַרומקוקען וואָס מיט איהם טהוט זיך, וואו איז ער, האָט ער גלייך דערזעהן, אַז דער דונער האָט געטראָפען אין דעם גרויסען בוים, וואָס איז איבער זיין הייהל געשטאַנען און האָט איהם איינגעוואָרפען. די געשעהעניש האָט ראָבינזאָן בעטראַכט, ווי אַנ'אומגליק פאַר זיך. וואָס וועט ער איצט טהון? ווי וועט ער קענען אַריין און אַרויס, ווי אַזוי וועט ער די טיהר פערשטעלען, אַז דער גאַנצער בוים איז איינגעפאַלען?

און אַזוי ווי ער זיצט און טרויערט און זאָרגט הערט דערווייל אויף צו רעגענען, עס דונערט מעהר ניט — און ראָבינזאָן געפינט שוין אין זיך

מוטה ארויסצוגעהן פון זיין הייהל. און וואס האט ער דערזעהן? קען מען דען בעשרייבען זיין פרייד? דער שטאם פון דעם הויכען בוים, וואס דער דונער האט איינגעווארפען האט זיך פון דעם זעלבען דונער אנגעצונדען און ער האט ראבינזאנ'ען פייער געבראכט!

פייער! צי קען ער דאס גלויבען? ער האט זיך גערעכענט אזוי פערלארען, און דא איז ער געווארען אזוי בעזארגט, גלייך ווי גאט וואלט זיין א צערטליכער פאטער צו איהם און האט איהם איינע פון זיינע נויטיגסטע בעדערפנישען געשיקט!

און דער שטאם פון בוים ברענט זיך. עס רייסען זיך ציגעלעך פייער און טאנצען אין דער לופט. און ראבינזאן האט גענומען בעטראכטען, ווי אזוי איצטער אונטערצוהאלטען דאס פייער, עס זאל נישט אויסגעהן. און אזוי ווי דער אונטערשטער שטאם האט זיך נאך ניט אנגעצונדען און דער לייטער איז נאך געשטאנען פעסט, האט ראבינזאן גענומען געשווינד א ברענענדיג שטיק האלץ און איז דערמיט אריבערגעקראכען אין זיין וואוינונג. דארטען האט ער פונאנדערגעלעגט א פייער פאר זיינע געבראטענס, וואס האט נאך פון נעכטען געשטעקט אויף דעם הילצערנעם שפיז און האט טאקע נאר ווי אויף דעם פייער געווארט. און ער האט גוט אכטונג געגעבען דאס פייער זאל זיך ניט פערלעשען. ער איז צוריק ארויסגעקראכען, און אזוי ווי ער האט פאר זיך גענוג פייער אנגעגרייט, האט ער פערלאשען דעם ברענענדען בוים, כדי ער זאל קענען זיין לייטער אן איהם בעפעסטיגען.

און באלד איז געווארען פארטיג זיין געבראטענס. דעם ערשטען מאל, ווען זיין ארבייט האט איהם אזוי פיעל מיה געקאסט, האט ראבינזאן פערפעהלט זאלץ — האט ער געגעסען אהן זאלץ, אבער היינטיגען מאל, האט ער געוואלט, אז אלץ זאל זיין ווי געוואונשען! און ער האט זיך ניט געפוילט געהן צו'ם ים ברענגען וואסער. ער האט גענומען דאס שאלעכץ פון דעם קאקוס נוס, וואס איז גרויס, ווי א קינדערשע קעפעל, און האט געבראכט זיך וואסער, מיט דעם וואסער האט ער בעגאסען זיינע געבראטענס עטליכע מאל, און ס'איז געווארען גענוג געזאלצען, אקוראט צו'ם עסען. און באלד איז דאס פלייש פערטיג געווארען.

די פרייד, מיט וועלכער ראבינזאן האט געשלונגען יעדעס שטיקעל געבראטענס, קען מען ניט איבערגעבען און ניט בעשרייבען. פערשטעהן און פיהלען קען זי נאר דער, וועמען ס'איז אויסגעקומען עהנליכעס

איבערצולעבען, אָבער מיט געוועהנליכע ווערטער איז עס שווער אויסצודריקען.

איצט האָט ער גענומען ערנסט בעטראַכטען ווי אַזוי צו בעזאָרגען, אַז דאָס פייער זאָל זיך חלילה ניט פערלעשען. און ער זוכט אין זיין הייהל עפּעס אַ פּאַסענד אָרט, ווי עס צו בעהאַלטען, און אַזוי האָט ער גענומען זוכ[illegible]ן אין אַלע ווינקלעך פון הייהל. און האָט ווירקליך אַ פּאַסענד אָרט געפונען: פון דער וואַנד פון באַרג, וועלכער איז געוועזען פון פעלזענשטיין האָט אַ גרויסער שטיין זיך אַרויסגערוקט, אונגעפעהר אַנ׳איֵיל פון דער ערד, דער דאָזיגער שטיין איז געוועזען, ווי אַ קליין דעכיל איבער דעם שטיקעל אָרט, וואָס ער האָט פערנומען. און ראָבינזאָן האָט שיער ניט געטאַנצט פאַר פרייד. דאָס דאָזיגע אָרט איז פאַר איהם געווען אַנ׳אמת׳ער געפינס. ער וועט דאָ אַנ׳אייוועלע איינאָרדענען און דאַן ווער וועט צו איהם קענען זיין גלייך? איין זיעג נאָך דעם צווייטען! — און ער פיהלט זיך פרעהליך און צופריעדען.

און אונזער ראָבינזאָן פיילט זיך נישט. געטראַכט און געטהון! ער נעהמט זיך גלייך צו דער אַרבייט. מיט זיין לאָפּאַטע האָט ער אונטערגעגראָבען אונטער דעם שטיין אַ קליינעם גרוב אַנ׳איֵיל די טיעף, און האָט געוואָלט ביז דעם שטיין צומאַכען צו ביידע זייטען ווענדטליך, עס זאָל זיין אַזוי ווי אין אַנ׳אויוועלע.

אַז ראָבינזאָן פלעגט אַוועק געהן וואו, פלעגט ער דאַן גוט בעקוקען און בעטראַכטען יעדעס אָרט, און אַזוי האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געזעהן אַנ׳אָרט פון ליים, וואָס איז איהם איצט זעהר גוט צונוטץ געקומען. ער האָט בעשלאָסען פון דעם ליים מאַכען ציגעל, און ווי ער האָט זיך נאָר דערמאָנט, איז ער גלייך אַוועק צו יענעם אָרט, וואו דאָס ליים איז געוועזען. ער האָט נאָר גענומען זיין גראָב-אייזען, דאָס אייזערנע מעסער — זיין גאַנצע געצייג. נאָכ׳ן רעגען איז דאָס ליים געוועזען זעהר ווייך, און גאָר אָהן מיה האָט איהם געלונגען אין וועניג צייט זיך פיעל ציגעל צומאַכען פאַרטיג. דערנאָך האָט ער זיי אַוועקגעלעגט איינע אויף די אַנדערע, זיי זאָלען זיך אַביסעל צוטריקענען אונטער דער זון. און איז אַוועק צו זיך אַהיים מאַכען אַנ׳ענדע מיט דעם איבערגעבליבענעם געבראָטענס. ער האָט פלייסיג געאַרבייט און דעריבער איז דער אַפּעטיט צו איהם קיינמאָל ניט געוועזען פויל אונטערצוקומען.

אין דעם טאָג איז איהם אַלץ צוגעגאַנגען אַזוי גליקליך, אַז איהם

האָט זיך געגליסט מאַכֿען די סעודה פֿרעהליך קײַזערליך. יום־טובֿ׳דיג, און ער האָט נאָך גענומען אַ פּאָר קאָקוס ניס פֿון די ביסעל, וואָס איז נאָך איהם איבּערגעבּליעבּען, און איז אַוועק אַהײם.

און זײַן מאָהלצײַט איז טאַקע געװען גרויסאַרטיג, אָבֿער דאָ האָט ערשט ראָבּינזאָן דערפֿיהלט זײַן עלענד. אין זײַן האַרצען זענען געבּוירען געוואָרען צוויי געפֿיהלען, אַ געפֿיהל פֿון פֿרייד, וואָס איהם געלינגט אַלץ, וואָס ער קען אַרויס אַ זיעגער פֿון אַלע שוועריגקײַטען, און אין דער זעלבּער צײַט, אַ געפֿיהל פֿון עלענד, וואָס איז, ווי אַ שווערער באַרג געלעגען אויפ׳ן האַרץ.

„אײנער אַלײן! אָהן אײן פֿרײַנד, אָהן אײן מענשען! עלענד און אַלײן, ווי דער פֿעלז!“ האָט ער מיט וועהמוט געטראַכֿט. — „ווי גליקליך וואָלט איך מיך געשעצט, ווען איך וואָלט חאָטש אײן לעבּעדיג בעשעפֿניש צו מיר געהאַט“.

און ער האָט זיך געסטאַרעט פֿערטרײַבּען די שווערע געדאַנקען, נאָר דאָס איז איהם שווער אָנגעקומען.

ווען ער האָט אָבּגעגעסען איז נאָך געווען העלער טאָג און שלאָפֿען געהן האָט נאָך ראָבּינזאָן ניט געוואָלט, האָט ער אָנגעהויבּען בּעטראַכֿטען וואָס זאָל ער נאָך עפּעס אויפֿטהון אין דעם טאָג? ער האָט גענומען זײַן לאָפּאַטע און האָט געוואָלט טיעפֿער דערגראָבּען די גרובּ פֿון זײַן קיך. פּלוצלונג האָט זיך די לאָפּאַטע אָנגעשטויסען עפּעס אויף אַ האַרטע זאַך און איז שיער ניט צובּראָכֿען געוואָרען. ער האָט געמײַנט, אַז זי האָט זיך אָן אַ שטײן אָנגעקלאַפּט, אָבּער ווי ערשטײַנערט איז ער געוואָרען, אַז אַנשטאָט אַ שטײן, האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ גרויסע גרודע גאָלד, פֿון וועלכֿען מ׳האָט געקענט מאַכֿען אֶפשר הונדערט טויזענד רובּל. אָבּער דאָ האָט זיך בּײַ איהם ניט ערוועקט קײן פֿונק פֿון פֿרייד. וואָס טויג איהם דער אוצר? דאָ אויף דעם אינזעל געהט דאָס ניט אָן, און מיט פֿעראַכֿטונג וואַרפֿט ער אַוועק דאָס גאָלד און זאָגט נאָך צו:

„דאָ קענסטו ליעגען רוהיג — מיך וועסטו ניט רייצען. מענשען זוכֿען דיך, מען גראָבּט, מען אַקערט ערד, בּערגער הױכֿע גראָבּט מען טיעף אַראָבּ. מען זוכֿט און מען דאַרשט נאָך דיר, אָבּער וואָס טויגסטו פֿאַר מיר? צו וואָס קענסטו מיר יעצט נוצען? אַז איך וואָלט אָנשטאָט דיר געפֿונען אַ שטיק אײַזען, וואָלט איך פֿילײַכֿט געקענט פֿון זיי מאַכֿען אַ מע־
סער, אַ האַק און איך וואָלט געהאַט עפּעס דערפֿון, אָבּער דיך דאַרף איך

ניט, און מיט פערגעניגען וואלט איך דיך אויף א שטיקעל אייזען פערביטען, פון וועלכען איך וואלט געוויס עפעס געקאנט מאכען". און מיט פערצווייפלונג האט ער ווייט אבגעווארפען דעם טייערען אוצר, פאר וועלכען מענשען וואלטען זעהר פיעל אבגעגעבען איהם צו קריעגען.

די זון האט זיך לאנג געשפיעלט מיט איהרע שטראהלען אין ים, בעגאלדעט דאס וואסער און געבאדען די שטראהלען, און איז אם ענדע פערשוואונדען. וואו — וואוהין — ווייס גאט אליין. א געדיכטע נאכט האט ארומגענומען דעם אינזעל. ראבינזאן האט צוגעלעגט שטיקער האלץ, בעזארגט זיך מיט פייער אויף א גאנצע נאכט, און איז אוועק צו זיין געלעגער.

פיערטעם קאפיטעל.

ראבינזאן מאכט פיעל נוצליכע ערפינדונגען. — ענטדעקט זאלץ. חאפט א גאנצע געזינד פון לעמעלעך.

די היץ אויף דעם אינזעל, וואו ראבינזאן איז געוועזען, פלעגט אזוי אונערטרעגליך ברענען און בראטען, אז ארבייטען א שווערע ארבייט, וועלכע האט דערצו געפאדערט א געוויסע אנשטרענגונג, האט ער ביי טאג ניט געקענט, און זיינע שווערע ארבייט פלעגט ער מאכען אין די פריהמארגענס און אין די אווענדען.

און ווי נאר ס'האט אנגעהויבען צו בעגינען, איז שוין ראבינזאן געוועזען וואך. גלייך איז ער צוגעגאנגען צו'ם פייער, געוואר=ווערען, וואס הערט זיך מיט איהם, און האט צוגעלעגט נאך האלץ. פון א גוטען פריהשטיק וואלט זיך ראבינזאן געוויס ניט אבגעזאגט, אבער ער האט זיך געקענט בענוגענען מיט דעם וואס ער האט פערמאגט, דערצו נאך האט די קאקוס ניס איהם זעהר גוט געשמעקט, און ער האט איבערגעביסען א האלבע נוס, וואס ער האט געהאט פאר זיך איבערגעלאזט פון נעכטען. איבערגעביסען, נעהמט ער גרייטען פאר זיך א מיטאג: פון דעם לעמעלע איז איהם איבערגעבליבען נאך א האלב זייטעל פלייש, אבער, ווי גרויס איז געוועזען זיין פערדראס, אז ווען ער האט געוואלט שוין דאס פלייש ארויפזעצען אויף דער בראט=שפיז, האט ער דערזעהן, אז מ'קען עס שוין ניט ניצען: ס'איז קאליע געווארען פון היץ.

און ער האָט אַראָבגענומען זײַן יאַגד־טאַש פֿון וואַנד און האָט שוין געהאַט געוואָלט געהן ענדיגען מאַכען די ציגעל צו זײַן אויוועלע, דער־ווײַל האָט ער בעטראַכט די געוויקסען, וואָס זענען נאָך פֿון נעכטען גע־לעגען אין זײַן יאַגד־טאַש. און האָט דערזעהן, אַז דאָס זענען נישט־צײַטיגע קאַרטאָפֿעל. איהם איז אײַנגעפֿאַלען, ער וועט זײ גאָר אַוועקלעגען אין אַש אָבבאַקען, און וועט זעהן, ווי וועט עס געראָטהען, און וואָס פֿאַר אַ טַעַם עס וועט האָבען. ער האָט זײ אַרײַנגע־לעגט באַקען און איז אַוועק.

ער האָט געאַרבײַט אַזוי שנעל, אַז בּיז מיטאָג האָט ער געמאַכט פֿערטיג די גאַנצע צאָהל ציגעל, וואָס ער האָט בעדאַרפֿט צו זײַן אויוועלע. און איהם האָט זיך שוין פֿערוואָלט עסען מיטאָג. איז ער אַוועקגעלאָפֿען צו׳ם ברעג זוכען אויסטריצען, אָבער ער האָט געפֿונען זעהר וועניג, נאָר אַ געפֿינס האָט ער יאָ געהאַט, אַ געפֿינס, ווי מען זאָגט, פֿון געפֿינס־לאַנד! ער האָט געפֿונען אַ שילדקראָט (טשערעפּאַכע). הַגַם ער האָט נאָך קײנמאָל ניט געגעסען דאָס דאָזיגע פֿלײש, ער האָט אָבער געהערט, אַז דאָס פֿלײש שמעקט זעהר גוט, און ס׳איז זאָגאַר זעהר געזונד אויך. די שילדקראָט איז גע־ווען אַ גרויסע און האָט געוואויגען נאָ־הענט פֿון דרײַ פּוד. ראָבינזאָן האָט זי קוים אויף די אַקסלען פֿערשלעפּט אַהײם.

געקומען אַהײם, האָט ער גענומען זײַן האַק און האָט־אַזוי לאַנג געקלאַפּט איבער דער שאָל, ביז ס׳איז צושפּרונגען געוואָרען, דערנאָך האָט ער זיך גענומען צו דער שילדקראָט, האָט זי צושניטען, האָט גענומען

אַ גרויסען שטיק, אָנגעשטאָכען אויפֿ'ן בראָט־שפּיז און האָט אַוועקגעשטעלט בראָטען. איצט האָט ער גענומען בעטראַכטען, וואָס זאָל ער טהון מיט דעם איבערגעבליבענעם פֿלייש, אַז ס'זאָל ניט ווערען קאַליע. זאָל ער עס איינפּעקלען — איז אין וואָס? ער האָט ניט קיין געפֿעס, און וואו נעהמט מען זאַלץ?

און ס'טהוט איהם אַזוי וועה דאָס האַרץ. ער וואָלט דאָס פֿלייש געקענט האָבען גענוג אויף צוויי וואָכען, און ביי איהם וועט עס מוזען קאַליע ווערען ביז מאָרגען, און ער וועט עס דאַרפֿען אַרויסוואַרפֿען. און אַזוינע געפֿינסען זענען דען אָפֿטע? און דאָך קען ער ניט געפֿינען קיין מיטעל. און פּלוצלונג פֿאַלט איהם איין: דאָס שאָלאַכץ פֿון דער שילדקראָט איז עהנליך אויף אַ מולטעריל — און אין דעם קען ער איינפּעקלען דאָס פֿלייש. דער איינפֿאַל געפֿעהלט איהם שטאַרק, און איצט בלייבט נאָר איין קליינע דאַגה, וואָס איהם פֿעהלט אוים זאַלץ, אָבער וועט ער ברענגען פֿון ים וואַסער, וועט בעגיסען דאָס פֿלייש, און ס'וועט ווערען געזאַלצען, און ס'זענען אַראָב אַלע דאַגות! צו אַלץ וועט אונזער קלוגער ראָבינזאָן שוין געפֿינען אַנ'אויסוועג.

דערווייל איז געוואָרען פֿאַרטיג זיין בראָטען. ראָבינזאָן האָט פֿערזוכט אַ קליין שטיקעל פֿון זיין מאָהל־צייט, און ס'האָט איהם זעהר גוט געשמעקט, אָבער ער האָט זיך זעהר פֿערבענגט נאָך אַ שטיקעל ברויט.

„מיט אַ שטיקעל ברויט וואָלט דאָס ערשט גוט געווען“, האָט ער געטראַכט און געזיפֿצט. און מיט אַ מאָל — אָ, גליקליכער געדאַנק! ער געהט זעהן וואָס עס מאַכען זיינע געוויקסען, וועלכע ער האָט אַריינגעלעגט אינ'ם אַש אָבצובאַקען. „לאָמיר אַקאָרשט זעהן“, זאָגט ער צו זיך אַליין; — „וואָס איז פֿון זיי געוואָרען“, און ער געהט און נעהמט אַרוים צו פֿערזוכען. ווי גרויס איז זיין שמחה, ווען ער פֿערזוכט און עס שמעקט איהם אַזוי גוט, ווי אֶמת'ע קאַרטאָפֿעל, וואָס ער האָט ביי דער מאַמען געגעסען! עס האָט אַזאַ גוטען ריח, אַז ער וואָלט זיי אַלע מיט איינמאָל איינגעשלונגען! און ווידער איז בעשערט אַ טייערע סעודה. אָבגעגעסען, אָבגעדאַנקט גאָט פֿאַר אַלץ, געהט ער זיך אַביסעל צולעגען אָברוהען. די זון ברענט — אַרבייטען אין אַזאַ היץ איז אונמעגליך, און ער וועט וואַרטען אויף דעם פֿערנאַכט, ווען ס'וועט ווערען קיהלער. דערווייל וועט ער ליגען און בעטראַכטען, וואָס ער האָט צו טהון.

און אַזוי ליגט ער און טראַכט וואָס ער האָט צו טהון, די ציגעל

זענען נאָך ניט געוואָרען גוט טרוקען און האַרט, און טויערען מיט זיי די ווענדטלעך פֿון אויוועלע קען מען ניט, וועט ער געהן גאָר אויף יאַגד, פֿילייכט וועט איהם געלינגען פֿערנעהמען אַ פּאָר לעמלען. און דערווייל דערמאָנט ער זיך, אַז דאָס פֿלייש פֿון דער שילדקראָט וועט קאַליע ווערען, און ער נעהמט בעטראַכטען, ווי צו מאַכען זיין אויוועלע, אַז מ'זאָל קענען אויף איהם פּעקלען פֿלייש.

איהם איז שוין געוועזען קלאָהר, ווי ער דאַרף אַזאַ מין אויווען מאַכען. ער שפּרינגט פֿרעהליך אויף פֿון אָרט און לויפֿט בעטראַכטען, אויב איהם וועט געלינגען דורכצופֿיהרען זיין פּראָיעקט. „אויסגעצייכענט, בעסער, ווי געוואונשען", האָט ער פֿרעהליך אויסגעשריגען. ער וועט נעהמען אין די ווענדטלעך, וואָס ער וועט אַוועקשטעלען פֿון די ציגעל און וועט דורכבויען צוויי לעכער און אין די לעכער וועט ער אַריינשטעקען אַ לאַנגען שטיק האָלץ, אויף וואָס ער וועט אויפֿהענגען דאָס פֿלייש און עס וועט זיך קענען אויפ'ן בעסטען אופֿן פּעקלען. און איהם האָט זיך געוואָלט, אַז די ציגעל זאָלען שוין ווערען גענוג האַרט און ער זאָל זיך גלייך קענען נעהמען צו זיין גרויסער אַרבּייט, און פֿונדעסטוועגען האָט ער געמוזט געדולדיג וואַרטען ביז די זון וועט איהם צוטריקענען די ציגעל. איז וואָס זאָל ער פֿאָרנעהמען איצט? רוהיג זיצען קאָן ער ניט. דאָס ערלויבט איהם נישט אי זיין גייסט אי זיין לאַגע, און ער מוז אָהן אויפֿהער זוכען און שאַפֿען. טראַכט ער אַ ווייַלע וואָס ער זאָל אָנהויבען טהון און בעשליסט זיך — לאָזען זוכען לעמלען, אֶפשר וועט איהם געלינגען פֿערנעהמען אַ פּאָר לעבעדיגע, דאַן וועט ער אָנווענדען אַלע זיינע מעגליכקייטען און זיי מאַכען הויזיג, און וועט זיך מיט זיי קענען בענוצען, ווי מיר מיט אונזערע פֿיה! דערצו וועט ער אַזוי איינזאַם ניט זיין, כאָטש לעבעדיגע בעשעפֿעניש, ניט מענשען וועלען דאָך אויך פֿערקלענערען זיין עלענד! אָבער ווי אַזוי זאָל ער צו דעם צוגעהן? וועט איהם דען געלינגען פֿאַנגען זיי לעבעדיגערהייט?

און ער האָט גענאָט גענומען אַרומטראַכטען ווי אַזוי ער זאָל דאָס אָנהויבען צו טהון. און דאָ האָט ער זיך אויך ניט פֿערלאָרען און האָט באַלד אַ מיטעל געפֿונען. ער האָט געמאַכט אַ נעץ, וועלכער האָט זיך איהם זעהר גוט איינגעגעבען. ער איז געוועזען איבערגליקליך מיט זיין ערפֿינדונג, און האָט געוואָלט גלייך געהן די לעמלען פֿאַרנעהמען צו זיך אין נעץ אַריין, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט זיי מיטאָג-צייט געזעהן

ניט ווייט פֿון זיין הייהל; דאָס אָרט, וואוהין זיי פֿלעגען געהן שטענדיג טרינקען וואַסער, איז געוועזען גאַנץ ווייט, האָט ראָבינזאָן פֿערשטאַנען, אַז זיי וועלען בעשטימט ניט קומען זיך אָנטרינקען — און זיין גאַנג וועט זיין אומזיסט, האָט ער אַוועקגעלעגט די נעץ און האָט אָבגעלעגט די יאַגד אויף מאָרגען.

און איצט האָט ער זיך דערווייל גענומען צו אַנדערע אַרבייט. ער האָט גענומען זיין יאַגד־טאַש און איז אַוועק ברענגען די קאַרטאָפֿעל, וואָס ער האָט ענטדעקט. קיין סך צייט האָט דאָס ביי איהם ניט אָבגענומען — ער איז גלייך צוריקגעקומען און האָט שוין געהאַט אַ געפּאַקט זעקיל מיט קאַרטאָפֿעל. האָט ער געטהון, ווי אַ גוטער שפּאָרזאַמער בעל־הבית. אַביסעל האָט ער אַוועקגעלעגט באַקען אין אַש, און די רעשט געלעגט אין אַ ווינקעל, ער זאָל האָבען אויף שפּעטער. דערנאָך האָט ער גענומען דאָס פֿלייש פֿון דער שילדקראָט, האָט איבערגעלאָזען, וויפֿיעל ער האָט בעדאַרפֿט אויף אָוועגד און אויף מאָרגען, און דאָס איבערגעבליבענע האָט ער בעגאָסען מיט ים־וואַסער. איצט האָט ער אַביסעל געוואָלט אָברוהען פֿון אַלע זיינע אַרבייטען און איז אַוועק שפּאַצירען אויף דעם ברעג פֿון ים.

דאָ אויפ'ן ברעג האָט געוועהט אַ ווינד פֿון מזרח־זייט און האָט קיהל געמאַכט די שווערע הייסע לופֿט, און מיט גרויס פֿערגעניגען האָט ראָבינזאָן געשעפּט די קיהלע לופֿט, ווי גוטען וויין, און האָט געוואָלט זיך אָנטרינקען, וואָס מעהר.

און ווי ער איז אַזוי געגאַנגען ביי'ם ברעג ים, האָט זיך איהם פֿערגלוסט אויסבאָדען, און שוין פֿאַר איין גאַנג אָבוואַשען זיינע וועש. שווימען האָט ער זיך נאָך געהאַט אויסגעלערענט אין דער יוגענד, איז קיין סך האָט ער ניט געטראַכט און איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער. פֿון דער ווייטען האָט זיך געזעהן אַ שמאָלע קעמפּע, וואָס פֿלעגט אין דער צייט פֿון פֿלוט (דאָס הייסט, ווען דער ים גיעסט אויס), אינגאַנצען פֿערגאָסען ווערען מיט וואַסער. האָט ראָבינזאָן פֿערשטאַנען, אַז ווען דאָס וואַסער לאָזט אָב, מוזען געוויס אויף דער קעמפּע בלייבען פֿיעל אויסטריצעס, שילדקראָטען און ראַקאָווינעס, און ער האָט בעשלאָסען אַהינצו צו שווימען, חאָטש ס'איז געלעגען ווייט אין ים, און ער איז נאָך טאַקע דאָרטען קיינמאָל ניט געוועזען.

און שווימענדיג האָט ער זעהר פֿיעל פֿיש געזעהן, חאָטש מיט

די הענד אָן צו חאַפּען. ווען ער וואָלט בּיי זיך געהאַט אַנעץ וואָלט ער געקענט אָננעהמען וויפּיעל ער וואָלט שוין געוואָלט. און אַזוי ווי איהם איז אין אַלץ געגאַנגען און אַלע זיינע שווערע אַרבּייט איז איהם בּיז אַהער געלונגען, האָט ער געהאָפּט מאַכען אַנעץ אויף חאַפּען פּיש אויך.

און אַלאַנגע צייט איז ער געשוואומען איבּער'ן וואַסער, און ווען ער איז ענדליך אויף דעם בּרעג אַרויס איז שוין זיינע וועש געוועזן טרו־קען. דערפּרישט און דערמונטערט האָט ער זיך געפּיהלט, אָנגעטהון אין פּרישע ריינע וועש, און לעבּעדיג־פּרעהליך איז ער אַוועק אַהיים.

אויף מאָרגען איז ראָבּינזאָן אויפגעשטאַנען גאַנץ פּריה און האָט זיך גענומען גרייטען צו דער יאַגד אויף די ווילדע ציגען. זיין יאַגד־טאַש האָט ער אָנגעפּאַקט מיט געבּאַקענע קאַרטאָפּעל און האָט נאָך מיטגענו־מען אַגרויס שטיק בּראָטענס. ער האָט גענומען דעם שטריק, וואָס ער האָט נאָך נעכטען צוגעגרייט, האָט זיך מיט איהם אַרומגעגאַרטעלט, אַריינגעשטעקט זיין האַק אין גאַרטעל, גענומען דעם שירם אויף די אַקסלען און האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. דאָס מאָל האָט ער גע־וואָלט געהן מיט אַנ'אַנדערן וועג, אום צו בּעקוקען נאָך ערטער פון זיין אינזעל, און בּעקאַנט ווערען מיט איהם, מיט אַלע וועגען און שטעגען. און געהענדיג איבּער'ן אינזעל האָט ער געזעהן גאַנצע מַחֲנות פויגלעך אויף די בּוימער, און זעהר פּיעל פּאַפּוגאַיען פון וואונדערליכע שענע פאַרבּען.

איהם האָט זיך אַזוי געוואָלט איינעם פון זיי צו זיך נעהמען, אָבּער ווי פאַנגט מען זיי? די אַלטע זענען אַזוי קלוג, אַזוי אָבּגעהיטען, און אַנעסט מיט יונגע האָט ער ערגעץ ניט געזעהן. אָבּער דערפאַר האָט ער געהאַט אַזאַ געפּינס, וואָס איז איהם געווען פּיעל טייערער און וויכטיגער, ווי אַפּאַפּוגאַי. אויף זיין וועג איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף אַקליין בּערגיל ניט וויים פון יַם און דאָרטען האָט ער דעם טייערען געפּינס געטראָפען: אין דעם שפּאַלט פון בּאַרג האָט ער געפונען אַקופּע זאַלץ! ווי גרויס זיין פרייד איז געווען, קען זיך שוין לייכט יעדער פאָרשטעלען. זאַלץ! אַקליי־ניגקייט זאַלץ, ער וועט שוין איצט קענען אויסגעצייכענט איינפּעקלען דאָס פלייש. אֱמת ער האָט בּיז אַהער אויך אָהן זאַלץ דאָס פלייש ניט גע־בּראָטען, ווי מיר ווייסען פלעגט ער דאָס בּעגיסען מיט דעם וואַסער פון ים, און ס'פלעגט ווערען געזאַלצען אָבּער ניט אַלץ קען מען דאָך בּע־גיסען. ניט קיין קאַרטאָפּעל און נאָך פּיעל זאַכען, וואָס פאָדערן זאַלץ.

און מיט גרויס שמחה פילט ער אָן ביידע קעשענעס מיט דעם געפונענעם זאַלץ און געהט אַ צופריעדענער אַוועק צו יענעם אָרט, וואו ער האָט זיך געריכט די ציעגען צו פאַנגען. געקומען אַהין איז נאָך פון די ציעגען קיין שפור ניט געוועזן. האָט ער זיך פונאַנדערגעלעגט מיט זיין האָב און גוטס אונטער אַ בוים און האָט גענומען זיך אַרומקוקען און ער האָט איבערגעביסען. דאָס פרישטיק האָט איהם איצט גוט געשמעקט. ער האָט געטונקט דאָס פלייש און די קאַרטאָפעל אין זאַלץ און האָט דערביי געפיהלט דעם טעם פון גן-עדן. ערשט ווען ער האָט שוין אָבגעגעסען, האָבען זיך פון דערווייטענס בעוויזען די שפרינגענדיגע לעמלען. האָט זיך ראָבינזאָן געשווינד אויפגעהויבען און האָט זיי ערוואַרט מיט זיין נעץ בעהאַלטענדיג זיך אונטער אַ בוים. אַ סך ציעגען זענען פאַרביי געגאַנגען, אָבער פערנעהמען זיי מיט'ן נעץ האָט איהם ניט געלינגען. נאָר פלוצלונג איז איינע איבערגעגאַנגען פערביי איהם אַזוי נאָהענט, אַז ער האָט בעדאַרפט נאָר אויסציהען די האַנד, און ער האָט שוין געהאַט געפאַנגען דאָס לעמעלע ביי זיך אין נעץ. און אַז ס'האָט אָנגעהויבען מיקען און רופען צו הילף אויף זייער לשון, האָט ראָבינזאָן געשווינד און אַזוי פעסט פערצויגען דעם נעץ, אַז די קולות האָט מען שוין נישט געקענט הערען, געטהון האָט ער דאָס צוליעב דעם, כדי די אַנדערע לעמלען זאָלען ניט דערהערען און זיך ניט דערשרעקען און צעלויפען.

דאָס געפאַנגענע לעמעלע איז געוועזן אַ „זי", אַ מוטער פון צוויי קליינע, וועלכע זענען באַלד טאַקע צו איהר אונטערגעקומען און האָבען גאָר קיין שכל ניט געהאַט זיך שרעקען פאַר ראָבינזאָנ'ען און פערשטעהן דאָס אומגליק, וואָס מיט זייער מוטער האָט פאַסירט.

ראָבינזאָן איז געוועזן זעהר דערפרעהט פון זיין יאַגד. אַזוי גליקליך און געלונגען איז זיין פערלאַנג דערפילט געוואָרען, נאָך בעסער ווי געוואונשען! גלייך האָט ער גענומען די געפאַנגענע מוטער און האָט זי אוועקגעשלעפט צו זיך אַהיים. די צוויי לעמעלעך זענען געגאַנגען נאָך זייער מוטער. איצט איז געבליבען די פראַגע, וואו זאָל ער זיי אַהינטהון? נאָר באַלד האָט ער בעשלאָסען, ביז וואָס ווען, מאַכען פאַר זיי אַ שטעלכיל ניט וויט פון זיין וואוינונג. און גלייך, ווי ער איז געקומען אַהיים מיט דער נייער פאַמיליע, האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבייט. דערוויל האָט ער די געפאַנגענע מוטער אָנגעבונדען אָן אַ בוים, און די קליינע האָבען זיך נעבען איהר געשפיעלט.

און ער האָט גענומען זיין שטיינערנע האַק, אויסגעהאַקט אַ סך יונגע בוימלעך און האָט מיט זיי אַ מין שטעלכיל אָבגעצוימט. דערווייל איז די מוטער אַנידערגעפאַלען פון מידקייט אויף דער ערד, און די קליינע, וועלכע האָבען פון גאָרנישט געוואוסט, האָבען זיך אויך צולעגט נעבען איהר און האָבען זאָרגלאָז ביי איהרע בריסט געזויגען.

מיט ענטציקונג האָט ראָבינזאָן געקוקט אויף דעם בילד, און איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז גאָרניט אַזוי פערלאָזען און פערגעסען. איצט וועט זיין לעבען ניט זיין אַזוי איינזאַם, און דאָס האָט איהם צוגעגעבען מוטה און כוחות שנעל צו מאַכען די שווערע אַרבייט.

איצט האָט ער גענומען דאָס קליינע הויזגעזינד און האָט זיי אַריינגעפיהרט אין שטאַל. דאָס אָפענע לאָך, וואָס איז איבערגעבליבען האָט ער פערשטעלט מיט צווייגען. ווי גוט איהם איז געווען אויפ'ן האַרצען, קען מען דען אַרויסגעבען? אויסער דעם, וואָס ער איז שוין ניט געווען אַזוי עלענד, וואָס ער האָט גענאַט נעבען זיך די לעבעדיגע בעשעפעניששען, האָט דאָך איהם געשמייכעלט די פיעל נוצען, וואָס ער וועט פון זיי האָבען: פון זייערע וואָל וועט ער אֶפשר מיט דער צייט זיך אויסלערנען מאַכען קליידונג, די מילך וועט ער טרינקען און וועט נאָך מאַכען קעז און פוטער אויך.

די מוטער מיט די קליינע לעמעלעך האָבען זיך צו ראָבינזאָנען שנעל צוגעוואוינט. ווי באַלד ער פלעגט קומען אַהיים, פלעגען זיי איהם שפרינגען ענטקעגען, אַרום שמעקען איהם, צי ער האָט עפּעס געבראַכט. און אַז ער פלעגט זיי אַמאָל ברענגען גראָז אָדער בלעטער, פלעגען זיי איהם מיט דאַנקבאַרקייט לעקען די האַנד. די יונגע לעמעלעך האָט ער גלייך אַנטוויינט פון דער מוטערס מילך, און האָט פאַר זיך אָנגעהויבען מעלקען די אַלטע ציג צוויי מאָל אַ טאָג אין דערפריה און אין אָווענד.

פון די מילך האָט ער געמאַכט אַלערליי מילכיגס, זויערמילך און סמעטענע, האָט געטרונקען זיסע, און בכלל האָט די מילך פיעל רייכער געמאַכט זיין הויז־אויפהאַלטונג.

און די ציגען זענען, וואָס ווייטער, אַלץ מעהר געוואָרען צו איהם צוגעוואוינט, אַזוי צוגעבונדען און איבערגעגעבען, ווי ביי אונז די הינד. האָט ער זיי אָנגעהויבען בענוצען אויף איבערטראָגען שווערע משׂאות. און די פערשטענדיגע בעשעפענישען פלעגען איהם אַלץ אויספיהרען אויסגעצייכענט.

דעם וועג אַהיים פלעגען זיי געפינען און האָבען געוואוסט אַזוי ווי ראָבינזאָן אַליין. זיי פלעגען קומען צו׳ם שטעלכיל, וואָס ראָבינזאָן האָט פאַר זיי געמאַכט, אָנקלאַפּען אין טהירעל און וואַרטען אַנשטענדיג, ביז ראָבינזאָן וועט אַרויסקומען, וועט אַראָבנעהמען די פּעקלעך, דערנאָך פלעגט ער זיי עפענען דאָס טהירעל. פלעגען זיי זיך אַריינגעהן איינע נאָך די אַנדערע, און ראָבינזאָן פלעגט נאָך זיי אויך נאָכגעהן, און קלייבען פון זיי גרויס נחת.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז ראָבינזאָן אַוועק זעהן, וואָס הערט זיך מיט זיינע ציגעל. זיי זענען שוין געווען געווענט האַרט, אַז מעהר האָבען זיי שוין נישט געדאַרפט טריקענען, און ראָבינזאָן האָט זיך שוין געקענט נעהמען צו דער אַרבייט. אָנשטאָט קאַלך האָט ער גענומען לייהמיגע ערד, אַ לאָפּאַטקע האָט ער געמאַכט פון אַ שטיין און האָט זיך צוגעגרייט אַלע געציַיג, וואָס זענען נויטיג צו דער אַרבייט. געוויס האָט ער דאָס אַלץ געמאַכט, ווי ער האָט נאָר געקענט, ווי איהם האָט זיך איינגעגעבען, און פיליַיכט וואָלט דאָס אויף אַנ׳אויסשטעלונג ניט אויסגעהאַלטען קיין קאָנקורס, אָבער ווען מען זאָל געהאַט נעהמען אין אַכט די בעדינגונגען, אין וועלכע ער האָט זיין געציַיג געמאַכט, וואָלט ער געוויס געוואונען דעם גרעסטען קאָנקורס.

לאַנג האָט שוין ראָבינזאָן געטראַכט, אַז איהם וואָלט זעהר נויטיג געווען אויספלעכטען אַ פּאָר קערב. ער האָט זיך אַ כך געאיבט אין דעם. און ענדליך האָט איהם געלונגען. ער האָט אויסגעפלאָכטען צוויי קערב, אָנגעבונדען צו זיי אַ שטריק, האָט דאָס אָנגעטהון דעם לעמעל אויף דעם רוקען און האָט די ציגעל איבערגעפיהרט.

פון אָנפאַנג איז די אַרבייט געגאַנגען אַם בעסטען, ווי געשמירט! ער האָט שוין איינגעמויערט איין זייט קיך, און ווען ער האָט די צווייטע שוין אָנגעהויבען, איז פאָרגעקומען אַזוינס, וואָס האָט מיט איינמאָל אומגעענדערט אַלע זיינע פלענער און חשבונות.

פינפטעס קאַפּיטעל.

דאָס ערדציטערניש. ראָבינזאָן פערזאָרגט זיך אויף ווינטער מיט אַלעס נויטיגעס, לערינט זיך אויס מאַכען טעפּ, מאַכט זיך נייע קליידער און ווערט שטאַרק קראַנק.

ס'איז געווען ביינאַכט. ראָבינזאָן איז געלעגען און געשלאָפען. דער טאָג, מיט זיין שווערע אַרבייט האָט איהם מיעד געמאַכט, און זיין שלאָף איז געווען פול זיסע חלומות. ער האָט געזעהן אין חלום די עלטערען. ער איז נעבען זיי, און אַלץ איז ווי געוועזען, ס'האָט גאָרנישט פּאַסירט. יענע דערטרונקענע שיף, וואָס האָט איהם פערוואָרפען אויפ'ן אינזעל, איז נאָר געווען אַ חלום, און אין שלאָף וויל ער לויפען צו זיינע חברים, זיי דעם דאָזיגען חלום צו דערצעהלען. אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס? וואָס קראַכט דאָס? דער דונער? אָדער עס ציטערט די ערד?

ראָבינזאָן האָט זיך אויפגעהאַפּט מיט טויט שרעקעניש. די ערד האָט גענומען שרעקליך ציטערן. ערגעץ אין איהר תהום האָט געדונערט, געקנאַלט און ס'האָט זיך געדראַכט, אַז באַלד וועט זי איינשלינגען אין זיך דעם גאַנצען אינזעל און וועט מאַכען פון אַלץ אַ סוף. אין דערזעלבער צייט האָט זיך אויפגעהויבען אַ שרעקליכער שטורם־ווינד, וואָס האָט אַרויסגעריסען בוימער, פעלזען־שטיינער און האָט געוואָלט מיט זיך אַוועקשלעפּען דעם ים.

פון גרויס שרעק האָט ראָבינזאָן אָנפאַנגס ניט געוואוסט וואו ער איז און וואָס ס'האָט פּאַסירט, נאָר אַז ער איז צו זיך געקומען, איז ער אַרויסגעלאָפען פון הייהל און האָט זיך געוואָלט לאָזען לויפען צו'ם באַרג.

די אָרימע לעמעלעך זענען נאָך איהם נאָכגעלאָפען. אָבער ווי ער איז נאָר אַרויסגעלאָפען פון זיין הייהל, האָט זיך איבער איהר, אויף דעם אָרט, וואו זיין געלעגער איז געווען, אַראָבגעלאָזען אַ פעלזען־שטיק. איצט האָט ער ערשט דערזעהן אין וואָס פאַר אַ שרעקליכע געפאַהר ער געפינט זיך, און ער האָט זיך געלאָזען לויפען פון זיין הויפעל, און מיט איהם אויך די לעמעלעך, וואָס האָבען אויך געוואָלט אַנטלויפען פון טויט. אָבער צולויפענדיג צו'ם באַרג. האָט ער מיט ערשטוינונג און שרעק דערזעהן, אַז אין באַרג האָט זיך אויפגעעפענט אַ תהום, פון וועלכען ס'האָט געהאַקט אַ געדיכטער רויך מיט פלאַמען־פייער: ברענענדיגע אַש און

שטיינער זענען פֿון תהום געפֿלויגען אין דער לופֿטען, און אַ גליהענדע מאַסע, וואָס רופֿט זיך „לאַווע", האָט דער באַרג פֿון זיך אַרויסגעוואָרפֿען, דראָהענדיג אַלץ צו פֿערניכטען, וואָס זי וועט נאָר טרעפֿען אויפ'ן וועג.

ראָבינזאָן האָט שוין געשפּירט דעם אָטהעם פֿון טויט און וואָהין אַנטלויפֿען האָט ער אַליין ניט געוואוסט: איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אומעטום איז שוין פֿאַר איהם פֿערשפּרייט אַ נעץ, און ער וועט מוזען אומקומען. אָנווענדענדיג די לעצטע כּוחות, האָט ער זיך געלאָזט לויפֿען צו דעם ברעג, אָבער דאָ

האָט אויף איהם געוואַרט נייע שרעק. דער שרעקליכער שטורעם-ווינד האָט פֿון אַלע עקען וועלט צוזאַמענגעטריבען די שוואַרצע וואָלקענס און זיי האָבען בעדעקט דעם הימעל מיט גאַנצע בערגער פֿינסטערניש, און פֿון דער

דאָזיגער פינסטערניש האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד אַ יַם מיט רעגען, און אין איין אויגענבליק איז געוואָרען אַזאַ מין פערפלייצונג, אַז זינט אונזער ראָבּינזאָן האָט געלעבּט, האָט ער אַזאַ מבּול ניט געזעהן. ס'איז געווען אַ צווייטער מבּול, אָבּער ער האָט קיין תּיבה ניט געהאַט, אַליין האָט ער פאַר גרויס נויט זיך אַרויפגעחאַפּט אויף אַ בּוים, אָבּער זיינע אָרימע לעמעלעך האָט ער ניט געקענט ראַטעווען. זיי האָט אַוועקגעשלעפּט דער שטאַרקער וואַסער=שטראָם.

וואָס וואָלט ער ניט אָבּגעגעבּען, ער זאָל זיי קענען ראַטעווען. ער וואָלט חאָטש זיין אייגען לעבּען איינגעשטעלט, אָבּער וויי, וויי האָט שוין זיי דער שטראָם פערשלעפּט – „אַדיע, מיינע ליעבּע!"

בּאַלד האָט דער רעגען אויפגעהערט און מיט איהם אויך דאָס ערד=ציטערניש, און אַלעס איז ווידער געוואָרען רוהיג און שטיל. דער ווינד האָט זיך איינגעלעגט, דאָס פייער פון תּהום בּאַרג איז געוואָרען קלענער און האָט מעהר ניט געוואָרפען מיט אַש און שטיינער, דער הימעל איז געוואָרען ווידער בּלוי און ריין, און די גאַנצע פערפלייצונג איז אין איין שעה צייט ניט געוואָרען.

ווען ראָבּינזאָן איז אַראָבּ פון בּוים, וואו ער האָט זיך געראַטעוועט פון דעם פערפלייצונג, איז איהם אויפ'ן האַרצען געווען זעהר טריעבּ. זיין איצטיגע לאַגע האָט איהם אויסגעוויזען פיעל ערגער ווי יענע, ווען ער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אויפגעחאַפּט אויף דעם איינזאַמען אינזעל, בּיי דעם רוישענדיגען יַם. אַ שוידער האָט איהם אַרומגענומען, אַז ער האָט זיך בּעטראַכט, אַז אַלעס, וואָס ער האָט ערוואָרבּען מיט אַזוי פיעל מיה, איז אין איין אויגענבּליק געגאַנגען פערלאָרען, פון אַלע פלענער איז געוואָרען אַש און רויך. זיין הויפ'ל איז פערשאָטען און צעבּראָכען געוואָרען, זיינע לעמעלעך, וואָס זענען איהם געווען אַזוי ליעבּ און טייער, האָט פערשלעפּט דער בּייזער שטראָם, און פון אַלע זיינע מיה איז געוואָרען אַ תּל.

דער בּאַרג האָט שוין אַפילו אויפגעהערט צו שלאָגען מיט פייער, אָבּער פון איהם איז געגאַנגען אַ געדיכטער שוואַרצער רויך, און מ'האָט געקענט האָפען, אַז ער זאָל זיך ווידער צעשפּיעלען, און דערפאַר האָט טאַקע ראָבּינזאָן מורא געהאַט, און טרויעריגע געדאַנקען, ווי די פערשוואונדענע שוואַרצע וואָלקען, האָבּען געדריקט זיין האַרץ. פון אַזוי פיעל עגמת=נפש און שרעק איז ער געווען אַזוי אָבּגעמאַטערט, אַז ער

הז״ט זיך ניט געקענט ריהרען פֿון אָרט. אָנגעשפּאַרט אָן בוים, פֿון וועלכען ער איז אַראָב, ווען די פֿערפֿלייצונג האָט אויפֿגעהערט, איז ער אַזוי אָבגעשטאַנען די גאַנצע צייט, און האָט זיך אינגאַנצען אָבגעגעבען זיינע אומעדיגע געדאַנקען, און קיין שפּור פֿון האָפֿענונג האָט ער ניט צוגעלאָזען צו זיך, וואָס זאָל איהם טרייסטען. און אַזוי איז ער אָבגעשטאַנען, ביז ס׳איז געוואָרען טאָג, און האָט ניט צוגעמאַכט קיין אויג. אָבער אַז דער טאָג איז אָנגעקומען, האָט מען דאָך געמוזט עפּעס אָנהויבען טהון, און ראָבינזאָן איז אַוועק פֿון דעם בוים. ער האָט זיך ניט געקענט האַלטען אויף די פֿיס, און וואַקלענדיג זיך ווי אין חלום, האָט ער זיך געלאָזט געהן צו זיין וואוינונג, וועלכע ער האָט שוין געהאַלטען אינגאַנצען פֿאַר חָרוב. ניין! הַנֵם מען זאָגט, אַז אַ מענשענס האַרץ פֿיהלט, וואָס מיט איהם וועט פּאַסירען און וואָס איהם ערוואַרט, אָבער הייַנטיגסמאָל איז דאָס געווען אינגאַנצען ליגען. ווען ראָבינזאָן האָט געזעהן, אַז זיינע שעפּעלעך זענען אַוועק מיט׳ן שטראָם, האָט ער זיך מיט זיי אויף אייביג געזעגענט, הייַנט קען אַ מענש עפּעס וויסען? הייַנט קען מען פֿאַרשטעלען ווי גרויס זיין פֿרייד איז געווען, ווען ער האָט דערזעהן ניט וויַיט פֿון זיין וואוינונג זיינע געטרייַע לעמעלעך, געזונד, פֿריש און פֿרעהליך! זיי האָבען איהם בעמערקט פֿון דערווייַטענס און מיט שמחה געלאָפֿען איהם ענטקעגען, גלייך, ווי זיי וואָלטען אַלץ פֿערשטאַנען און געוואוסט, וואָס איז פֿאָרגעקומען, אָבער זיך דורכרעדען האָבען זיי דאָך פֿאָרט ניט געקענט, האָבען זיי חאָטש אויסגעדריקט זייער פֿרייד מיט פֿרעהליכען מעקען און שפּרינגען, האָבען זיך געדרעהט אַרום איהם, געלעקט איהם די הענד, און האָבען אַליין ניט געוואוסט. וואָס צו טהון פֿון גרויס צופֿריעדענהייט, ניט וועניגער איז געווען צופֿריעדען ראָבינזאָן, און ער האָט זיך אויך ניט געקענט אָבריַיסען פֿון זיינע לעמעלעך. און הייסע טרעהרען פֿון שמחה האָבען זיך געגאָסען פֿון זיינע אויגען

די הייהל האָט ראָבינזאָן געפֿונען פֿיעל בעסער, ווי ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט. דער שאָדען איז ניט געווען אַזוי גרוס, ווי ער האָט געמיינט. אֶמת, זיין סטעליע, וואָס איז בעשטאַנען פֿון איין גרויסען פֿעלזען איז טאַקע אייַנגעפֿאַלען און האָט נאָך אַרויסגעריסען גאַנצע שטיקער ערד, אָבער ס׳איז ניט געווען אַזוי שרעקליך, און ס׳האָט נאָך געהאַט אַ מעלה אויך: דערווייל איז די וואוינונג געוואָרען פֿיעל גרעסער. נאָר ס׳איז נאָך געשטאַנען די פֿראַגע, ווי אַזוי דערלייזט צו ווערען פֿון דעם גרויסען

פֿעלזען, וועלכער איז חאָטש פֿון פֿאַל געוואָרען צו שפּאַלטען אויף צוויי, אָבער האָט געדאַרפֿט פֿערנעהמען גענוג אָרט. און לאָזען איהם ליגען איז געוועזען אונמעגליך, וויעדער אַרויסוואַרפֿען איז געוועזען ניט אַזוי לייכט. אום עס אויפֿהויבען האָט מען בעדאַרפֿט זיין שטאַרק, ווי שמשון הגבור. אָבער, וואָס מען קען ניט מיט כחות דאַרף מען מיט שכל, זאָגט אַ גלייכוואָרט. שטעהט ראָבינזאָן און טראַכט, און נעהמט און וואַרפֿט דערווייל אַרוים די שטיקער ערד, דערנאָך קלערט, ער אפֿשר וועט ער קענען חאָטש דעם קלענערען שטיין אַרויסוואַרפֿען, אָבער עס געהט ניט פֿון אָרט, גלייך ווי ער וואָלט זיין צוגעוואַקסען, איז וואָס זאָל ער טהון? לאָזען ליגען די שטיינער שמעקט איהם גאָרניט, אָבער ווער זאָל איהם העלפֿען?

שטעהט ער אַזוי פֿערדאגה׳ט, קלערט און טראַכט, וואָס זאָל ער טהון, ווי אַזוי זאָל ער אַרויסקייקלען די שטיינער? ער טראַכט לאַנג, ס׳איז שוין פֿערהאַן אַ מיטעל, אונזער ראָבינזאָן וועט שוין ניט בלייבען קיין נאַר! ער האָט זיך דערמאָהנט אָן אַ העבעל, מיט וועלכען מען קייקעלט אַרוים משאות. דאָס איז אַ לאַנגער גראָבער שטעקען, מיט איהם בענוצען זיך אַרבייטער ווען מען דאַרף הויבען שווערע בערוועגעס אָדער אַנדערע משאות.

ראָבינזאָן האָט געפֿינען אַזאַ לאַנגען שטעקען און ער פּרובט זיך. און ווי גרוים איז זיין שמחה, אַז זיין ערפֿינדונג איז געלונגען; צייט פֿון אַ האַלבער שעה איז ער געוואָרען פֿערטיג מיט זיין אַרבייט. ער האָט אַרויסגעקייקעלט בײדע שטיינער, און זיין וואוינונג איז געוואָרען נאָך אַמאָל אַזוי גרוים ווי פֿריהער.

איצט איז ראָבינזאָן אַוועק צו דעם פֿייער־שפּייעדיגען באַרג, פֿון וועלכען ס׳איז נאָך אַלץ געגאַנגען אַ שוואַרצער רויך. נאָהענט האָט ער געהאַט מורא צוצוגעהן, און ער איז געשטאַנען פֿון דערווייטענס און האָט בעטראַכט דאָס מורא׳דיג־פּרעכטיגע שפּיעל פֿון דעם תהום פֿון דער לאַווע. און אַזוי ווי ער איז געשטאַנען און געקוקט, האָט ער בעמערקט, אַז דער שטראָם פֿון דער לאַווע פֿליסט אין דער זייט, וואו עס האָבען געוואַקסען זיינע קאַרטאָפֿעל. די ערפֿאַהרונג האָט איהם זעהר דערשראָקען. „די לאַווע האָט געוויס געמאַכט אַ תל־עולם פֿון די קאַרטאָפֿעל״. געשווינד איז ער אַוועקגעלאָפֿען צו יענעם אָרט, וואו די קאַרטאָפֿעל האָבען געוואַקסען, אָבער די לאַווע האָט דאָ ניט געשאַדט, און זיין שמחה

קען שוין יעדערער אַליין פֿערשטעהן! אָבער דערפֿאַר האָט ער זיך גענעבען אַ וואָרט איבער אַ סך ערטער פֿון אינזעל פֿערזייען די פֿלאַנצונגען פֿון די קאַרטאָפֿעל, כּדי ער זאָל זיין מעהר זיכער, אויב עס וועט זיך ווידער צושפּיעלען דער באַרג, און וועט דראָהען די גוטע פֿלאַנצונגען צו פֿערניכטען.

געזאָגט און געטהון! ראָבינזאָן האָט פֿערזייהט אויף פֿיעל ערטער פֿון אינזעל קאַרטאָפֿעל, און אַז ער איז געוואָרען פֿערטיג מיט דעם, האָט ער גענומען מאַכען זיין אויווען אָדער ווי ער האָט דאָס גערופֿען: די קיך. און דאָ האָט איהם די נאַטור אויך געטהון אַ טובה. דער פֿייער־שפּייענדיגער באַרג האָט אַרויסגעוואָרפֿען זעהר פֿיעל וואַפּנע־שטיינער. און האָט איהם פֿערשפּאָרט פֿיעל אַרבייט. די דאָזיגע שטיינער מוז מען פֿריהער לעגען אין אַנ'אויווען, זיי זאָלען ווערען ווייך, און דעמאָלט קען מען פֿון זיי ערשט מאַכען וואַפּנע, אָבער אין דעם פֿאַל, האָט דער וואולקאַן פֿערביטען אַנ'אויווען. ראָבינזאָן האָט נאָר בעדאַרפֿט אויסגראָבען אַ גרוב, אַ היין אַריינוואַרפֿען די שטיינער, בעגיסען מיט וואַסער, פֿונאַנדערדרייבען, און ס'איז געוואָרען וואַפּנע. ראָבינזאָן האָט דאָס אַלץ אַזוי געטהון, האָט נאָך צוגעשאָטען אַביסעל זאַמד, און בעסערע וואַפּנע האָט מען זיך ניט געקענט ווינשען, די גאַנצע אַרבייט איז איהם געלונגען אַזוי גוט, אַז ער איז געווען פֿול פֿרייד.

איצט איז ראָבינזאָן געווען בעזאָרגט וועגען צוצוגרייטען זיך שפּייז אויפֿ'ן ווינטער, און נאָך נויטיגע זאַכען. צוליעב דעם האָט ער געפֿאַנגען אַכט לעמעלעך, האָט זיי אַלע געשאָכטען, אויסער דעם באָק, וועלכען ער האָט איבערגעלאָזט לעבען צוליעב די דריי לעמעלעך. דעם גרעסטען טייל פֿלייש האָט ער איינגעפּעקעלט. ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי זיין מאַמע פֿלעגט עס צוגרייטען. פֿריהער האָט ער דאָס פֿלייש איינגעזאַלצען און עטליכע טעג געלאָזט ליעגען, נאָכדעם האָט ער עס אויפֿגעהאַנגען איבער'ן קיך רויכער'ן, דאָס הייסט פּעקלען.

איצט איז ער געווען זיכער, אַז פֿלייש וועט איהם קלעקען אויף גאָר אַ לאַנגע צייט. ווען ניט דאָס ערד־ציטערניש וואָלט ער נאָך געהאַט אַ דאָגה, וואו עס אַלץ צו האַלטען, אָבער איצט איז ער שוין מיט דעם אויך געווען רוהיג: דאָס ערד־ציטערניש האָט איהם אַ גוטען קעלער צוגעגרייט. ניט ווייט פֿון זיין הייהל איז אַ שטיק באַרג איינגעזונקען געוואָרען צוויי קלאַפֿטער אין דער טיעף און ס'איז געוואָרען נאָך אַ הייהל. און מיט אַנ'אַריינגאַנג, וואָס איז אַרויסגעקומען אויף זיין הויף־פּלאַץ, אַלזאָ איז ער שוין געווען פֿערזאָרגט מיט אַ וואוינונג, אַ קיך און אַ קעלער.

אַלע איינע נעבען די אַנדערע, און אַזוי גוט זענען זיי אַלע געוועזען געמאַכט, אַז אַ פֿרעמדען מענשען וואָלט געוועזען שווער צו גלויבען, אַז דאָס האָט אַלץ געמאַכט איין מענש מיט דער הילף פֿון דער נאַטור.

איצט האָט ער נאָך בעדאַרפֿט בעזאָרגען דריי זאַכען, כּדי ער זאָל שוין פֿאַר דעם ווינטער גאָרניט מורא האָבען, און זיין מיט אַלץ רוהיג. ער האָט נאָך געמוזט אויסטריקענען הייה, אָנגרייטען האָלץ און אויסגראָבען די קאַרטאָפֿעל. דאָס הייה, וואָס ער האָט אויפֿגעזאַמעלט זעהר פֿיעל, האָט ער געבראַכט צו זיך אויפֿ'ן הויף. און אַז ער פֿלעגט צולעגען אַביסעל הייה, פֿלעגט ער דאָס אַזוי פֿעסט איינטרעטען, אַז קיין שום רעגען זאָל ניט קענען צוקומען. אָבער פֿאַר אַזאַ אַרבייט האָט ער בעדאַרפֿט בעצאָהלען רֶבּי געלד. ער האָט זיך גאָרניט געחאַפּט, אַז פֿריהער מוז דאָס הייה איינגאַנצען טרוקען ווערען, און דאַמאָלס קען מען עס ערשט צוזאַמענלעגען, ווען מען לעגט עס אָבער נאַסע און מען נעהמט דאָס פֿעסט איינטרעטען, ווערט דאָס אַזוי צוהיצט, אַז עס הויבט זיך אָן צו רויכערן און עס קען זיך זאָגאַר אָנצינדען אַליין. און וועגען דעם האָט ראָבינזאָן קיינמאָל גאָרניט געטראַכט, האָט גאָר אויף זיין לעבען דערפֿון ניט געהערט, און מען קען זיך שוין לייכט פֿאָרשטעלען זיין איבעררַאשונג, ווען ער האָט דערזעהן, אַז דאָס הייה רויכערט זיך, און נאָך מעהר איז ער ערשטוינט געוואָרען, ווען ער האָט צוגעלעגט זיין האַנד, און האָט דערפֿיהלט, ווי דאָס הייה איז זעהר הייס.

ער האָט שנעל פֿונאַנדערגעוואָרפֿען די קופּע און באַלד האָט ער זיך געחאַפּט די סיבּה: די ערהיצונג איז געקומען פֿון דער פֿייכטקייט. איצט האָט ער פֿערשטאַנען, אַז פֿריהער מוז מען אויסטריקענען דאָס הייה, און דערנאָך עס ערשט צו לעגען אין קופּעס. און אַזוי האָט ער געטהון. ער האָט געוואַרט ביז ס'איז איינגאַנצען געוואָרען טרוקען, דערנאָך האָט ער ווידער פֿון דעם געמאַכט אַ הויכע קופּע, בעדעקט עס מיט אַ דעכעלע פֿון בלעטער, דער רעגען זאָל עס ניט פֿערגיסען.

שפּעטער האָט ער גענומען קלייבען האָלץ און אַז ער האָט שוין געהאַט גענוג, האָט ער זיך גענומען צו זיינע קאַרטאָפֿעל. די קאַרטאָפֿעל האָט ער אויסגעגראָבען און געשאָטען גלייך אין קעלער, ענדליך האָט ער נאָך אַראָבגעטרייסעלט די צייטיגע ציטראָנען און איצט איז שוין אונזער פֿלייסיגער ראָבינזאָן מיט אַלץ געוועזען בעזאָרגט. פֿאַר'ן ווינטער האָט ער שוין זיך ניט געשראָקען, ער האָט זיך צו איהם מיט

אַ קלאָהרען קאָפּ צוגעגרייט און האָט איהם שוין זאָגאַר ערוואַרט.

אָבער דער ווינטער איז ערגעץ פֿערזעסען געוואָרען אין די קאַלטע לענדער און האָט נאָר אָן ראָבינזאָנ׳ס אינזעל פֿערגעסען. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ס׳איז שוין געווען ענדע אָקטאָבער, איז נאָך פֿון ווינטער ניט געווען קיין סימן; אָנשטאָט שנייען און קעלטען, האָט גערעגענט און גערעגענט אָהן אויפֿהער, גלייך, ווי די גאַנצע לופֿט וואָלט פֿערוואַנדעלט ווערען אין אַ ים וואַסער. שוין פֿירצעהן טאָג האָט זיך דאָס געצויגען, פֿאַר דער גאַנצער צייט האָט ראָבינזאָן ניט אַרויסגעשטעקט אַ פֿוס פֿון הייהל, אויסער ווען די נויט פֿלעגט איהם צווינגען, ווען ער פֿלעגט דאַרפֿען געהן געבען הייה די לעמלען, וואַסער ברענגען, געהן אין קעלער נאָך שפּייז, די איבריגע צייט האָט ער געמוזט זיצען פֿערשפּאַרט, ווי אַ געפֿאַנגענער. אוי, ווי פֿיל און פֿאַמעליך זענען געגאַנגען די טעג! וואָלט ער האָטש געהאַט אַ בוך! פּאַפּיער, טינט! ווען עמיצער וואָלט דאָס איהם געגעבען, וואָלט ער פֿאַר יעדען בלאַט אָבגעגעבען אַ טאָג פֿון זיין לעבען, און וואָלט גאָרניט געטראַכט אַפילו. און אָפֿט האָט ער פֿאַר זיך אַליין געטראַכט, וואָס פֿאַר אַ נאַר ער איז געווען אַמאָל אין דערהיים, ווען ער האָט געמיינט, אַז דאָס גאַנצע גליק איז לעדיג אַרומגעהן, און אַז לערנען און שרייבען איז אַנ׳אָבקומעניש! אָ ער האָט דעמאָלט גאָרנישט פֿערשטאַנען, און האָט ניט געוואוסט, וואָס ער טהוט! איצט וואָלט ער שוין קלינער געווען. איצט וואָלט ביי איהם דאָס ערגסטע בוך געווען טייערער פֿאַר אוצרות געלד, און פֿאַר אַ בויגען פּאַפּיער, און שרייב־געצייג וואָלט ער ניט פֿערביטען אויף אַ גאַנצען קעניגרייך!

און כדי צו פֿערטרייבען די לאַנגוויילינע טעג, האָט ראָבינזאָן גענומען טראַכטען, וואָס זאָל ער עפּעס מאַכען פֿאַר זיין ווירטשאַפֿט, ער האָט נאָך אַ סך בעדאַרפֿט האָבען, אָבער ניט אַלץ איז געווען אַזוי לייכט צו מאַכען. לאַנג, שוין זעהר לאַנג האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט׳ן געדאַנק מאַכען עפּעס אַ מין לאָמפּ און אַ טאָפּ, און איצט האָט ער געוואָלט דעם דאָזיגען געדאַנק פֿערווירקליכען. אָבער ווי אַזוי? ער האָט קיינמאָל ניט געזעהן, ווי די דאָזיגע זאַכען מאַכען זיך, אָבער איהם האָט זיך זעהר געוואָלט דערגעהן דעם קונץ.

און לאָמיר דערווייל האָפֿען, אַז אונזער ראָבינזאָן וועט שוין דאָס מאָל אויך קיין נאַר ניט בלייבען. ער האָט אונז בעוויזען, אַז מיר מעגען אָן איהם גלויבען.

קודֶם=כָּל איז עֶר אַוועֶקגעֶלאָפֿעֶן נאָך לײַהם, ניט קוקעֶנדיג אויף דעֶם שרעֶקליכעֶן רעֶגעֶן, וועֶלכעֶר האָט גאָר קײַן מיעדקײַט ניט געֶוואוסט, און האָט אַלץ געֶגאָסעֶן און געֶגאָסעֶן.

געֶקומעֶן אַהײַם, האָט ראָבּינזאָן זיך גלײַך געֶנומעֶן צו דעֶר אַרבּײַט, הגם עֶר האָט ניט געֶוואוסט, ווי די דאָזיגעֶ אַרבּײַט הויבּט זיך אָן און לאָזט זיך אויס, אָבּעֶר געֶדולד מאַכט אַלץ; און נאָך אַ סך מיה און אומזיסטעֶ איבּונגעֶן זעֶנעֶן עֶנדליך בּעֶשאַפֿעֶן געֶוואָרעֶן אַ טאָפּ מיט אַ לאָמפּ! ראָבּינזאָן איז געֶוועֶן אַזוי עֶנטציקט פֿון זײַן אַרבּײַט, פּונקט ווי עֶר וואָלט אַ גאַנצעֶ וועֶלט בּעֶשאַפֿעֶן. עֶר האָט געֶשפּרונגעֶן פֿאַר גרויס שמחה. עֶנדליך האָט איהם געֶלונגעֶן פֿעֶרווירקליכעֶן זײַן פֿעֶרלאַנג! אָבּעֶר די דאָזיגעֶ כּלים זעֶנעֶן נאָך ניט געֶוועֶן טרוקעֶן, און ראָבּינזאָן האָט זיי אַוועֶקגעֶשטעֶלט אויפֿ'ן קיך בּײַ'ם פֿײַעֶר, זיי זאָלעֶן זיך גוט צוטריקעֶנעֶן און האָט זיך נאָך מיט אַ גרעֶסעֶרעֶר הַתְּמָדָה געֶנומעֶן מאַכעֶן נאָך טעֶפּ גרויסעֶ, קלײנעֶ, פֿעֶנדלעֶך אַלעֶרלײ, און וואָס אַמאָל איז אַלץ די דאָזיגעֶ אַרבּײַט געֶגאַנגעֶן געֶשיקטעֶר און געֶראָטעֶנעֶר, און עֶר איז אַלץ מעֶהר געֶוועֶן צופֿריעֶדעֶן און עֶנטציקט פֿון זײַנעֶ עֶרפֿינדונגעֶן.

און דעֶר רעֶגעֶן גיסט און גיסט אָהן אויפֿהעֶר, און וואָס זאָל עֶר דעֶרווײַל טהון; פֿאַלט איהם אײַן, עֶר וועֶט מאַכעֶן אַ נעֶץ אויף חאַפּעֶן פֿיש. שטריק האָט עֶר געֶהאַט אַ סך אָנגעֶגרײַט, וועֶלכעֶ זעֶנעֶן איהם זעֶהר גוט געֶקומעֶן צוניץ. האָבּעֶנדיג געֶנוג געֶדולד און צײַט, האָט זיך אונזעֶר ראָבּינזאָן געֶנומעֶן צו דעֶר דאָזיגעֶר שוועֶרעֶר אַרבּײַט. און נאָך אַ סך שוועֶרעֶ מיה האָט איהם געֶלונגעֶן אויספֿלעֶכטעֶן אַ פֿיש=נעֶץ. דעֶרנאָך האָט עֶר אויסגעֶשניצט מיט זײַן שטײנעֶרנעֶם מעֶסעֶר פֿון אַ שטיקעֶל האָלץ אַ נאָדעֶל, האָט דעֶם נעֶץ צוזאַמעֶן=געֶנײַהט, און ווען עֶר איז געֶוואָרעֶן אינגאַנצעֶן פֿעֶרטיג, איז עֶר ניט פֿיעל עֶרגעֶר געֶוועֶן פֿון די נעֶצעֶן, מיט וועֶלכעֶ אונזעֶרעֶ פֿישעֶר חאַפּעֶן פֿיש.

איצט איז פֿון די נויטיגסטעֶ זאַכעֶן איהם געֶוועֶן פֿײַלעֶן=בּויגעֶנס, מיט וועֶלכעֶ עֶר וואָלט געֶקענט שיסעֶן פֿײגלעֶך, לעֶמלעֶך. און די הויפּטזאַך, וואָלט עֶר ניט בּעֶדאַרפֿט אַזוי מורא האָבּעֶן פֿאַר ווילדעֶ מעֶנשעֶן. — עֶר וואָלט זיך געֶקענט שטעֶלעֶן עֶנטקעֶגעֶן, ווען זיי וואָלטעֶן אויף איהם אָנפֿאַלעֶן, און דעֶריבּעֶר איז זײַן גרעֶסטעֶר בּעֶגעֶהר געֶוועֶן מאַכעֶן זיך אַ פֿײַלעֶן=בּויגעֶן.

און ניט קוקעֶנדיג אויף רעֶגעֶן און ווינד, איז עֶר אַוועֶקגעֶלאָפֿעֶן

זוכען דאס פאסענדיגע האלץ, עס זאל זיך קענען בויגען. און אין דער־זעלבער צייט זאל עס זיין גענוג הארט, און דערנאך, אז ער האט אזא האלץ געפונען, האט ער עס אבגעשיילט און איז גלייך געלאפען אהיים נעהמען זיך צו דער ארבייט, אבער איצט האט ער שטארק געפיהלט די נויטווענדיגקייט פון א רעכטען מעסער, מיט זיין שטיינערנעם מעסער איז די ארבייט זעהר שווער און לאנגזאם צוגעגאנגען. וואס ער וואלט מיט אונזערם א שטאל־מעסער אבגעשניטען אין איין שניט, האט ער מיט זיינעם בעדארפט שניידען צוואנציג מאל, אבער ראבינזאן האט גענוג געדולד געהאט און אין ניין טעג ארום איז דער פייל־בויגען געווארען פערטיג. מיט דער גרעסטער אונגעדולד האט ראבינזאן געווארט אויף דער דאזיגער שעה און זיין פערגעניגען איז געוועזן ניט אויסצושרייבען און ניט אויס־צודערצעהלען, עס האט איהם נאר געפעהלט א שנירעל צו דעם פייל־בויגען און פיילען. און א שנירעל האט ער זיך שוין אנ'עצה געגעבען, אבער פיילען וואו קריגט מען? אז ביי איהם איז פון אייזען קיין זכר נישטא! נאך לאנגען נאכדענקען האט ער זיך ענדליך דערמאהנט, אז ער האט ערגעץ געלייענט, אז די ווילדע מענשען בענוצען זיך מיט די ביינער פון גרויסע פיש און אויך מיט שארפע שטיינער און שפיצען צו מיט זיי די שפיזען און די פיילען, פארוואס זאל ער דאס אזוי נישט טהון? פאר איין גאנג דערמאנט ער זיך, ער וועט שוין טאקע מאכען א שפיז אויך. ער איז אוועקגעלאפען צו'ם ברעג און ווי גליקליך איז ער געוועזן, אז ער האט גלייך געפונען ביינער פון פיש און שארפע שטיינער, דערנאך האט ער געקריגען א לאנגען פלאקען אויף צו מאכען א שפיז און דורכגענעצט פון רעגען האט ער זיך געלאזט געהן אהיים, און אין א פאר טעג ארום האט שוין אונזער פלייסיגער ראבינזאן פערמאגט א פייל־בויגען מיט א שפיז.

גלייך, ווי דער פייל־בויגען איז געווארען פערטיג האט זיך ראבינזאן געפרובט, ווי וועט עס צוגעהן, און ער האט זיך איבערצייגט, אז האטש אינגאנצען פאלקאם איז דער פייל־בויגען ניט געוועזן, דאך האט מען מיט איהם גאנץ גוט געקענט שיסען קליינע חיות און פויגלען, און ווען א ווילדער וועט איהם בעפאלען, האט ער אויך געהאפט מיט דעם דאזיגען פייל־בויגען ערלעזען זיך פון געפאהר.

געענדיגט מיט דעם פיילענבויגען האט זיך ראבינזאן דערמאהנט אין זיינע טעפלעך און דעם לאמפ, עס האט אויסגעוויזען, אז זיי זענען

שוין גוט אויסגעטריקענט געוואָרען, און ראָבּינזאָן האָט שוין געוואָלט זיי נעהמען ניטצען. דעם לאָמפּ האָט ער געוואָלט אָנגיסען מיט דעם שמאַלץ, וואָס ער וועט אויספּרעגלען פֿון זיינע לעמלען, וואָס ער האָט געשאָכטען. האָט ער צום ערשטען גענומען אַ גרויס שטיק פֿעטס, אַריינגעלעגט אין דעם גרעסטען טאָפּ און האָט דאָס אַוועקגעשטעלט פּרעגלען. אָבּער ווי גרויס איז געוועזען זיין פֿערדראָס, אַז ער האָט דערזעהן, אַז ווי דאָס שמאַלץ צעגעהט, אַזוי זאַפּט דאָס לייהם איין אין זיך און עס רינט אַרויס צוריק! און דעם זעלבּען פֿעהלער האָבּען געהאַט אַלע טעפּלעך מיט די פֿאַנען מיט דעם לאָמפּ! איז וואָס טהוט מען און פֿאַר וואָס איז דאָס אַזוי? ראָבּינזאָן איז געוועזען

אויסער זיך. איז דען זיין גאַנצע אַרבּייט אומזיסט? און ער האָט אַלץ געבּראָכען די קאָפּ און געוואָלט געפֿינען די סיבּה. אין דערהיים מאַכט מען דאָך אויך לייהמענע טעפּ, פֿאַרוואָס רינען יענע נישט? און נאָך לאַנגען נאָכדענקען פֿאַלט איהם איין, אַז די סיבּה איז געוויס דאָס, וואָס די טעפּער „פֿאַליווען” זייערע טעפּ. דאָס הייסט, זיי גלייסטען, און דעריבּער זענען יענע טעפּ פֿעסטער און לאָזען גאָרנישט דורך. אָבּער, ווי אַזוי זאָל ער דאָס מאַכען? אַמאָל האָט ער געלעזען, אַז די טעפּער פֿאַליווען זייערע טעפּ אויף אַזאַ אופן: זעצען זיי עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד אין אַ גליהענדען אויווען, ווייל אין איינמאָל, וואָלטען זיי, ווען מען זאָל זיי לאָזען לאַנג

שטעהן, צופלאצט ווערען, און אזוי ווערען זיי געפאליוועט, אדער ווי מען זאגט געגלייסט, און ראבינזאן בעשליסט מיט זיינע געפעס אויך אזוי צו טהון.

ער נעהמט זיין גרויסען טאפ־קעסעל און שטעלט איהם אוועק אין א שטארק פייער, ער פלאצט אפילו נישט, נאר ער ווערט נישט געגלייסט אויך. אנפאנגס קען ראבינזאן גארנישט פערשטעהן די סיבה, נאר ווען ער בעטראכט זיך גוט, פערשטעהט ער, אז דאס איז בלויז דערפאר, וואס די טעפער ברענען די טעפ אין א פערמאכטען אויווען, און נישט אויף א פרייען ארט, וואו דאס פייער צופליהט און האלט נישט די נויטיגע היץ, אלזא האט ער געפונען די סיבה, און ער וויל שוין מאכען אנ'אויווען אויף די טעפ צו ברענען, אבער ווי הויבט מען אן אזא ארבייט, אז דרויסען הערט נישט אויף צו רעגענען? ערשט אין צוויי מאנאטען ארום, האט זיך דער הימעל בעפרייט פון די שווערע וואלקען, וואס האבען איהם בעלאגערט.

ראבינזאן מיינט, אז איצט ויעט קומען דער שטרענגער ווינטער, צו וועלכען ער האט זיך צוגעגרייט מיט אזוי פיעל מיה. אבער וואו איז ער אנטרינען געווארען?

אנשטאט שניי בעדעקט די ערד פרישע גראז, בלומען און פלאנצונגען און אנשטאט קעלט לייכט די פריהלינגס זון און בעגייט דעם איינזאמען אינזעל.

דאנקט ראבינזאן גאט פאר די אלע גוטס, וואס ער האט מיט איהם געטהון, און וואס ער האט איהם געהאלפען אין אלע זיינע נויטען. געקומען דער פריהלינג, און עס זענען געבוירען געווארען בלומען, גראזען, וואס בעשיינען די ערד, אבער צוזאמען מיט זיי וועלען דאך באלד אויך געבוירען ווערען די אלערליי פליגען, ווערמען, וואס שטעכען מיט זייער גיפט, און וואס זאל איצט ראבינזאן טהון, אז זיינע קליידער זענען אין איינע לעכער און פאלען ממש פונאנדער אויף שטיקלעך. און ער שטעלט זיך פאר וויפיעל וואונדען וועלען איהם מאכען די דאזיגע פליגעלעך, אבער ער האט נאך ניט געוואוסט, ווי איינצושאפען זיך עפעס קליידער, ווען זיינע וועלען איננאנצען אראבפאלען פון איהם. און די צייט, ווען די ליעבע פליגעלעך קומען גיך, איז דאך שוין באלד געקומען און פיעל באגות דריקען זיין הארץ.

אמאל בעהערשט איהם אנ'אונערטרעגליכע בענגשאפט נאך זיינע

עֶלטערען, און נאָך מענשען בּכלל, דאַמאָלס גיעהט ער אַוועק אויף שָׁעָה'ן־
לאַנג צו'ם יַם, גלייך, ווי ער וואָלט האָפען דאָרטען זיי צו טרעפען.
זעהר אָפט לאָזט ער זיך אָבּנאַרען פון אַ פאַלשער האָפנונג. פון דעם וויי־
טען האָריזאָנט שווימט אַרויס אַ קליינער וואָלקענדיל, און ראָבּינזאָן לאָזט
זיך אַליין איינרעדען, אַז דאָרטען פון דער ווייט קומט אָן אַ שיף מיט
זעגעל, און ער ווערט ערלעזט, און דאַמאָלס קלאַפּט דאָס האַרץ אַזוי
שטאַרק! אָבּער עס קען דאָך אַמאָל פּאַסירען און זאָל טאַקע קומען אַ
שיף, און ער קאָן גראָד דאַמאָלס ניט זיין בּיי'ם בּרעג, ער קען גראָד
זיצען בּיי זיך אין דערהיים, און די שיף קען קומען און קען ווידער
פערשווינדען, און ער וועט ווידער בּלייבּען אויף דעם איינזאַמען אינזעל
פערוואָרפען אין עלענד, און עס זאָל חָלִילָה נישט פאָרקומען אַזאַ שרעק־
ליכער צופאַל, האָט ראָבּינזאָן גענומען אַ הויכען שטעקען האָט אויף איהם
אָנגעטהון זיין העמד, וואָס איז שוין געווען אַזוי צופליקט, אַז אויפ'ן לייבּ
אָנטהון האָט מען זי אַלץ איינס נישט געקענט, האָט ער געמאַכט, ווי
אַ פאָהן און האָט דעם שטעקען אַריינגעשטעקט בּיי'ם ים פאַר אַ צייכען, אַז
דאָ געפינט זיך אַ מענש. און אין וואָס פאַר אַ לאַגע ער געפינט זיך וואָלט
שוין דער אָנגעקומענער מענש אַליין פערשטאַנען און וואָלט איהם געקומען
אויסלייזען.

וואָס ער האָט איצט בּעדאַרפט נויטיגער פון אַלץ, איז עס געווען
שיך מיט זאָקען. די וואָס ער האָט געטראָגען, זענען שטיקערווייז פון די
פיס אַראָבּגעפאַלען, און די „מאָסקיטאָזען" (אַזוינע פליגעלעך), האָבּען
איהם אַזוי אונבּרַחֲמָנוּת'דיג צוּבּיסען די פיס, אַז ער האָט זיך גאָר קיין
אָרט נישט געפונען, און ער האָט געזוכט עפּעס אַ מיטעל, ווי צו פער־
דעקען די הוילע פיס. דאָס בּעסטע וואָלט געווען, נעהמען דאָס פעל פון
זיינע געשאָכטענע לעמלען און פון זיי מאַכען זיך עפּעס אַ פּאָר שיך, אַ
קלייד. אָבּער ער האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי עס אָנצוהויבּען. אין דער־
היים האָט ער זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירט, זוי אַזוי די גאַרבּער בּע־
אַרבּייטען דאָס פעל, דערצו האָט דאָך איהם אויך געפעלט פאָדים און אַ
נאָדעל, מיט הוילע הענד וועט ער דאָך קיין שיך און קליידער נישט
אויפנעהען.

אָבּער יעדען טאָג פערפאָלגען איהם די מאָסקיטאָזען אַזוי שטאַרק,
אַז ער פיהלט, אַז מיט איהם וועט עפּעס געשעהן, אַז ער וועט נישט
איבּערטראָגען מיט די כּוחות און וועט מוזען פון זיי אומקומען. האָט ער

גענוּמֶען זײַן שטײנערן מעסער, האָט אויסגעשניטען ווי עס איז פֿוּן דעם לעמעל־פֿעל אַ פּאָר שיך און אַ פּאָר זאָקען. אויפֿנייהען זיי האָט ער נישט געקענט, האָט ער געמאַכט קלײנע לעכער, מ'זאָל קענען אַרײַנציהען פֿאָדעם און פֿערשנוּרעווען.

פֿון אַ צווייטען שטיק לעדער, וועלכער איז געווען קרוּם אויסגעבויגען און זעהר אַ האַרטער האָט ער זיך געמאַכט אַ מאַסקע, ער האָט נאָר אויסגעשניטען צוויי לעכער פֿאַר די אויגען און אַ דריטעס פֿאַר'ן מויל ער זאָל קאָנען אַטמען. און אַז ער האָט זיך שוין יאָ גענוּמען צוּ דער אַרבײַט האָט ער זיך געגעבען אַ וואָרט, אָנווענדען אַלע זײַנע פֿעהיגקײַטען, און בעשאַפֿען זיך פֿוּן דעם פֿעל אַ רעקעל מיט הויזען. געוויס האָט ער בעדאַרפֿט אויף דעם גענוּג ברעכען דעם קאָפּ, אָבער אַזוינע זאַכען האָבען נישט אָבגעשטעלט אונזער ראָבינזאָנען, און סוֹף־כּל סוֹף האָט ער דערגאַנגען די קוּנסט פֿוּן אַ שנײַדער און האָט בעשאַפֿען פֿאַר זיך אַן אַנצוּג, זײַן אַלטען אײראָפּעאישען צעריסענעם אַנצוּג האָט ער אַוועקגעלעגט צוּ טראָגען אין די גרויסע יום טובים.

זײַן נײַער אַנצוּג איז געווען דער וואונדערליכסטער פֿוּן גאָר דער וועלט. שטעלט אײַך פֿאָר, אַ מענשען פֿוּן קאָפּ ביז די פֿיס אײַנגעהילט אין האַרטע פֿעל. אַ גרויסע, שטײנערנע האַק אַרײַנגעשטעקט בײַ דער זײַט, אויף די אַקסלען די יאַגד־טאַש מיט דעם פֿײַלען־בויגען און מיט אַ בינדעל פֿײַלען — אין דער רעכטער האַנד אַ שפּיז, וועלכער איז געווען צווײמאָל אַזוי הויך, ווי ער אַלײן, און אין דער לינקער האַנד אַ געפֿלאָכטענעם שירם, וואָס איז געווען בעדעקט מיט קאָקוּס־בלעטער אויפֿ'ן קאָפּ, אָנשטאָט אַ הוּט עפּעס אַ מין קאָרב, וואָס איז אויך געווען איבערגעצויגען מיט האַרטען פֿעל, הײַנט קענט איהר אײַך שוין פֿאָרשטעלען, וואָס פֿאַר אַ געשטאַלט אונזער ראָבינזאָן האָט געהאַט, ווען עמיצער פֿוּן אײַך, וואָלט איהם אַזוי דערזעהן, וואָלט ער קײנמאָל נישט געטראָפֿען, אַז די וואונדערליכע קלײדער טראָגט אַ מענש, און נישט אַ משוּנה ווילדע חַיָה.

געענדיגט מיט זײַן אַנצוּג, האָט ער זיך ווידער גענוּמען צוּ זײַנע טעפּ. ער האָט געמאַכט אַן אויווען אויף איבערצוּברענען זיי, און ער האָט געוואָלט מאַכען אַ פּראָבע, אויב איהם וועט געלינגען איצט אין דעם אויווען בײַ דעם שטאַרקסטען פֿײַער איבערגלײַסטען די טעפּ. אַלזאָ האָט ער זיי אַרײַנגעשטעלט אין אויווען, און האָט פֿוּנאַנדערגעלעגט אַזאַ שטאַרקען פֿײַער, אַז דער אויווען איז געוואָרען צוּנטער. דאָס דאָזיגע

שטאַרק פֿײַער האָט ער נישט אָבגעלאָזען ביז אָװענד, דערנאָך האָט ער ביסלעכװײַז געמאַכט קלענער דאָס פֿײַער און מיט דער גרעסטער אונגעדולד האָט ער געװאַרט אױף דעם ערפֿאָלג פֿון זײַן אַרבײַט. דעם ערשטען טאָפּ אַרױסגעצױגען — נישט איבערגעגלײסט, דעם צװײטען — איז ער אױך נישט געװען געגלײסט און אַזױ אױך די איבעריגע. אָבער װען ער האָט דעם לעצטען גרעסטען טאָפּ אַרױסגענומען, האָט איהם אָנגעהױבען בעקוקען און האָט בעמערקט, אַז אין דעק האָט ער זיך איבערגעצױגען מיט עמאַליע (גלאַזור). װאָס איז דאָ געשעהן? ראָבינזאָן האָט נישט געקענט פֿערשטעהן די סיבה, װאָס עפּעס גראָד נאָר דער אײנער טאָפּ איז געװאָרען איבערגעגלײסט? און פֿאַרװאָס נישט אַלע? זײ זענען דאָך אַלע פֿון אײן מאַטעריאַל געמאַכט געװאָרען? און ער טראַכט און קען ניט פֿערשטעהן פֿאַרװאָס דאָס איז. נאָר מיט אַמאָל דערמאָהנט ער זיך, אַז אין דעם טאָפּ איז געװען אַביסעל זאַלץ. אַלזאָ, האָט ער שױן געפֿונען דעם סוד, װעלכען די אײראָפּײער האָבען שױן לאַנג געװאוסט. צו גלײסטען די לײהמענע געפֿעס דאַרף מען מאַכען אַ צומישונג פֿון זאַלץ. ער איז געװען מיט זײַן ערפֿינדונג העכסט צופֿריעדען. אַ גליקליכער צופֿאַל האָט איהם געעפֿענט די אױגען. און אױף דעם אַנדערן טאָג מאַכט ער שױן װידער אַ פּראָבע.

און ער האָט שױן אײַנגעהײצט דעם אױװען, דאָס פֿײַער ברענט אַזױ העל און ער גרײט צו זײַנע טעפּ, בעגיסט זײ מיט זאַלץ־װאַסער, טונקט זײ אין טרוקען זאַלץ און מיט אַמאָל אין מיטען דער אַרבײַט װערט איהם ניט־גוט. ער בעקומט איבעלקײט, שרעקליכע קאָפּ־שמערצען און ער פֿיהלט, אַז ער קען נישט שטעהן אױף די פֿיס. ער נעהמט בעטראַכטען אין װאָס פֿאַר אַ צושטאַנד ער פֿאַלט דאָ אַרײַן, װען ער װערט קראַנק, און איהם נעהמט אָן אַ שרעק. גרױסער גאָט, טראַכט ער, װאָס װעט פֿון מיר װערען. קראַנק זײַן איז אומעטום נישט אַנגענעהם, אָבער װערען קראַנק אױף דעם װיסטען אינזעל, װאו קײן מוטער־מענש װעט נישט קומען צו הילף, װעט נישט קומען דערלאַנגען אַפֿילו אַביסעל קאַלט װאַסער, װען ער װעט נישט קענען אַראָבגעהן פֿון זײַן געלעגער, קען דען װאָס־עס־איז זײַן שרעקליכער?

דורכגענומען מיט טיעפֿען שמערץ פֿון זײַן ביטערער לאַגע און פֿון זײַנע שװערע, װעהטאָגען איז ער אַנידערגעפֿאַלען אױף זײַן געלעגער. אַך, מיט װאָס פֿאַר אַנ׳אַנגסטען, ליעבע קינדער, איז געװען אָנגעזאַפּט זײַן

נשמה! אויף מענשליכע הילף האט ער דאך נישט געקענט האפען, די אייגענע קרעפטען האבען איהם פערלאזען און מיט שוידער האט ער געטראכט, אז אין אזא לאגע וועט ער שוין מוזען אומקומען. נאר איין גאט קען זיך אויף איהם דערבארעמען און איהם העלפען, מעהר קיינער נישט אין דער גאנצער וועלט! און ער איז געלעגען און האט זיך געראנגעלט מיט די אנגסטען פון טויט־שמערץ. דענקען האט ער שוין מעהר נישט געקענט, איז ער געלעגען מיט צעגויפגעפרעסטע הענד און האט מיט שטארע בליקען געקוקט צו'ם הימעל, וואו ער האט געזוכט פאר זיך א הילף. אבער די וועהטאגען האבען איהם לאנג נישט געלאזט ליגען. ער האט אויפגעזאמעלט זיינע לעצטע כוחות, איז אויפגעשטאנען צוצוגרייטען פאר זיך אויף נעהמען עפעס אין מויל, ווען די קראנקייט וועט איהם אויף אזויפיעל אבשוואכען, אז ער וועט שוין פון זיין געלעגער נישט קענען זיך ריהרען. קוים־קוים האט ער דאס געקענט טהון, דאט אוועקגעשטעלט נעבען זיין געלעגער וואסער, אוועקגעלעגט עטליכע געבאקטע קארטאפעל, א פאר ציטרינען, וואס ער האט געהאט, און האט זיך אהנמעכטיג אראבגעלאזען אויף זיין קראנקער בעט. אי, וואלט איהם גאט געוואלט צושיקען דעם טויט און צונעהמען איהם פון דער וועלט! אך ווי גערן וואלט ער געשטארבען!

באלד איז ער אריינגעפאלען אין א שרעקליכען פיבער. איהם האט געטרייסעלט אויף אזויפיעל, אז ער האט זיך אינגאנצען איינגעדעקט מיט פעל פון זיינע לעמלען, אבער ער האט זיך נישט געקענט איינווארעמען. און צוויי שעה נאכאנאנד האט איהם נישט אויפגעהערט טרייסלען. און דערנאך האט זיך די קעלט פערביטען מיט א שרעקליכער היץ. ווי א העלעש פייער האט אנגעצונדען אלע זיינע גלידער, אזוי האט איהם געברענט. ער האט זיך נישט געקענט געפינען קיין ארט, איהם האט געפעלט אטהעם, דאס הארץ האט שטארק געקלאפט. אין אזא שרעקליכען צושטאנד האט ער קוים, קוים געקענט נעהמען אין מויל אביסעל וואסער, אבלעשען די ברענענדיגע היץ, דערנאך האט ער גענומען שוויצען. גרויסע טראפען שוויים האט זיך פון איהם געגאסען, אבער ס'איז איהם געווארען לייכטער, ער איז אבגעלעגען א גאנצע שעה דערנאך, ווי מאט ער איז נישט געווען, האט ער זיך איינגעהויבען און אויף אלע פיער איז ער צוגעפויזעט צו'ם פייער, האט צוגעלייגט א סך האלץ עס זאל ברענען א גאנצע נאכט ביז מארגען פריה.

די דאָזיגע נאַכט איז געווען די שרעקליכסטע, וואָס ער האָט אַמאָל נאָר איבערגעלעבט! אַ גאַנצע נאַכט האָט נישט אָבגעלאָזט דאָס פיבער. קעלט מיט היץ האָבען זיך מיט איינאַנדער געטױשט. דער קאָפּ האָט נישט אױפגעהערט וועהטהון, און פון אַזױנע וועהטאָגען האָט ער בשום אופן נישט געקענט איינשלאָפען אױך, פון דעם אַלעם איז ער געוואָרען אַזױ אָבגעשוואַכט, אַז אין דער פריה איז ער קוים ווידער צוגעקראָכען צו'ם פייער דערלעגען האָלץ, עס זאָל זיך נישט אױסלעשען. ענטקעגען אָװענד האָט זיך די קראַנקייט אָנגעהױבען פון דאָסניי. ער האָט איצט ווידער געוואָלט דערשלאָגען זיך צום פייער, צולעגען האָלץ, אָבער דאָס מאָל האָט ער זיך שױן נישט געקענט ריהרען פון אָרט.

די צווייטע נאַכט איז געווען ווי די ערשטע, און דערווייל האָט זיך פערלאָשען דאָס פייער. דאָס וואַסער, וואָס איז שױן צוויי טעג געשטאַנען, איז געוואָרען קאַליע, אַז מ'האָט דאָס נישט געקענט טרינקען, און ראָבינזאָן איז געוואָרען אַזױ אָבגעשוואַכט, אַז ער האָט זיך נישט געקענט איבערקעהרען פון איין זייט אויף אַ צווייטע. ער האָט געמיינט, אַז זיין סוף איז שױן געקומען, און ער האָט אויף דעם טויט געוואַרט, ווי אויף אַן'ערלעזער פון זיינע שווערע וועהטאָגען, עלענד און פיין. פאַר'ן טויט האָט ער געוואָלט אָבזאָגען וִדוי און אָבדאַנקען גאָט פאַר אַלע חֲסָדִים, וואָס ער האָט מיט איהם געטהון, האָט געבעטען ער זאָל איהם פערגעבען די זינד, וואָס ער איז בעגאַנגען אין זיין לעבען, האָט געבעטען גאָט ער זאָל זיינע אומגליקליכע עלטערען צושיקען אַ טרייסט אין זייערע ליידען, און האָט רוהיג געוואַרט אויפ'ן טויט. און וואָס אַ מינוט זענען די וועהטאָגען געוואָרען שטאַרקער און אונערטרעגליכער. ער האָט שױן ניט געהאַט קיין אָטהעם, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דער טויט דערנעהענטערט זיך צו איהם מיט פעסטע, שנעלע און זיכערע טריט, אָבער קיין שפור פון שרעק! מיט פרייד האָט ער געשיקט זיין נשמה צוריק צו גאָט. און מיט אַמאָל האָבען די וועהטאָגען דערגרייכט די העכסטע שטופע, דאָס האַרץ האָט ווי אויפגעהערט צו אַרבייטען, דער אָטהעם האָט זיך אָבגעשטעלט, ער האָט פערוואָרפען דעם קאָפּ, צוגעמאַכט די אויגען און איז געבליבען ליגען, ווי געשטאָרבען.

זעקסטעס קאַפּיטעל.

ראָבינזאָן ווערט געזונד. ראָבינזאָן מאַכט דאָס ערשטע מאָל פרישע פוטער, ער געפינט פרוכט־ברויט־ביימער. אַ נעסט מיט פּאָפּוגאַיען. פאַר זיינע פיעל אַרבייטען מאַכט ער אַ געשטעלטע צייט. ער אונטערנעהמט אַ נייע ענטדעקונגס־רייזע איבער'ן אינזעל און געפינט איבערגע־בליבענע מענשליכע ביינער.

אַ לאַנגע צייט איז ראָבינזאָן אָבגעלעגען אין אַזאַ צושטאַנד, ניט וויסענדיג אַליין אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער געפינט זיך. פלוצלונג האָט ער אַ שטאַרקען זיפץ געטהון, גענומען ציהען אין זיך דעם אָטהעם, האָט אויפגעעפענט די אויגען און זיך גענומען אַרומקוקען, וואו ער איז. ער האָט זיך געפיהלט זעהר אָבגעשוואַכט, אָבער אָהן וועהטאָגען. די היץ האָט אָבגעטראָטען, און ער האָט געשוויצט מיט אַ גוטען שווייס. איהם האָט זעהר געדורשט, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין וואַסער. דאָס דאָזיגע וואַסער, וואָס ער האָט פאַר זיך צוגעגרייט, האָט מען נישט געקענט מעהר טרינקען, און ער האָט נישט געוואוסט, ווי זאָל ער שטילען זיין דורשט. צו'ם גליק, האָט

ער זיך בּאַלד דערמאָהנט, אַז ער האָט נאָך נישט אויפגעגעסען די ציטרינען. אָבּער ער איז געווען אַזוי שוואַך, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט ריהרען פון אָרט, זיי צודערלאַנגען. קוים-קוים האָט ער איהם געלונגען און האָט זיך אַבּיסעל מְחַיֶה געווען מיט זייער זאַפט. דערנאָך איז ער געשמאַק איינגעשלאָפען. און ער האָט נאָך אַלץ געשוויצט. אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען לאַנגער טאָג. די קראַנקייט איז איבּערגעגאַנגען און איצט איז ער נאָר געווען מיעד און אָבּגעשוואַכט. ער האָט שוין אַפילו געהאַט אַפּעטיט צו׳ם עסען, נאָר מעהר ווי אַ פּאָר געבּראָטענע קאַרטאָפעל האָט ער נישט געהאַט, אָבּער, אַז ס׳איז נישטאָ קיין בּוליאָן פון הוהן, מוז זיך אונזער חולה בּעגנוגען מיט קאַרטאָפעל. בּעשפּריצט די קאַרטאָפעל מיט לימאָנע-זאַפט און האָט דאָס אויפגעגעסען.

אין די צוויי טעג פון זיין קראַנקייט האָט ער זיך גאָרניט געקימערט וועגען זיינע לעמלען, און איצט איז ער זעהר געריהרט געוואָרען, אַז ער האָט זיי דערזעהן ליגענדיג בּיי זיינע פיס, און אַז די אַלטע מוטער פון די לעמלען איז צו איהם צוגעגאַנגען גאָר נאָהענט, האָט ער אָנגעווענדט אַלע זיינע קרעפטען און האָט אויסגעמאָלקען פאַר זיך אַבּיסעל מילך. דאָס דאָזיגע פרישע מילך האָט איהם ממש ערפרישט און ער איז גאָר לעבּעדיגער געוואָרען.

און אויף דאָס-ניי איז איהם בּעפאַלען אַ זיסער שלאָף, פון וועלכען ער איז געוואָרען געזונד. דער שלאָף האָט איהם אויף אַזוי פיעל דערקרעפטיגט, אַז אויף מאָרגען איז ער שוין אויפגעשטאַנען פון בּעט און האָט געקענט, כאָטש מיט ציטריגע פיס, מאַכען עטליכע טריט.

וואַקלענדיג איז ער אַרויסגעגאַנגען אויפ׳ן הויפ׳ל. דאָ האָט ער אויפגעהויבּען זיינע אויגען צו׳ם הימעל. אַ העלער גאָלדענער זונען-שטראַהל האָט זיך דורכגעריסען פון די בּוימער און איז אַראָבּגעפאַלען אויף זיין געזיכט, און ס׳איז איהם געוואָרען אַזוי לייכט, אַזוי אַנגענעהם, ווי ער וואָלט ניי געבּאָרען ווערען.

„אָ, דו אויבּיגער קוואַל פון לעבּען!“ האָט ער אויסגעשריהען. „אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך נישט פערלאָזען אין מיין נויט און וואָס דו האָסט מיך נאָכאַמאָל גערופען צוריק צו זיך!“

פרישע לופט, פריש וואַסער, וואָס ער האָט געטרונקען מיט מילך האָבּען אויף זיין געזונד זעהר גוט געווירקט. פיהלען האָט ער זיך געפיהלט אויך זעהר גוט — זאָרגלאָז, פרעהליך און צופריעדען, און דאָס

אלץ האט געמאכט, אז ער איז שנעל געקומען צוריק צו זיינע כוחות. אין עטליכע טעג ארום, איז ער געווען שוין אזוי דערקרעפטיגט, אז ער האט זיך ווידער געקענט נעהמען פאר זיינע ארבייט.

פריהער פון אלץ איז ער געגאנגען געוואר־ווערען, וואס הערט זיך מיט זיינע טעפ, און איז געווען נישט ווייניג צופריעדען, אז ער האט דערזעהן, אז זיי זענען אלע געווארען איבערגעגלייסט, גלייך, ווי ביי די אמת׳ע טעפער. פון גרויס שמחה האט ער אנפאנגס פערגעסען, אז פון דער דאזיגער געלונגענער ארבייט וועט ער האבען ווייניג נוצען, וואס וועט ער איצט אין זיי קענען קאכען, אז דאס פייער האט זיך אין דער צייט פון זיין קראנקייט אויסגעלאשען? און מיט טרויער קוקט ער אויף זיינע טעפלעך און פאנען און אויף דאס ארט, וואו דאס פייער האט געברענט און איז פערלאשען געווארען.

דאך האט ער נישט קיין חרטה, וואס ער האט געמאכט די טעפ, ווייניגסטענס וועט ער איצט האבען מילכיגע געפעס, וואס וועט איהם אויך זעהר גוט צוניטץ־קומען. ער האט שוין לאנג געוואלט אויסשלאגען אביסעל פוטער, וואס וואלט גאר נישט געווען שלעכט צו עסען מיט די געבאקטע קארטאפעל. אבער מאכען א הילצערנע „בויקע” אויף שלאגען דאס פוטער, האט ער נישט געקענט, אלזא איז איהם איצט איינגעפאלען אפשר וועט ער קענען אויסשלאגען אין א טאפ פוטער? ער האט אראבגענומען די סמעטענע, אריינגעגאסען אין א גרויסען טאפ, געמאכט א הילצערנע דעקעל אין מיטען מיט א לאך, און האט דעם טאפ צוגעדעקט, האט אריינגעשטעלט אין דער לאך א שטעקעל און האט גענומען קלאפען אין די סמעטענע. ס׳האט לאנג נישט געדויערט און ס׳איז געווארען שטיקלעך פוטער, האט ער עס ארויסגענומען פון די מאסלינקע, האט עס איבערגעוואשען, ווי ער פלעגט זעהן, ווי זיין מאמע פלעגט טהון, איז עס געווארען איין שטיק. האט נאך בעזאלצט אביסעל און ס׳איז געווארען פוטער פון דעם בעסטען סארט.

איצט האט ער געהאט נאך א דאגה. וואו וועט ער נעהמען געבאקטע קארטאפעל, אז ער האט קיין פייער נישט, וואו צו אפבאקען די קארטאפעל? און ווידער האט איהם זיין דאזיגע לאגע דערמאנט אן זיין פערלאזענטקייט, ער האט זיך שוין געמוזט בעגוגנען מיט די דאזיגע שפייזען, וואס איז געווען איהם מעגליך צו קריגען, ווי מילך, קאקוסניס, און רויהע פלייש, דאס אלץ איז געווארען זיין איינציגע שפייז.

וואָס זאָל ער איצט טהון? וואָס ער האָט געקענט מאַכען מיט זיינע אייגענע הענד, האָט ער שוין געמאַכט, און איצט, האָט ער גע-טראַכט, וועלען אַוועק-געהן טעג און ער וועט גאָרנישט ניט האָבען וואָס צו טהון. שלאָפען, עסען און מעהר גאָרנישט, אַך, דאָס איז פאַר איהם געווען דאָס שרעקליכסטע!

לעבען אָן אַרבּייט! דער דאָזיגער געדאַנק האָט איהם פון שטענדיג געשראָקען. ער האָט זיך דערמאָהנט דעם דאָזיגען שפּריכוואָרט:

אַרבּייט איז די מוטער פון מעשים טובים, פוילקייט דער וועג צו פערברעכען און זינד.

נישט האָבענדיג קיין אַרבּייט, האָט איהם בעפאַלען אַ שטאַרקער געפיהל פון עלענד און בענקשאַפט. אַך, ווי האָט ער זיך געוואָלט בע-פרייען פון זיין עלענד.

גאַנצע טעג האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט'ן געדאַנק מאַכען אַ שיפעל און לאָזען זיך אין פרייען ים ווייט, ווייט געפינען מענשען, מענשען, נאָך וועלכע ער האָט אַזוי געבענקט!

איינמאָל האָט ער בעשלאָסען עס מאָג זיין, וואָס עס וויל, ער מוז געהן אויפזוכען אַזאַ מין בּוים, וועלכען ער זאָל קענען אויסדרעלעווען און מאַכען אַ שיפעל. לאַנג איז ער געגאַנגען, ביז ער האָט געפונען אַ הויכען פרוכט-בּוים. אַזאַ בּוים האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. אויף דעם דאָזיגען בּוים האָבען געוואַקסען גרויסע פרוכט, ווי קאָקוס ניס, אָבער אָהן שאָלאַכץ און זיי זענען געווען זעהר געשמאַק. דער בּוים אַליין איז געווען גאָר פון אַנ'אַנדער אַרט, און אינגאַנצען ניט עהנליך אָן דעם קאָקוס בּוים. שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער דאָזיגער בּוים הייסט ברויט-פרוכט-בּוים. די פרוכט פון דעם דאָזיגען בּוים קען מען עסען רויהע, און אויך צערייבּען און מאַכען דערפון טייג, דערנאָך בּרויט.

דער גרויסער שטאַם פון דעם דאָזיגען בּוים איז געווען אין איין זייט פון אַלטקייט עטוואָס אויסגעהוילט. ראָבּינזאָנ'ען איז איינגעפאַלען, אַז פון דעם דאָזיגען בּוים קען מען מאַכען אַ שיפעל. איהם אויסהאַקען טיעפער, אויסהוילען. און כדי ער זאָל נישט פערלירען דאָס אָרט, וואו דער בּוים האָט געוואַקסען, האָט ער געמאַכט אַ צייכען און איז אַוועק אַהיים.

אויף זיין צוריקוועג האָט איהם אויך געגליקט: ער האָט געפונען

אַנ'אָנגעזעצטען נעסט מיט יונגע פאפוגאַיען, ער איז געווען מלא שמחה, אָבער ווי ער איז נאָר נאָהענט צוגעגאַנגען צום נעסט, זענען די פאפוגאַיען צעפלויגען, ס'איז געבליבען נאָר איינער, דער קלענסטער. ראָבינזאָן איז מיט דעם איינעם אויך געווען איבערגליקליך. ער וועט איהם נעהמען אַהיים און אויסלערנען ריידען, און דאָס וועט זיין די ערשטע מענשליכע ווערטער, וואָס ער וועט הערען פאַר דער גאַנצער צייט. איז עס דען אַ קלייניגקייט?

געקומען אַהיים, האָט ער ווי עס איז געמאַכט אַ שטייגעל, האָט עס אויפגעהאַנגען מיט זיין נייען פריינד איבער'ן בעט און האָט זיך געלעגט שלאָפען.

אויף מאָרגען האָט זיך ראָבינזאָן אַלץ מישב געווען, צי ער זאָל אויסהאַקען דעם בוים. איהם איז געווען אַ שאָד די געשמאַקפאַלע נוצליכע פרוכט, אָבער דער געדאַנק, אַז דורכדעם קען ער קויפען זיין פרייהייט, איז ביי איהם געוואָרען אַזוי שטאַרק, אַז ס'האָט אַלץ איבערגעוואויגען, און ער האָט פעסט בעשלאָסען בענוצען זיך מיט דעם בוים. און דער דאָזיגער געדאַנק פון בעפרייאונג איז ביי איהם אין יענער מינוט אויסגעוואַקסען אַזוי שטאַרק, אַז ער איז גלייך אויפגעשפרונגען פון בעט, געכאַפּט זיין שטיינערנע האַק און איז ווי אַ פייל פון בויגען אַוועקגעלאָפען צו'ם בוים, כדי וואָס שנעלער זיך נעהמען צו דער אַרבייט און וואָס שנעלער זאָל מקוים ווערען זיין גרויסער פערלאַנג.

ווי שווער די דאָזיגע אַרבייט איז געווען, קען זיך שוין יעדער פאָרשטעלען, אָבער אונזער ראָבינזאָן האָט זיך פאַר קיינע שוועריגקייטען נישט געשראָקען. וואָס עס וויל מעג זיין, עס קען איהם קאָסטען פיעל מיה און צייט, אָבער ער מוז די דאָזיגע אַרבייט אויספיהרען.

נאָכדעם, ווי ער האָט אָבגעאַרבייט אַ גאַנצע טאָג, פון בעגינען ביז מיטאָג, און האָט אויסגעהויהלט אין אַ שטאַם אַ גאַנץ קליינע טיעפקייט, וואו ער האָט מעהר נישט געקענט, ווי די האַנד אַריינשטעלען און דאָס איז איהם אויך ניט אַזוי לייכט צוגעגאַנגען, האָט ער דערזעהן, אַז די דאָזיגע אַרבייט וועט מוזען דויערען זעהר לאַנג, פיליייכט נאָך מעהר, ווי אַ יאָהר און חאָטש עס האָט איהם נישט אָבגעשראָקען און אָבהענטיג געמאַכט, דאָך האָט ער בעשלאָסען צו טיילען דעם טאָג, און איינאָרדענען אַזוי, אַז ביי איהם זאָל די צייט ניט געהן לאיבוד, יעדע שעה זאָל ער וויסען, וואָס ער דאַרף און האָט צו טהון.

אויפֿגעשטאַנען איז ער גלײַך מיט טאָג, גלײַך איז ער געלאָפֿען זיך אײַנוואַשען פֿון דעם וואַסער־קוואַל, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעטהון און איז געגאַנגען אויף דאָס בּערגעל, וואָס איז געווען איבּער זײַן הײַהל, דאָרט האָט ער געהאַט אַנ׳אָרט, וואו ער פֿלעגט שטענדיג דאַוונען, און דאַוונענדיג האָט ער נאָך קײנמאָל נישט פֿערגעסען צו בּעטען גאָט פֿאַר זײַנע עלטערען; געקומען אַהײם נאָכ׳ן דאַוונען, האָט ער אויסגעמאָלקען זײַנע לעמלען, פֿון וועלכע ס׳איז פֿאַר דער דאָזיגער צײַט געוואָרען אַ גאַנצע סטאַדע. פֿון דעם מילך, וואָס ער פֿלעגט אויסמעלקען, פֿלעגט ער העלפֿט אַראָבּטראָגען אין קעלער און העלפֿט פֿערטהון צו פֿרישטיק, און, אַז ער פֿלעגט אָבּטהון די אַלע אַרבּײַט, פֿלעגט ער זיך נעהמען גרײטען אין וועג אַרײַן. אָנגעטהון דעם פֿײַלענבויגען, גענומען אַלעם נויטיגעס — און הײַדאַ אין וועג אַרײַן! אַמאָל איז ער געגאַנגען צו דעם פֿרוכט־בּרויט־בּוים, פֿון וועלכען ער האָט זיך געהאָפֿט מאַכען אַ שיפֿעל, אַמאָל איז ער געגאַנגען צו׳ם בּרעג ים זוכען אויסטריצעס צו מיטאָג.

אַ זײגער צעהן אין דער פֿריה פֿלעגט ווערען די היץ אַזוי אונערטרעגליך, אַז ראָבּינזאָן פֿלעגט מוזען אָפּלעגען זײַן אַרבּײַט, איז ער דעמאָלסט געגאַנגען צום ים זיך בּאָדען. צוויי מאָל אין טאָג פֿלעגט ער זיך בּאָדען. אַרום האַלבּען טאָג פֿלעגט ער ווידער מעלקען זײַנע לעמלען. פֿון דאָס מילך, וואָס ער פֿלעגט שטעלען זויערן, פֿלעגט ער מאַכען קעז. ענדיגענד די דאָזיגע אַרבּײַט, פֿלעגט ער זיך נעהמען צוגרײטען מיטאָג. זײַן פֿאָרשפּײַז איז געווען אויסטריצעס, דאָס צווייטע געריכט מילך צוזאַמענגעמישט מיט קעז, דאָס דריטע געריכט, אַ האַלבּער קאָקוסנוס. בּײַ אַזאַ מאָהלצײַט קען מען ניט זאָגען, אַז ס׳איז זעהר שלעכט, אָבּער אונזער ראָבּינזאָן האָט דאָך, ווי מיר ווייסען שוין, פֿערזוכט פֿלײש אַפֿילו אויף דעם אינזעל אויך, אַפֿילו געבּראָטענס זאָגאַר, האָט איהם זיך איצט שטאַרק געבּענקט נאָך אַ שטיקעלע פֿלײש, אָבּער דאָס פֿײַער האָט איהם געפֿעהלט און ער האָט זיך ווידער געמוזט בּענוצען מיט זײַן לאַנג אויסגעטראַכטען מיטעל: דורך קלאַפּען מאַכען ווייך דאָס פֿלײש מ׳זאָל עס קענען עסען, ווי ער האָט דאָס שוין געטהון, אײדער ער האָט געקראָגען פֿײַער.

ווען ער פֿלעגט עסען מיטאָג, פֿלעגט ער זיך דעמאָלסט פֿערנעהמען מיט זײַן פּאָפּוגאַי, פֿלעגט צו איהם פּלוידערן וואָס מעהר, נאָר דער פֿויגעל זאָל זיך אויסלערנען רײדען אײניגע ווערטער. נאָך מיטאָג פֿלעגט

ער זיך פערנעהמען מיט גארטען־ארבייט, פלעגט זייהען קארטאפעל, פלעגט זיך פרובען פלאנצען פרוכט־ברויט־בוימער, האט מיט שטעקלעך ארומגעצוימט זיין גארטען, האט ארומגעשניטען די בוימוואנד, וואס האט זיין הייהל אבגעצוימט, האט אויפגעפלאכטען די צווייגען, כדי זיי זאלען זיך צוזאמענוואקסען ווי אביידעל, וואו די זון זאל נישט קענען צוקומען, וואו מ'זאל קענען געפינען א שאטען אין א הייסען טאג.

דער טאג פלעגט אויפ'ן אינזעל, צו ראבינזאנס גרויס בעדויערן, האלטען אם העכסטענס דרייצעהן שעה, און ארום א זייגער זיבען פלעגט שוין ווערען פינסטער, און ער פלעגט מוזען איילען אין די דאזיגע שעהן מאכען פארטיג אלע זיינע ארבייט. ארום א זייגער זעקס, ווען עס פלעגט שוין אנהויבען דעמערן, פלעגט ער זיך דאן פערנעהמען מיט לערנען זיך שיסען פון זיין פייל־בויגען, דאס זיך געלערנט, ווי אזוי זיך צו בעגעהן מיט דעם שפיז אין א נויט. אונזער ראבינזאן האט נאך אליץ געציטערט פאר די ווילדע און האט געהאפט זיי צו האבען פאר געסט יעדען טאג, און האט טאקע דעריבער געוואלט זיין גרייט מיט זיין ברוך־הבא קענגען זיי! און אז ס'פלעגט אנקומען די אמת'ע דעמערונג, פלעגט ער דאמאלסט נאך געהן אויסמעלקען זיינע לעמלען, פלעגט נאך אבעסען אבענד־ברויט אונטער דער בעלייכטונג פון דער לבנה און שטערן און אזוי האט ער בעגלייט דעם טאג.

און אזוי האט ראבינזאן אבגעלעבט אלע טעג צייט דריי יאהר נאכאנאנד. איין טאג עהנליך אן דעם אנדערען. פאמעליך זענען זיי געגאנגען און דאך זענען זיי פערשוואונדען. פאר דער גאנצער צייט האט ער אליץ געבויט זיין שיפעל, אבער די דאזיגע ארבייט איז זעהר לאנגזאם צוגעגאנגען און זי איז נאך געווען וויים צו'ם ענדע.

איינמאל בעטראכט זיך פלוצלונג אונזער ראבינזאן, אז ער וואויהנט שוין אזא לאנגע צייט אויף דעם אינזעל, און ער האט נאך איהם ניט בעקוקט און ניט דורכגערייזט און ביי איהם קומט אויס, אז ס'איז גאר אנ'אומרעכט, וואס ער נעהמט נישט פאר א רייזע איבער דעם אינזעל, כדי צו מאכען נייע ענטדעקונגען. פאר דער דאזיגער רייזע האט ער זיך געשראקען נאר צוליעב דער אימה פאר די ווילדע, אבער האבענדיג דעם פייל־בויגען און שטרעבענדיג צו נייע ענטדעקונגען, האט ראבינזאן בעשלאסען פארצונעהמען די דאזיגע רייזע איבער'ן אינזעל.

און אין דעם זעלבען טאג האט זיך ראבינזאן גענומען גרייטען אין

וועג. איף מאָרגען פריה איז ער אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעלאָדען איינעם פון זיינע לעמלען, האָט אָנגעפּאַקט אויף איהם עסען־וואַרג אויף גאַנצע פיער טעג, האָט אַרויפגעלעגט זיינע גאַנצע בעוואָפנונג און האָט זיך פערלאָזען אויף גאָט און מאַרש אין וועג אַריין!

אין דעם ערשטען טאָג פון זיין וואַנדרעווען איז גאָרנישט פאָרגעקומען אַזוינס, וואָס זאָל זיין ווערט די פעדער. ער איז איינגעגאַנגען אונגעפעהר דריי מייל, און וואָס ער איז געגאַנגען ווייטער, האָט ער זיך אַלץ מעהר איבערצייגט, אַז זיין הייהל געפינט זיך אין דער ערגסטער געגענד פון אינזעל. אויף פיעל ערטער האָט ער געפונען פרוכטבאַרע בוימער, וואָס ער האָט גאָר אויף זיין לעבען אַזעלכע נישט געזעהן, און אַזוי איז פאָריבער דער טאָג און ס'איז אָנגעקומען די נאַכט. און האָבענדיג מורא פאַר ווילדע חיות, איז אונזער וואַנדרער ראָבינזאָן אַרויף אויף אַ בוים און האָט איבערגענעכטיגט, און ווי נאָר דער טאָג איז אָנגעקומען, האָט ער זיך ווידער געלאָזט אין זיין אומבעקאַנטען וועג אַריין. און אַזוי געהענדיג, האָט ער ענדליך דערגרייכט דעם כאָמיץ סוף פון דרום־זייט אינזעל. דאָ איז שוין די ערד געווען גאָר אַנ'אַנדערע, אַ זאַמדיגע. ראָבינזאָן האָט נאָך געוואָלט אַדורכגעהן דעם לאַנדשפיץ, אָבער דאָ האָט ער עפּיס דערזעהן אַזוינס, וואָס האָט איהם, ווי אַ דונער געטראָפען, ווי קאַלך איז ער געוואָרען בלאַס און ער האָט זיך געטרייסעלט מיט זיין גאַנצען קערפּער.

ער האָט דערזעהן אויפ'ן זאַמד שפּורען פון מענשליכע פיס, און ער איז אַזוי דערשראָקען געוואָרען, אַז איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעהט שוין דעם סאַמע מענשען, וועלכער האָט די דאָזיגע שפּורען צוּלעגט אויפ'ן זאַמד. נאַטירליך, האָט ער דאָך נישט געהאָפט דאָ צו טרעפען אַ מענשען, וואָס זאָל זיין איהם אַ חבר, וואָס זאָל איהם גרייט זיין צו העלפען און טיילען מיט איהם זיין עלענד, דער מענש, וואָס ער האָט דאָ געקענט טרעפען איז דאָך געווים געווען אַ מענשען־פרעסער און טרעפען זיך מיט אַזאַ מענשען איז געווען פיליכט נאָך געפעהרליכער, ווי מיט אַ ווילדען טיגער.

פון פערווירונג איז ער געבליבען שטעהן און האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל אָנהויבען צו טהון. אַז ער איז אַביסעל געקומען צו זיך, האָט ער זיך געפּאַסט מוטה און האָט זיך געלאָזט לויפען שנעל ווי אַ ווינד, גלייך ווי מ'וואָלט איהם נאָכגעיאָגט. ער האָט געציטערט אומצו־

קוקען זיך, און נאָך שרעקליכער איז געוואָרען זײַן אימה, אַז ער איז צוגעלאָפען צו אַן אָרט, וואו ס'האָט נישט לאַנג געבּרענט אַ פֿײַער, ס'איז נאָך אַפילו אַש געלעגען. אַרום דעם פֿײַער זענען געלעגען מענשליכע שאַרבּענס, הענד, פֿיס און אַנדערע בּיינער פֿון דעם מענשענס לײַב. אָהן צווייפֿעל האָט ער זיך איצט געפֿונען אויף דעם אָרט פֿון די קאַניבּאַלען — אַזוי הייסען יענע ווילדע מענשען, — וואָס עסען מענשליכע פֿלייש און מאַכען פֿון דעם דאָזיגען פֿלייש זיך די בּעסטע מאָהלצײַטען.

ראָבּינזאָן האָט אָבּגעקעהרט זײַן געזיכט פֿון דעם שוידערהאַפֿטען בּילד. איהם איז געוואָרען נישט גוט, עס האָט זיך איהם פֿערדרעהט דער קאָפּ, אַז ער איז שיער נישט געפֿאַלען אין חלשות. אָבּער ער האָט זיך בּעהערשט, און אַז ער איז אַבּיסעל צו זיך געקומען, האָט ער זיך געלאָזט לויפֿען מיט דער גרעסטער שנעלקייט, גלײַך, ווי טויזענדער ווילדע האָבּען איהם פֿערפֿאָלגט. זײַן אָרימער לעמעל האָט קוים בּעוויזען פֿון איהם ניט אָבּצושטעהן. פֿון גרויס פֿערצווייפֿלונג האָט ער אַראָבּגעוואָרפֿען זײַן בּעוואַפֿנונג: דעם שפּיז, דעם פֿײַלען־בּויגען און אַפילו דעם שטיינערנעם האַק, כּדי ער זאָל קענען לויפֿען שנעלער, און האָט גאָר פֿון אימה פֿערגעסען, ווי נויטיג די דאָזיגע זאַכען זענען איהם געווען אין געפֿאַהר, און ווי שווער זיי זענען איהם אָנגעקומען. פֿון גרויס צוטומעלטקייט האָט ער אַפילו ניט בּעמערקט דעם וועג, וואוהין ער האָט זיך געלאָזט לויפֿען און ווי שרעקליך איז געווען זײַן אימה, אַז ער איז אונגעפֿעהר נאָך אַ שעה לויפֿען צוריקגעקומען צו דעם זעלבּען אָרט, פֿון דעם צווייטען זײַט, מאַכענדיג אַ קרײַז. אָבּער ער האָט געמיינט, אַז ער האָט נאָך אַזאַ אָרט געפֿונען.

נײַע שרעק! נײַע בּעטויבּונג!

מיינענדיג, אַז דאָס איז אַ צווייטעס אָרט, וואו די מענשענפֿרעסער האָבּען זייער פֿערדאָרבּענקייט אַרויסגעוויזען, האָט ער זיך פֿון גרויס אימה געלאָזט לויפֿען, מיט דער שנעלקייט פֿון אַ שטורם־ווינד, פֿון דעם שוידערהאַפֿטען אָרט. ער איז אַזוי לאַנג געלאָפֿען, בּיז ער איז אָהן קרעפֿטען אַנידערגעפֿאַלען צו דער ערד.

ווען ער איז אַזוי געבּליבּען ליעגען און האָט פֿון זיך אַליין נישט געוואוסט, וואָס מיט איהם טהוט זיך, האָט איהם דערווײַל אויפֿגעזוכט זײַן לעמעל און האָט זיך אַוועקגעלעגט בּײַ זײַנע פֿיס. גראָד איז ראָבּינזאָן אַנידערגעפֿאַלען אויף דאָס זעלבּע אָרט, וואו ער איז פֿריהער געלאָפֿען

און האָט פֿון זיך אַראָבגעוואָרפֿען זײַן בעוואַפֿנונג, און אַז ער האָט נאָר אויפֿגעעפֿענט די אויגען, האָט ער גלײַך אַלץ צוריקגעפֿונען נעבען זיך אין גראָז ליגען.

דערנאָך, אַז די אימה איז אַביסעל אַריבער און ער איז געקומען אַביסעל צו זיך, איז ער אויפֿגעשטאַנען און האָט אויפֿגעקליבען זײַנע בעוואָפֿנונג. ער האָט נאָך געוואָלט דערגרייכען צו זײַן היים, אָבער ס'איז איהם געווען אומעגליך, ווײַל ס'איז שוין געוואָרען נאַכ"ז און דאָס געהן אַהיים האָט נאָך בײַ איהם בעדאַרפֿט דויערן אַ האַלבע שעה, האָט ער חאָטש געוואָלט דערגעהן ביז זײַן זומער פּאַלאַץ, אַזוי האָט ער אָנגערופֿען אַנ'אָרט מיט זעהר גוטע שמעקעדיגע גראָז, וואו ער האָט פֿערבראַכט פֿיעל שענע זומער נעכט, ווײַל דאָס לעצטע יאָהר זענען דאָרטען געווען מאָסקיטאָזען ווענינגער ווי אומעטום.

ער איז געווען אַזוי מיעד און אָבגעשוואַכט, אַז ווײַטער געהן האָט ער נישט געקענט, ווי געפֿעהרליך ס'איז ניט געווען צו בלײַבען די נאַכט אונטער דעם אָפֿענעם הימעל אויף דעם ווילדען גראָז.

פּלוצלונג האָט ער דערהערט אַ שטים, גלײַך ווי פֿון הימעל אַ בת־קול און ער האָט דײַטליך דערהערט די דאָזיגע ווערטער:

„ראָבּינזאָן, אָרעמער ראָבּינזאָן, וואו ביזטו געווען און ווי קומסטו אַהער?"

ראָבּינזאָן איז דערשראָקען אויפֿגעשפּרונגען און האָט געציטערט, ווי אַ בלאַט; ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהון, צי ער זאָל לויפֿען, צי ער זאָל בלײַבען. אַז ער האָט דערהערט די זעלבע ווערטער נאָכ־אַמאָל, האָט ער געווענדט זײַן אויג אַהין, פֿון וואַנען דער קול איז גע־גאַנגען, האָט ער צו זײַן גרויסער פֿרייד דערזעהן אויף אַ צווײַג נישט ווײַט פֿון זיך זײַן ליעבען פּאָפּוגאַי, וועלכען איז געוואָרען לאַנגווײַליג און ער איז אַוועק זוכען זײַן בעל־הבית, און די דאָזיגע ווערטער, וואָס ער האָט געקענט זאָגען, האָט עם איהם ראָבּינזאָן מיט דער צײַט אויסגע־לערענט.

ליכטיג אין די אויגען איז געוואָרען ראָבּינזאָן'ען, אַז ער האָט זײַן פּאָפּוגאַי דערזעהן! ער האָט צו איהם אויסגעשטרעקט זײַן האַנד און האָט פֿרעהליך איהם גערופֿען: „פּאָל!"

און דער פֿויגעל איז געקומען צו איהם און אונטערשפּרינגענדיג אויף זײַן גראָבען פֿינגער האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו פּלוידערן:

„ראָבינזאָן, אָרימער ראָבינזאָן, וואו ביזטו געוועזען?"

אַ גאַנצע נאַכט האָט ראָבינזאָן פֿון אימה און שווערע מחשבות מיט אַנ'אויג ניט צוגעטהון. ס'איז איהם אַלץ געשטאַנען פֿאַר די אויגען דאָס שרעקליכע בילד מיט די מענשליכע אָבגעגריזשעטע ביינער, מיט די הויהלע שאַרבענס, הענד און פֿיס, און בשום אופן האָט ער דאָס דאָזיגע בילד נישט געקענט פֿערגעסען און האָט זיך פֿון איהם נישט געקענט בעפֿרייען. הונדערט-ערליי פּלענער האָט ער פֿאַר זיך אויסגעזוכט, ווי אַזוי ניצל ווערען פֿון די הענד פֿון די מענשענפֿרעסער, אָבער איין פּלאַן איז געווען נאַרעשער פֿון דעם אַנדערען. דאָס ערשטע האָט ער בעשלאָסען אַלץ צושטערען, וואָס ער האָט מיט אַזוי פֿיעל שוויים און מיה בעשאַפֿען פֿאַר דער לאַנגער צייט. פֿיעל נעכט ניט דערשלאָפֿען, שאַפֿענדיג די דאָזיגע זאַכען, אָבער ער האָט געוואָלט, אַז אויף דעם אינזעל זאָל ניט בלייבען קיין שום שפּורען פֿון דער מענשליכער אַרבייט און דעם מענשליכען גייסט, כּדי די ווילדע, אַז זיי וועלען בעזוכען די געגענד, זאָלען גאָרניט פֿערשטעהן און בעמערקען, אַז דאָ איז אַ מענש געוועזען.

זיבעטעס קאַפּיטעל.

ראָבינזאָן, צוליעב מעהר זיכערקייט, בעפֿעסטיגט זיין וואוינונג. — אויף'ן אינזעל קומען אָן די מענשען-פֿרעסער. — ראָבינזאָן איז מציל אַ געפֿאַנגענעם פֿון ווייערע הענד, ער גיעט איהם אַ נאָמען „פֿרייטאָג". — ער געפֿינט אין איהם אַ טרייען פֿריינד.

ס'איז גוט געוועזען, וואָס ראָבינזאָן האָט אָבגעלעגט די אויספֿיהרונג פֿון זיינע פּלענער, ווייל אויף מאָרגען, אַז דער ליכטיגער טאָג האָט פֿעריאָגט די שוואַרצע שאָטענס פֿון דער נאַכט, איז ביי איהם די אימה געוואָרען קלענער, און ער האָט שוין גאָר אַנדערש בעטראַכט די זאַך.

ער איז שוין דאָ אַזוי לאַנג אויף דיעזער אינזעל, — האָט ער געטראַכט — און דאָך איז נאָך קיינמאָל קיין ווילדער נישט צוגעקומען נאָהענט צו זיין וואוינונג, אַ קלאָרער בעווייז, אַז די ווילדע געפֿינען זיך נישט אויף דעם אינזעל, — זיי קומען נאָר אַהער פֿון צייט צו צייט פֿון אַנ'אַנדער אינזעל

צו מאַכען דאָ זייערע שוידערהאַפטע מאָהלצייטען, און מסתמא קומען זיי צעשווימען אויף זייערע שיפלעך אויף דער דרום־זייט פון אינזעל, שטעלען זיך דאָרטען אָב, פּראַווען אָב זייערע מאָהלצייטען און פאָהרען אָב צוריק, נישט אומקוקענדיג זיך אַפילו אויף דער איבריגער געגענד. פונדעסטוועגען האָט ער געזוכט צו געפינען פעסטערע בעווייזען, אַז די זאַך איז טאַקע אַזוי, כדי צו בעשליסען וואָס ער האָט צו טהון, קומענדיג אַהיים.

די ערשטע זאַך האָט ער נישט וויַיט פון דער בוימוואַנד, וואָס האָט אַרומגערינגעלט זיין וואוינונג, ווי אַ פעסטונג פון בוימער געמאַכט. ער האָט איינגעפלאַנצט אַ צוויי טויזענד ווערבעס־בוימלעך, וועלכע, ווי ער האָט שוין ערפאַהרען נעהמען זיך זעהר גוט צו און וואַקסען שנעל. דערנאָך האָט ער בעשלאָסען מאַכען אַ דורכגאַנג אונטער דער ערד, וועלכער זאָל פיהרען אויף יענער זייט בארג פון זיין הייהל. אַזוי האָט ער זיך געהאָפט צו ראַטעווען אויפ׳ן לעצטען פאַל, אויב די ווילדע וועלען פאָרט ענטדעקען זיין וואוינונג.

מאַכען אַזאַ דורכגאַנג איז, פערשטעהט זיך, געווען זעהר שווער און ס׳האָט געדאַרפט לאַנג דויערן. די גאַנצע ערד, וואָס ער פלעגט אויסגראָבען, פלעגט ער וואַרפען ביי דער בוימוואַנד און פלעגט עס אַזוי פעסט איינטרעטען, אַז ס׳איז דערפון געוואָרען ווי אַ מויער־וואַנד, וועלכע איז געווען אַ זעקס פוס די דיק און וועניגסטענס אַ צעהן פוס די הויך. אין אַ סך ערטער האָט ער אָפען געלאָזען לעכער, כדי ער זאָל קענען זעהן. איצטער, האָט ער גערעכענט, וועט ער שוין געוויס זיין זיכער פון אַ פלוצלינגען אָנפאַל.

און ווירקליך האָבען די ווילדע ראָבינזאָנען נישט בעאונרוהיגט, און ס׳איז אַריבער נאָך עטליכע יאָהר, אין וועלכער עס איז נישט געשעהן גאָרנישט אַזוינס, וואָס ס׳זאָל ווערט זיין די פעדער. דערפאַר אָבער האָט מיט איהם איצט פּאַסירט אַזוינס, וואָס האָט געהאַט אויף ראָבינזאָנס שיקזאַל אַ סך אַ גרעסערן איינפלוס, ווי אַלץ, וואָס האָט מיט איהם ביז איצט געטראָפען אויפ׳ן אינזעל.

אין אַ שענעם וואַרעמען פריהמאָרגען האָט ראָבינזאָן אונערוואַרטעט דערזעהן נישט גאָר וויַיט פון זיך אַ געדיכטען רויך. דאָס ערשטע געפיהל זיינס, אַז ער האָט דערזעהן דעם רויך איז געווען שרעק. דאָס צווייטע איז געווען נייגיעריגקייט, און די ביידע געפיהלען האָבען איהם געטריבען

שנעל ווי אַ פֿײַלענבויגען לױפֿען צו'ם באַרג און זעהן, וואָס דאָרטען טהוט זיך. אַז ער איז צוגעקומען צו'ם באַרג איז זײַן שרעק נאָך גרעסער געוואָרען: בײַ'ם ברעג האָט ער דערזעהן שטעהן אַ פֿינף שיפֿלעך און אַ מאַן דרײַסיג ווילדע האָבען געטאַנצט, אַרומדרעהענדיג זיך מיט ווילדע הַעֲוָיוֹת אַרום אַ גרויסען פֿײַער. דאָ האָט ראָבינזאָן צוזאַמענגעקליבען זײַן גאַנצען מוט. האָט זיך שנעל אַראָבגעלאָזט פֿון באַרג צו זיך אין פֿעסטונג, האָט מיטגענומען זײַן גאַנץ געוועהר און, פֿערלאָזענדיג זיך אויף גאָט, האָט ער בעשלאָסען צו פֿערטײַדיגען זײַן לעבען, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַזאַ מאַן. נאָכדעם האָט ער זיך געשטאַרקט מיט אַ תּפֿלה צו גאָט און אַרויפֿגעקלעטערט אויפ'ן שטריק-לײַטער אַרויף, כּדי אַכטונג צו געבען פֿון שפּיץ באַרג, וואָס די ווילדע פֿײַנד וועלען ווײַטער טהון. שוידער און שרעק האָבען איהם אַרומגענומען, אַז ער האָט דערזעהן פֿון דערווײַטענס, ווי די ווילדע האָבען פֿון די שיפֿלעך אַרויסגעשלעפּט צוויי אומגליקליכע געבונדענע מענשען און האָבען זיי אַוועקגעטראָגען צו דעם אָרט, וואו דאָס פֿײַער האָט געברענט! עס איז בײַ איהם נישט געוועזען קיין ספק, אַז מען האָט די אומגליקליכע צו דער שחיטה געפֿיהרט, ווײַל איינער פֿון די ווילדע מענשענפֿרעסער האָט אַ געפֿאַנגענעם אַ וואָרף געטהון אויף דער ערד, צוויי אַנדערע זענען איהם בעפֿאַלען און האָבען איהם שוין געוואָלט צעשנײַדען, כּדי צוצוגרײַטען פֿון איהם זייער העסליכען מאָהלצײַט. און אין דער צײַט איז דער אַנדערער געפֿאַנגענער געשטאַנען און האָט מיט אימה נאָכגעקוקט דאָס שוידערליכע שוישפּיעל, וועלכעס האָט איהם אויך ערוואַרט. אָבער אַז ער האָט בעמערקט, אַז אַלע זענען פֿערטראָגען מיט זײַן אומגליקס-חבר און גיבען גאָרנישט אַכטונג אויף איהם, האָט ער געמאַכט פְּלֵיטָה און מיט אַן'אונגלויבליכער געשווינדקײַט האָט ער זיך געלאָזט לױפֿען פֿון ברעג טיעף אין אינזעל אַרײַן, גראָד צו ראָבינזאָנס וואוינונג צו. צוויי פֿון זײַנע פֿײַנד האָבען איהם נאָכגעיאָגט. ראָבינזאָן האָט נאָכגעקוקט מיט פֿרייד, אַז דער אַנטלאָפֿענער לױפֿט פֿיעל שנעלער, ווי די נאָכיאָגער; ער איז שוין געוועזען נישט ווײַט פֿון זײַן וואוינונג און זײַנע פֿערפֿאָלגער זענען אויף אַ סך אָבגעשטאַנען פֿון איהם. נישט געטראַכט קיין סך, האָט ראָבינזאָן געכאַפּט זײַן שפּיז, זיך געלאָזט לױפֿען פֿון באַרג, צו הילף דעם געפֿאַנגענעם, און אין איין אויגענבליק איז ער געוועזען צווישען דעם פֿערפֿאָלגטען און זײַנע פֿערפֿאָלגער.

„שטעה!“ האָט ער אַ געשריי געטהון צו דעם אומגליקליכען, אַרויסשפּרינגענדיג פון די קוסטעס: „שטעה!“ דער אָרימער פערפאָלגטער איז שטעהן געבּליבּען, אָבּער דערזעהענדיג ראָבּינזאָנען אינגאַנצען אין פעל, האָט ער זיך אַזוי דערשראָקען, אַז ער האָט אַליין נישט געוואוסט, צי זאָל ער זיך פאַר איהם אַנידערוואַרפען, אָדער ער זאָל ווייטער לויפען. ראָבּינזאָן האָט איהם געוואונקען מיט די הענד און געגעבען איהם צו פערשטעהן, אַז ער איז געקומען איהם צו בּעשיצען און מיינט איהם קיין שלעכטס נישט צו טהון. דערווייל האָבען זיך די פערפאָלגער דערנעהנטערט אויף אַזוי פיעל, אַז ראָבּינזאָן האָט דעם ערשטען געקענט דערלאַנגען מיט זיין שפּיז. ער האָט זיך געפאַסט מוט און האָט איהם געגעבען אַזאַ שטאַרקען שטויס אין זיין נאַקעטען לייב, אַז יענער איז געפלויגען צו דער ערד. דער אַנדערער, וואָס איז געוועזען אַנ׳ערך הונדערט טריט ווייט פון זיי, איז נשתומם געוואָרען, דערזעהענדיג, וואָס מיט זיין חבר איז פאָרגעקומען, נאָר גלייך האָט ער אַרויסגעחאַפּט זיין פייל־עננבויגען און האָט אויסגעשאָסען אין ראָבּינזאָנען, וועלכער האָט זיך שוין געוואָלט אַלאָז טהון צו איהם. דער פייל האָט איהם גלייך געטראָפען אין האַרצען, אָבער צום גליק אַזוי שוואַך, אַז ער האָט אָבּגעשפּרונגען פון די פעל וואָס ער האָט געטראָגען, ווי פון אַ פאַנצער, און האָט נישט געשאַדט.

אויסצווישען אַ צווייטעס מאָל האָט איהם שוין ראָבּינזאָן נישט געלאָזען: ער האָט זיך אַלאָז געטהון צו איהם און האָט איהם אַ שלייַדער געטהון אין זאַמד. איצט ערשט האָט ער זיך געווענדט צו דעם געראַטעוועטען, וועלכער איז צווישען האָפנונג און שרעק געשטאַנען אויף דעמזעלבען אָרט, וואו ראָבּינזאָן האָט איהם געלאָזען, און האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס מיט איהם טהוט זיך. ראָבּינזאָן האָט איהם מיט וואונקען און צייכענס צוגערופען און געהייסען איהם נאָכגעהן. יענער האָט געפאָלגט, נאָר דאָ פלעגט ער זיך אָבּשטעלען, דאָ פלעגט ער ווידער מאַכען אַ פּאָר טריט, און אַנ׳אויסדריק פון שרעק און געבּעט איז געלעגען אויף זיין געזיכט. ראָבּינזאָן האָט איהם מיט פערשידענסטע צייכענס אַרויסגעוויזען זיין פריינדשאַפט און האָט איהם אַלץ געבּעטען צוגעהן. דער בּורח איז צוגעגאַנגען, נאָר אַלע צעהן אָדער צוועלף טריט פלעגט ער פאַלען אויף די קניה און מיט הכנעה׳דיגע מינעס און העוויות

האָט ער געוואָלט אויסדריקען זיין רעטער אונטערטעניגקייט און אַזוי ווי שווערען איהם טריי־הייט.

האָט ראָבינזאָן אַראָבגענומען פֿון געזיכט די מאַסקע, וואָס ער האָט געטראָגען, צו בעווייזען דעם ווילדען, אַז ער האָט אַ מענשליך געזיכט און ער זאָל זיך פֿאַר איהם נישט שרעקען. גלייך איז דער ווילדער צו איהם צוגעגאַנגען נאָהענט, איז געפֿאַלען צו זיינע פֿיס, האָט געקושט די ערד, וואו ער איז געשטאַנען, און האָט ראָבינזאָנס פֿוס אויף זיין האַלז געשטעלט, אַלס אַ צייכען, אַז ער וויל זיין שקלאַף זיין. אָבער אונזער העלד, וואָס האָט מעהר געבענקט און זיך גענויטיגט אין פֿריינד, ווי אין אַ שקלאַף, האָט איהם פֿון דער ערד אויפֿגעהויבען און האָט איהם געגעבען צו פֿערשטעהן, אַז ער דאַרף נישט קיין שקלאַף, נאָר ער זוכט אַ פֿריינד און אַ חבר, און ער וועט פֿון איהם נאָר גוטס זעהן.

ראָבינזאָן האָט איהם מיט צייכענס געגעבען צו פֿערשטעהן, ער זאָל נעהמען די פֿיילענבויגענס פֿון די געטויטע און זאָל מיט איהם מיטגעהן, אָבער דער ווילדער האָט איהם אָנגעוויזען, אַז מען דאַרף די טויטע קערפּער אין זאַמד בעגראָבען, כּדי די ווילדע זאָלען זיי נישט קענען געפֿינען, אויב זיי וועלען איהם וועלען זוכען. ראָבינזאָן האָט בעוויזען דעם אינדיאַנער, אַז ער איז מסכּים מיט דעם, און צייט אַ פֿירטעל שעה זענען ביידע קערפּער געווען פֿערגראָבען אין זאַמד, — אַזוי שנעל און געשיקט האָט געאַרבייט ראָבינזאָן'ס נייער חבר. געענדיגט די אַרבייט, האָבען זיי זיך ביידע געלאָזט געהן צו ראָבינזאָנ'ס וואוינונג. אַז זיי זענען צוגעקומען צום באַרג, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט, און ראָבינזאָן האָט אָנגעהויבען טראַכטען, וואָס זאָל ער ווייטער טהון.

די לאַגע איז געווען אַנ'ערנסטע. אָהן ספק האָט מען געקענט ערוואַרטען, אַז די ווילדע, ענדיגענדיג זייער שרעקליכען מאָהלצייט, וועלען געהן זוכען זייערע פֿערלאָרענע חברים מיט דעם צווייטען געפֿאַנגענעם. דאַן קענען זיי זיך דאָך לייכט אָנשטויסען אויף ראָבינזאָנ'ס וואוינונג, צושטערען זי און ראָבינזאָנען מיט דעם געראַטעוועטען אינדיאַנער שעכטען.

ביי די דאָזיגע מחשבות האָט איהם אַ שוידער דורכגענומען. נאָר וועלענדיג זעהן, וואָס די ווילדע טהוען, איז ער אַרויף אויפ'ן שפּיץ באַרג, האָט זיך געשטעלט הינטער אַ בוים, פֿון דאָרטען האָט ער געזעהן וואָס די ווילדע האָבען געטהון, זיי האָבען זיך געדרעהט אין אַ אָבשייליכען

טאנץ ארום די פרישע מענשליכע ביינער. ער האט זיך דורכגעגנב'עט דורך די קוסטעס צו זיין שטריק-לייטער, האט געהייסען זיין נייעם חבר נאך איהם נאכגעהן און ביידע האבען זיך ארונטערגעלאזט צו ראבינזאנ'ען אין וואוינונג.

נשתומם איז געווארען דער ווילדער, דערזעהענדיג ראבינזאנס בעקוועם און גוט איינגעארדענטע וואוינונג; ער האט נאך קיינמאל אויף זיין לעבען אזוינס נישט געזעהן. עס איז געווען עהנליך אן דעם, ווי א דארפס-מאן קומט דאס ערשטע מאל אין שטאדט און מען פיהרט איהם אריין אין דעם שענסטען פאלאץ.

ראבינזאן האט מיט איהם גערעדט שטום-לשון און האט איהם מיט צייכענס געגעבען צו פערשטעהן, וואס זיי זאלען טהון, ווען זיינע ווילדע לאנדסלייט וועלען זיי בעפאלען, און ווי אזוי זיי זאלען זיך פערטיידיגען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט. דער ווילדער האט גוט פערשטאנען, וואס ראבינזאן האט געמיינט; ער האט געמאכט א ביז געזיכט, און אויפהויבענדיג די האק, וואס ער האט געהאלטען אין האנד, האט ער זי איי-ניגע מאל איבערגעדרעהט איבער'ן קאפ און האט זיך פערמאסטען אין דער זייט, וואו די ווילדע זענען געווען, גלייך ווי ער וואלט וועלען ווייזען ראבינזאן, מיט וואס פאר א חלק ער וועט זיי מכבד זיין, ווען זיי וועלען זיך נאר ווייזען. דערמיט האט ער געוואלט געבען צו פערשטעהן זיין האר און רעטער, אז ער האט נאך גענוג מוטה צו שטעלען זיך גע-גען זיינע פיינד.

ראבינזאן האט איהם אויסגעדריקט, ווי עס געפעלט איהם זיין העלדענשאפט, האט איהם געגעבען א פיילענבויגען און זיין שפיז און האט איהם אוועקגעשטעלט היטען דאס קליינע לאך אין דער בוימוואנד, דורך וועלכעס מען האט געקענט זעהן דעם שטח, וואס איז געווען צווישען דער וואנד און די קוסטעס. ער אליין האט זיך געשטעלט ביי דער אנדערער זייט וואנד, וואו ער האט אויך געלאזט אפען א לאך.

אזוי איז פאריבער א שעה צייט, און זיי זענען אלץ געשטאנען בע-וואפענטע און האבען געווארט אויף דעם שונא. פלוצלונג האט זיך דער-הערט פון גאנץ ווייט שטימען און געשרייען, און מיט שרעק האבען זיי ערווארט די אומגעבעטענע געסט. ביידע האבען זיי אנגעשטעלט דאס געוועהר און זיי זענען שוין גרייט געווען צו'ם קאמפף. גלייך איז אבער ווידער שטיל געווארען. איצט האט זיך זעהר נאהענט נעבען הייהל

געהערט נאָר איין בּייזע ווילדע שטים, וועלכע האָט אין דעם נאָהענטען בּאַרג געבּוירען אַ שרעקעדיגען ווידער-קול.

אונזערע קעמפּפער האָבּען אָנגעשטעלט זייערע פּייַלענבּויגענס און זענען גרייט געוועזען דעם ערשטען, ווער עס וועט זיך נאָר ווייַזען, מכבּד זייַן מיט אַ פּייַל אין דעם נאַקעטען לייַבּ. ראָבּינזאָן און זייַן מוטיגער חבר זענען אָבּגעשטאַנען אין אַזאַ פּאָזע בּיז פּאַר נאַכט. אָבּער פון זייער שרעק און גרייט זייַן איז גאָרנישט געוואָרען, און זיי איז קלאָר געוואָרען, אַז די ווילדע זענען אויף זייערע שיפלעך אָבּגעפאָהרען פון אינזעל. ראָבּינזאָן און דער חבר זייַנער האָבּען אַוועקגעלעגט זייער געווער, און דער בּעל-הבּית איז אַוועק דערלאַנגען דאָס אָווענדבּרויט.

די דאָזיגע מערקווירדיגע געשעהענישען, וואָס האָבּען געהאַט אַזאַ גרויסען אייַנפלוס אויף ראָבּינזאָנס לעבּען, זענען פאָרגעקומען פרייַטאָג און דעריבּער האָט ראָבּינזאָן אַ נאָמען געגעבּען דעם געראַטעוועטען ווילדען פ ר ייַ ט אָ ג.

ערשט איצט האָט ראָבּינזאָן גוט בּעטראַכט זייַן נייעם חבר. ער איז געוועזען אַ יונגער מענש פון אַ יאָהר צוואַנציג, זעהר שען געוואַקסען. זייַן הויט איז געוועזען שוואַרץ-בּרוין און האָט געגלאַנצט, זייַנע האָהר שוואַרץ און נישט געקרייַזעלט, ווי בּייַ די נעגערס, נאָר לאַנגע, די נאָז קורץ און בּרייט, די ליפּען קלייַן און די ציינער ווייַס ווי שניי. אין בּיידע אויערן האָט ער געטראָגען פערשידענע מושלען און פערערן און האָט גערעכענט, אַז עס איז שען און ס'פּאַסט איהם זעהר. ער איז אין גאַנצען געוועזען נאַקעט, פּשוט ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט. ראָבּינזאָן האָט שנעל אויסגעשניטען פון פעל אַ שירץ, האָט צוגעבּונדען שנירלעך און האָט איהם אָנגעטהון. נאָכדעם האָט ער איהם אויף שטום-לשון געהייסען זעצען זיך נעבּען איהם און עסען מיט איהם אָווענדבּרויט.

ראָבּינזאָנס האַרץ איז געוועזען פול מיט פרייד. ער האָט דאָך אַזוי לאַנג געבּענקט נאָך אַ מענשען! אָבּער נישט קענענדיג דעם כאַראַקטער פון דעם ווילדען, האָט ער בּעשלאָסען נישט אַרויסצווייַזען איהם זייַן פרייד און בּכלל נישט זייַן צו איהם איבּריגס צוגעלאָזט, נאָר, פערקעהרט, בּעגעהן זיך מיט איהם דערווייַל שטרענג, נישט ווי מיט זייַן גלייַכען. ער האָט איהם געהייסען ווידער שווערען טרייַהייַט און אונטערטעניגקייַט און האָט איהם מיט צייכענס געגעבּען צופערשטעהן, אַז ער

נעהמט איהם אונטער זײַן שוץ נאָר מיט דעם תּנאַי, ער זאָל איהם אַלץ פֿאָלגען, וואָס ער וועט איהם נאָר זאָגען, ווײַל ער איז זײַן האַר און זײַן קעניג. דערבײַ האָט ער זיך דערמאָהנט אָן דאָס וואָרט קאַציקאַ, מיט וועלכען, ווי ער האָט אַמאָל געלייענט, די אינדיאַנער רופֿען זייערע הויפּטלײַט.

דערהערט דאָס וואָרט קאַציקאַ, האָט דער ווילדער שוין מעהר ניט בעדאַרפֿט. דאָס דאָזיגע וואָרט האָט איהם ערקלערט, וואָס זײַן האַר האָט געמיינט און געפֿאָדערט. ער איז געוואָרען מלא שמחה און איינינגע מאָל האָט ער הויך איבערגע׳חזר׳ט „קאַציקאַ!״ דערנאָך איז ער געפֿאַלען ראָבּינזאָנען צו די פֿיס. ראָבּינזאָן האָט איהם מיט גרויסקײַט פֿון אַפֿירשט געהייסען אויפֿשטעהן, האָט איהם פֿרײַנדליך געגעבען די האַנד, אַלס אַ צייכען פֿון קעניגליכע גנעדיגקײַט.

אַלזאָ איז ראָבּינזאָן געוואָרען קעניג, נאָר זײַן הערשאַפֿט האָט זיך פֿערשפּרייט איבער איין=איינציגען אונטערטאַן, עטליכע לעמלען און אַ פּאָפּוגאַי.

אָבּגעגעסען דאָס אָוועגדבּרויט, איז זײַן מאַיעסטעט אַרויס פֿון טיש און האָט בעוויליגט צו פֿעראָרדנען, ווי אַזוי עס זאָל אײַנגעאָרדענט ווערען דער נאַכטלעגער. דער נײַער קעניג האָט געפֿונען פֿאַר גוט, אַז זײַן אונטערטאַן, וועלכער איז אין דערזעלבער צײַט געוועזען אויך זײַן ערשטער מיניסטער און קאַמערדיענער, זײַן גענעראַל און קאַמערהער, זײַן אָבּערהויפּטמאַרשאַל און שלאָספֿערוואַלטער, דאַרף ניט שלאָפֿען מיט איהם אין הײַהל. ער האָט איהם געגעבען אַנ׳אָרט אין קעלער, ווײַל ער האָט געהאַט מוראָ צו שלאָפֿען צוזאַמען מיט אַמענשען, וועלכען ער קען נאָך ניט און וועלכען ער האָט נאָך ניט אויסגעפּרובט און וועלכער האָט נאָך געקענט דערגעהן דעם סוד פֿון דעם פֿערבאָרגענעם דורכגאַנג, וואָס האָט געפֿירט פֿון הײַהל אַרויס. ער האָט בעוויזען פֿרײַטאָג׳ן, וואו ער זאָל נעהמען אַביסעל היי, אַוועקצוטראָגען אין קעלער און אויסבעטען זיך דאָרטען, און זײַן מאַיעסטעט האָט צו זיך צוגענומען דאָס גאַנצע געוועהר, ער זאָל אינגאַנצען זײַן זיכער פֿון זײַן נײַעם אונבעקאַנטען גאַסט.

פֿאַר׳ן שלאָפֿען געהן האָט אונזער ראָבּינזאָן נאָך געדאַרפֿט אויסמעלקען די לעמלען, אויף ווײַטער האָט ער געדענקט די דאָזיגע אַרבּײַט

איבערצוגעבען זיין ערשטען מיניסטער, נאָר דערווייַלע האָט ער עס אַליין געמוזט טהון מיט זיין מאַיעסטעטישער האַנד.

נאָך דעם טאָג פֿון אַזוי פֿיעל פּאַסירונגען, איבערלעבונגען, און שרעק, נאָך דעם אַלעם, וואָס זיי זענען פֿאַר דעם טאָג אויסגעשטאַנען זענען זיי געווען מיעד און מאַט און האָבען געגאַרט נאָך שלאָף און רוהע. ראָבינזאָן האָט געהייסען פֿרייטאָג׳ן געהן שלאָפֿען און אַליין האָט ער זיך אויך געלעגט. און ווי מיעד ער איז נישט געווען, דאָך האָט ער נישט פֿערגעסען אָבדאַווענען און אָבדאַנקען גאָט, וואָס האָט איהם אַרויסגעפֿיהרט פֿון אַזוינע שרעקליכע געפֿאַהרען און האָט איהם נאָך צוגעשיקט אַ לאַנג געגאַרטען פֿריינד, נאָך וועלכען ער האָט אַזוי פֿיעל יאָהרען געבענקט.

אַכטעם קאַפּיטעל.

פֿרייטאָג מאַכט ראָבינזאָנען פֿייער. זיי מאַכען זיך אַ פֿיינעם מאָהלצייט.

אויף מאָרגען איז ראָבינזאָן מיט פֿרייטאָג׳ן די ערשטע זאַך אַוועק אויף דעם אָרט, וואו די ווילדע האָבען געכטען געפּראַוועט זייערע מאָהל-צייט. געהענדיג זענען זיי צוגעקומען צו דעם אָרט, וואו די צוויי גע-הרג׳עטע ווילדע זענען געלעגען פֿערגראָבען אין זאַמד. פֿרייטאָג האָט גאַנץ קלאָר געגעבען ראָבינזאָנען צו פֿערשטעהן, אַז ער וואָלט געוועזען אַ בעלן אויסצוגראָבען די טויטע און מאַכען פֿון זיי אַ מאָהלצייט. ראָבינ-זאָן איז געוואָרען שרעקליך אויפֿגעבראַכט, האָט אויפֿגעהויבען זיין שפּיז אין דער הויך און דראָהענדיג האָט ער איהם געגעבען צו פֿער-שטעהן, אַז ער וועט איהם טויטען אויפֿ׳ן אָרט, אויב איהם וועט נאָכ-אַמאָל איינפֿאַלען צו עסען מענשען-פֿלייש. פֿרייטאָג האָט דערזעהן אַז זיין האַר איז אַזוי אויפֿגעבראַכט, האָט ער זיך גלייך אונטערגעגעבען זיין ווילען.

זיי זענען צוגעקומען צו דעם אָרט, וואו די ווילדע האָבען געכטען פֿונאַנדערגעלעגט זייער פֿייער. אַ שרעקליך בילד האָט זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר זייערע אויגען! דאָ און דאָרט זענען געלעגען ביינער, האַלב-צוביסע-נע שטיקער מענשען-פֿלייש און אין אַ סך ערטער איז די ערד געווען

געפאַרבט מיט בלוט. ראָבינזאָן האָט עס נישט געקענט צוזעהן און האָט זיך אָבגעקעהרט. נאָר איהם איז געוועזן שרעקליך איבערצולאָזען אַזוי די מענשליכע ביינער און ער האָט געהייסען פרייטאָג'ן אויסגראָבען אַ גרוב, צונויפשאַרען אַ היין די אַלע ביינער און פערשיטען. פרייטאָג האָט געפאָלגט.

ראָבינזאָן האָט אָנגעהויבען זוכען אין די אַש, אפשר איז דאָרטען געבליבען אַ פונק פייער. אָבער אומזיסט: ס'איז נישט געבליבען קיין פונק, די אַש איז שוין געוועזען אָבגעקיהלט. און אַזוי ווי ראָבינזאָן איז אַזוי געשטאַנען און האָט טרויעריג געקוקט אויף די פערלאָשענע טויטע אַש, האָט פרייטאָג, וועלכער האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָבגענומען די אויגען פון ראָבינזאָנען, געחאַפט די האַק און מאַכענדיג איהם אונפערשטענדליכע צייכענס, איז ער געשווינד ווי אַ פייל פון בויגען אַוועקגעלאָפען אין וואַלד.

וואָס קען דאָס זיין? האָט נישט געקענט פערשטעהן ראָבינזאָן און האָט מיט ערשטוינונג נאָכגעקוקט דעם ווילדען. זאָל ער נאָך זיין אַזוי אונדאַנקבאַר, זאָל איהם פערלאָזען און נאָך צוחאַפּען די האַק פאַר אַ צוגאָב. אָדער זאָל ער זיין אַזאַ גרויזאַמער אַכזר און זאָל איהם וועלען אַרויסגעבען זיינע ווילדע לאַנדסלייט. „שענדליך, שענדליך!” האָט ער אויסגעשריגען און מיט ווילדען צאָרן האָט ער געחאַפּט די שפּיז און האָט איהם געוואָלט נאָכיאָגען.

ער האָט זיך געלאָזט לויפען איהם נאָכיאָגען, נאָר ער האָט דערזעהן, אַז פרייטאָג פליהט צוריק. ראָבינזאָן איז ערשטוינט געבליבען שטעהן. פרייטאָג האָט הויך אין האַנד געהאַלטען אַ בינטעל טרוקען רויבערנדיגעס גראָז. ער האָט עס אַ וואָרף געטהון אויף דר'ערד, האָט געשווינד אָנגעלעגט נאָך טרוקען גראָז און שטיקלעך האָלץ, און ראָבינזאָן האָט צו זיין גרויס פרייד, דערזעהן זיך אויפהויבען אַ העל לוסטיג פייער.

ראָבינזאָן איז געוועזען אויסער זיך פאַר פרייד, וואָס ער האָט ווידער פייער, נאָך וואָס ער האָט אַזוי געבענקט און וואָס האָט איהם אַזוי געפעהלט. גלייך האָט ער גענומען אַ ברענענדיגע האָלאַוועשקע און איז אַוועקגעלאָפען אַהיים, בעגלייט פון פרייטאָג'ן. דאָ האָט ראָבינזאָן פונאַנדערגעלעגט ביי זיך אויפ'ן קיך אַ פייער און האָט אַריינגעלעגט באַקען עטליכע קאַרטאָפעל. נאָכדעם איז ער אַוועקגעלאָפען צו זיינע לעמלען, האָט אויסגעקליבען אַ יונג לעמעלע, געבראַכט אַהיים און דאָס געשאָכטען, האָט עס אָבגעשונדען, האָט אָבגעשניטען דערפון אַ פיערט-

חלק, האָט עס אַרויפגעטהון אויפ'ן שפּיז־בראָטען און האָט געהייסען פרײַטאָג'ן אַכטונג געבען אויף דעם. דערנאָך האָט ער אָבגעשניטען נאָך אַ שטיק פליש, האָט עס גוט דורכגעוואַשען, האָט אָבגעשיילט עטליכע קאַרטאָפעל און האָט עס אַלץ אַרײַנגעלעגט אין אַ טאָפּ, אָנגעגאָסען מיט וואַסער און האָט אַפילו נישט פערגעסען צו בעזאַלציען. דעם אָנגעגאָסענעם טאָפּ האָט ער אַוועקגעשטעלט צו'ם פײַער.

פרײַטאָג האָט אויף דאָס אַלץ געקוקט מיט גרויסע אָפענע אויגען.

ווענען קאָכען האָט ער נאָך קיינמאָל אויף זיין לעבען נישט געהערט און נישט געזעהן. ער האָט אַפילו נישט געקענט בעגרײַפען, צו וואָס דאַרף מען נאָך דאָס וואַסער אין טאָפּ. און אַז ראָבינזאָן איז אויף אַ ווײַלע אַרויס און דאָס וואַסער אין טאָפּ האָט אָנגעהויבען צו זידען, האָט זיך פרײַטאָג שטאַרק דערשראָקען, ווײַל איהם איז גאָרנישט אײַנגעפאַלען, אַז דאָס וואַסער זאָל פון זיך אַליין קומען אין בעוועגונג. אָבער אַז דאָס וואַסער האָט פון אַלע זײַטען אָנגעהויבען צו קאָכען און צו לויפען, איז איהם אײַנגעפאַלען, אָפשר זיצט דאָרטען נישט אַמאָל אַ לעבעדיגע חיה, און ער האָט אַרײַנגעשטעקט אַהין די האַנד צו כאַפּען די חיה, זי זאָל נישט אַרויסטרײַבען דאָס גאַנצע וואַסער. אָבער

אין דעמזעלבען אויגענבליק האט ער געגעבען אזא יאמערליך געשריי פאר שרעק און וועהטאג, אז ראבינזאן, דערהערענדיג, איז געווען זיכער, דאס די ווילדע האבען זיי געפונען און האבען שוין געפאקט זיין פריטאג'ן. נישט לאנג געטראכט, איז ער ארויסגעפלויגען פון הייהל. אבער ווי ער־שטוינט איז ער געבליבען, אז ער האט דערזעהן פריטאג'ן איינעם אליין, וועלכער האט אהן אויפהער משונה'דיג געשריגען און ארומגעטאנצט. האט שוין ראבינזאן אליין נישט געוואוסט, וואס דא טהוט זיך. ענדליך איז ער ערפאהרען, וואס דא איז געשעהן, אז פריטאג האט זיך אבגע־בריהט די האנד אין דעם הייסען וואסער. פיעל מיה האט געקאסט ראָ־בינזאנען, ביז וואנען ער האט בערוהיגט דעם ווילדען און האט איהם איינגערערט ווידער זיך צו זעצען ביי'ם פייער און דרעהען דעם שפיז־בראטען. די יוך, די קארטאפעל און דאס בראטענס זענען שוין געווארען פארטיג. אבער ס'האט געפעהלט א לעפעל. האט ראבינזאן גענומען און פונאנדערגעגאסען די יוך אין צוויי אנדערע טעפלעך, כדי פון דארטען טרינקען. נאר פריטאג האט בשום אופן זיך נישט געוואלט צוריהרען צום טעפעל, וויל ער האט די יוך געהאלטען פאר א צויבער־געטראנק. דאס פלייש אבער און די קארטאפעל האט ער געגעסען מיט גרויס פער־גניגען.

איהר קענט זיך קוים פארשטעלען, ווי אזוי דיווארעמע זעטיגע שפייזען האבען דערפרעהט אונזער ראבינזאנען. עס איז איהם גאר גע־ווארען פרעהליכער אויפ'ן הארצען און זיין לעבען איז איהם שוין נישט אויסגעקומען אזוי שלעכט, עלענד און איינזאם. ער האט געהאט נעבען זיך א מענשען, פון וועלכען ער האט א נוץ געהאט און האטש ער האט מיט איהם נישט געקענט ריידען, איז איהם דאך געווען א סך פרעהליכער מיט איהם. ער האט ווידער געהאט פייער און געשמאקע געזונדע עסענס לרוב. און איהם האט איצט גארנישט געפעהלט. נאר איין גרויסע דאגה האט ער געהאט, וואס האט איהם נישט געלאזט רוהען: טאמער קומען אן די ווילדע זוכען זייערע חברים, וואס ראבינזאן האט גע'הרג'עט, איז וואס וועט דאמאלס זיין? עס קען דאך קומען צו א בלוטיגע בעגעגעניש, און שטענדיג האט ער אלץ געטראכט מיטלען, ווי אזוי זיך צו בעוואָ־רענען פון די ווילדע.

ער האט שוין לאנג געוואלט מאכען פון זיין קליינעם שלאס א פעסטונג. נאר כל־זמן ער איז געווען אליין, איז עס איהם אויסגעקומען

אוּנמעגליך. אָבּער איצט, זאַלבּעַנאַנד, האָט ער שוין געקענט טראַכטען דערפוּן און האָפען, אַז זיי וועלען עס קענען אויספיהרען. ער האָט גלייך גענוּמען אויספיהרען זיין פּלאַן. מען האָט געדאַרפט אויסגראָבּען אַרוּם דער בּוימוואַנד אַ בּרייטען טיעפען גראָבּען, פוּן דער אויסגעגראָבּענער ערד אָנשיטען אַ וואַל און אין די זייטען פוּן דעם גראָבּען אָנזעצען סלוּ־פּעס אָדער פּאַליסאַדען. אין דעם דאָזיגען גראָבּען האָט ער געוואָלט אָבּ־פיהרען דאָס וואַסער פוּן דעם קוואַל, וואָס האָט געשלאָגען ניט ווייט פוּן זיין וואוינוּנג, כּדי איהם זאָל ניט פעהלען קיין וואַסער אין פאַל, אַז דיווילדע וועלען בּעלעגערען זיין שלאָס.

מיט גרויס מיה האָט זיך איהם איינגעגעבּען קלאָר צוּ מאַכען פריי־טאָג'ן אין זיין פּלאַן. און ווי פריייטאָג'ן איז קלאָר געוואָרען די זאַך, איז ער גלייך אַוועקגעלאָפען צוּ'ם בּרעג ים נאָך געצייג אויף גראָבּען און אַרויסוואַרפען די ערד: נאָך שאַרפע פּלאַכע שטיינער און גרויסע מוּשלען.

איהר קענט זיך פאָרשטעלען, אַז ס'איז ניט געוועזען אַזאַ גרינגע זאַך, וויל דער גראָבּען, ער זאָל זיין ווי געהעריג, האָט ער געמוּזט זיין וועניגסטענס דריי איילען די טיעף און פיער איילען די בּרייט. אין דער לענג האָט ער געדאַרפט האַלטען פוּן אַכציג בּיז הוּנדערט שריט. סלוּפּעס האָט מען בּעדאַרפט אַ פיער הוּנדערט שטיק: און די דאָזיגע סלוּפּעס האָט מען געמוּזט אַרוּמהאַקען און פערשפּיצען מיט איין־איינציגער שטיינערנער האַק. היינט האָט מען נאָך געדאַרפט אויסער דעם דאָזיגען גראָבּען אויס־גראָבּען נאָך איינעם אויף איבּערצוּפיהרען דאָס וואַסער. און צווישען דעם קוואַל און ראָבּינזאָנס וואוינוּנג האָט מען נאָך בּעדאַרפט אַראָבּ גראָבּען דאָס קליינע בּערגעל. אויסצוּפיהרען אַזאַ ריזיגע אַרבּייט איז ניט געווע־זען פוּן די קליינע זאַכען! אָבּער די אַלע שוועריגקייטען האָבּען ניט איבּערגעשראָקען אוּנזער ראָבּינזאָנען.

„מיט גאָטס הילף און אין אַ גוּטער שעה”, האָט ער געזאָגט, ווי שטענדיג, ווען ער פּלעגט אָנהויבּען אַ שווערע אַרבּייט.

ראָבּינזאָן מיט פריייטאָג'ן האָבּען טאָג־טעגליך פלייסיג געאַרבּייט פוּן אין דער פריה בּיז שפּעט אין אָוונד, און עס איז געוועזען צוּ בּעוואוּנ־דערן, וואָס זיי פּלעגען יעדען טאָג אויפטהוּן מיט זייערע קלאָגעדיגע גע־צייג. צוּם גליק האָט צוויי חדשים נאָכאַנאַנד געבּלאָזען אַ שטאַרקער ווינד; די ווילדע האָבּען ניט געקענט קוּמען אויף ראָבּינזאָנס אינזעל, און ס'איז ניט געוועזען וואָס מוֹרא צוּ האָבּען פאַר אַן'אָנפאַל פוּן זיי.

ביי דער ארבייט האט ראבינזאן געלערנט פרייטאג'ן די שפראך, און פרייטאג איז געוועזן צו בעוואונדערן פעהיג: צייט א האלב יאהר האט ער אויף אזוי פיעל דערגאנגען אין דער שפראך, אז זיי האבען זיך שוין געקענט ביידע צוזאמענריידען. און דאס איז געוועזן א נייער קוואל פון פרייד פאר אונזער ראבינזאנען.

פרייטאג האט זיך אלץ מעהר און מעהר ארויסגעוויזען פאר א גוטהערציגען, טרייען און איבערגעגעבענעם מענשען, און ער איז געוועזען ראבינזאנען איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען. ראבינזאן האט איהם זעהר ליעב געהאט, אז אפילו שלאפען האט ער איהם שוין אויך נישט אבגעלאזט פון זיך. נאך וועניגער ווי אין פיער חדשים האבען זיי שוין פארטיג געמאכט זייער שווערע ארבייט און פאר די ווילדע האבען זיי שוין נישט אזוי שטארק געדארפט מורא האבען.

איינמאל אין א שענעם פריה־מארגען איז ראבינזאן געגאנגען מיט פרייטאג'ן בײ'ם ברעג ים. זיי זענען צוגעקומען צו א בערגעל, פון וועלכען מען האט געקענט זעהן די געגענד וויים ארום. און ווי פרייטאג איז ארויף אויפ'ן בערגעל און האט זיך איינגעקוקט אין דער וויים אריין, וואו ס'האבען זיך געדונקעלט איניגע אינזלען, האט ער מיט אמאל אנגעהויבען שפרינגען און טאנצען און זיין געזיכט האט זיך אנגעצונדען מיט א ווילדער שמחה. דערזעהן די משונה'דיגע העזיות פון זיין חבר, האט ראבינזאן נישט פערשטאנען, וואס מיט איהם טהוט זיך, און ער האט ביי איהם גענומען דערגעהן, וואס איז מיט איהם אזוינס געשעהן. „עס איז פרעהליך, עס איז פרעהליך!" האט פרייטאג נישט אויפגעהערט צו טאנצען און צו מאכען מיט די הענד: „דארטען איז מיין היים, — האט ער אנגעוויזען אויף די וויטע אינזלען, — דארטען וואוינען אונזערע!" און ראבינזאן האט אויף זיין שטראהלענדען געזיכט און אין זיינע פינקלענדיגע אויגען קלאר געלייענט, אז איהם ציהט צו זייניגע. ס'איז איהם געווארען אונאנגענעהם און, הגם ער האט פערשטאנען, אז אנדערש האט עס נישט געקענט זיין און ס'איז זאגאר געוועזן פון איהם שען, וואס ער האט זיין לאנד ליעבער געהאט פון אלע אנדערע ערטער און זיינע עלטערן און פריינד פון אלע אנדערע מענשען, איז אבער ראבינזאנען איינגעפאלען, אז ביי אזא געלעגענהייט קען ער איהם אמאל איבערלאזען אליין. ער האט איהם געוואלט אויספרובען און האט איהם גענומען פונאנדערצופרעגען.

— האָסטו טאַקע חשק, ליעבּער פֿרײַטאָג, ווידער צו זײַן צוזאַמען מיט דײַנע לאַנדסלײַט?

— יאָ, איך וואָלט זעהר זײַן צופֿריעדען זעהן זיך מיט זײ ווידער.

— אֶפשר וואָלסטו געוועזן אַ בעלן מיט זײ ווײַטער עסען מענשענ־פֿלײש?

— ניין, איך וואָלט זײ געלערענט עסען פֿלײש, מילך פֿון בהמות. אָבער נישט פֿון מענשען.

— אָבער ווען זײ וועלען דיך נישט הערען און וועלען דיך אַליין אויפֿפֿרעסען? זײ עסען דאָך מענשענפֿלײש?!

— יאָ, — האָט ער געזאָגט — זײ עסען אָבער נאָר דאָס פֿלײש פֿון זײערע געטויטע שונאים.

— אֶפשר וואָלסטו טאַקע געקענט מאַכען אַ שיפֿעל און איבערשיפֿען זיך צו זײ.

— איך וואָלט געוויס געקענט, — אַ גרויסע זאַך!

— נו, אדרבה, מאַך טאַקע און פֿאָהר אַריבּער צו זײ.

דאָ האָט פֿרײַטאָג אַראָבגעלאָזט די אויגען און איז געבליבען שטעהן אומעטיג.

— נו, איז וואָס ווילסטו איצטער, וואָס ביזטו טרויעריג? — האָט איהם געפֿרעגט ראָבּינזאָן.

— איך בין טרויעריג, ווײַל מײַן האַר איז אויף מיר בייז געוואָרען.

— בייז? פֿאַרוואָס?

— יאָ, דו ווילסט דאָך מיך אַוועקשיקען פֿון זיך.

— אַז דו בענקסט דאָך אַהײם.

— יאָ, אָבער אויב מײַן האַר וועט מיט מיר נישט זײַן צוזאַמען, וויל איך נישט אַהײם.

— כך וועלען דאָך דײַניגע האַלטען פֿאַר אַ שונא און וועלען מיך אויפֿפֿרעסען. אַלזאָ פֿאָהר אַליין.

בײַ די ווערטער האָט פֿרײַטאָג אַרויסגעריסען בײַ ראָבּינזאָנען די האַק, האָט זי איהם געגעבען אין האַנד, האָט אונטערגעשטעלט זײַן קאָפּ צום אָבּהאַקען.

— וואָס ווילסטו? — האָט פֿערוואונדערט געפֿרעגט ראָבּינזאָן.

— הרג'ע מיך, — האָט פֿרײַטאָג געענטפֿערט, — מיר איז בעסער זאָלסט מיך טויטען אויפֿ'ן אָרט, איידער זאָלסט מיך אַוועקשיקען פֿון זיך.

און טרערהרען האָבען זיך ביי איהם געקייקעלט פון די אויגען.

ראָבינזאָנען האָט עס שטארק גערירט. ער האָט איהם ארומגענו־מען און געזאָגט:

— נישט דאנה, מיין ליעבער פרייטאָג, איך וויל זיך מיט דיר נישט צושיידען. איך האָב דיך נאר געוואָלט אויספּרובען. איך האָב דיך אזוי ליעב, ווי דו מיך.

ראָבינזאָן איז געוועזן זעהר צופריעדען, אז ער האָט זיך דערוואוסט, אז פרייטאָג קען מאכען א שיפעל. ער האָט איהם אָנגענומען פאר'ן האנד און איז מיט איהם אוועק צו דעם אָרט, וואו ס'האָט זיך געפונען דער בוים, פון וועלכען ער האָט זיך געוואָלט מאכען א שיפעל. ער האָט איהם בעוויזען דעם בלאָק, וואס איז געוועזן אויסגעהויהלט אויף א דריט־חלק, און האָט איהם דערצעהלט, וויפיעל צייט ער האָט דערויף אוועק־געלעגט.

פרייטאָג האָט געשאָקעלט מיט קאָפּ, האָט זיך צעלאכט און האָט געזאָגט, אז די גאנצע ארבייט איז געוועזען איבריג. מען האָט געקענט אויסהויהלען דעם בלאָק מיט פייער און דאס וואָלט געוועזען א סך בעסער און גיכער. ראָבינזאָן האָט נישט געוואוסט, וואס צו טהון פאר שמחה. דער איינפאל איז איהם זעהר געפעלען געוואָרען. ער האָט בעשלאָסען אויף מאָרגען בעגינען אָנהויבען די ארבייט.

אז ראָבינזאָן וואָלט עס וויסען, ווי אָפט ס'וועלען די זיבערסטע האָפנונגען צעשטערט.

וויל גראד אויף מאָרגען האָט זיך אָנגעהויבען די געוועהנליכע רעגענצייט, וואס פלעגט אָבהאלטען א חדש, און אמאל צוויי נאָכאנאנד. האָט שוין ראָבינזאָן געמוזט דאס אָבלעגען און אין דער צייט פון די גרויסע רעגענס האָבען זיי זיך ביידע בעשעפטיגט מיט שטובּיגע ארבייט. דערווייל האָט פרייטאָג געלערנט ראָבינזאָנען פערשיעדענע נוצליכע מלאכות, און ראָבינזאָן האָט פון זיין זייט בעקאַנט געמאכט פרייטאָג'ן מיט אזוינע זאכען, פון וועלכע די ווילדע האָבען קיינמאָל נישט גע־וואוסט און נישט געהערט אפילו. אזוי למשל האָט פרייטאָג געקענט זעהר גוט פלעכטען מאטען פון ליקע. ער פלעגט עס מאכען אזוי פיין און געשיקט, אז מען פלעגט דערפון קענען מאכען קליידער. ראָבינזאָן האָט זיך ביי איהם אויסגעלערנט די ארבייט, און זיי האָבען אָנגעגרייט אזוי פיעל מאטען, אז זיי האָבען געקענט מאכען פאר יעדערן אנ'אנצוג.

אַך, ווי גליקליך איז געוועזען ראָבינזאָן, אַז ער האָט ענדליך געקענט אומבײַטען זײַנע קליידער פֿון די שטײַפֿע, נישט געווײַכטע פֿעל. דערווײַל פֿלעגט ראָבינזאָן בײַ דער אַרבײַט זיך פֿונאַנדערריידען מיט זײַן אונוויסענדען ווילדען חבר און פֿלעגט איהם אויפֿקלערען וועגען גאָט, וועגען דער וועלט־בעשאַפֿונג.

און אַזוי האָבען זיי גאָרנישט בעמערקט, ווי עס איז פֿערשוואונדען די רעגענס־צײַט. און ווידער האָט זיך פֿערשפּרייט איבער'ן אינזעל אַ קלאָרער, רײַנער דורכזיכטיגער הימעל; די שטורמווינדען האָבען זיך אײַנגעשטילט און די שווערע וואָלקענס, וואָס האָבען רעגען געבראַכט, זענען מיט די רעגענס אַוועק. און ראָבינזאָן מיט זײַן חבר האָבען ווידער געאָטעמט די רײַנע, וואַרעמע, פֿרישע פֿריהלינגס־לופֿט. בײדע האָבען זיי זיך געפֿיהלט שטאַרקער און מונטערער און האָבען זיך מיט נײַבעפֿרישטע כּוחות גענומען אויסצופֿיהרען זייער אַרבײַט, וואָס זיי האָבען געזאָלט מאַכען נאָך פֿאַר די רעגענס.

דער הויפּט מײַסטער איז געוועזען פֿרײַטאָג. האָט ער גענומען דעם שטאַם פֿון בוים מיט פֿײַער אויסצוברענען. עס איז געגאַנגען אַזוי געשווינד און גוט, אַז די אַרבײַט, וואָס ראָבינזאָנען וואָלט זי געדויערט יאָהרענלאַנג, איז פֿאַרטיג געוואָרען צײַט צוויי חדשים. עס האָט נאָר געפֿעהלט אַ זעגעל און אַ רודער. פֿרײַטאָג האָט זיך אָנגענומען מאַכען דעם זעגעל, ראָבינזאָן האָט געדאַרפֿט מאַכען די רודערס. קיין לײַוואַנד וועבען האָט ער נישט געקענט, קיין וועבשטוהל האָט ער אויך נישט געהאַט; דערפֿאַר אָבער האָט ער געקענט פֿלעכטען מאַטען, און דערפֿון מאַכען די ווילדע זעגעל;

בײדע האָבען זיי די אַרבײַט געענדיגט גלײַך, ראָבינזאָן די רודערס און פֿרײַטאָג דעם זעגעל. דאָס שיפֿעל איז געוועזען פֿאַרטיג און צו זייער גרויסער פֿרייד איז עס זעלטען גוט אַרויס.

איצט האָבען זיי זיך בײדע געקענט לאָזען אין דער רײַזע, נאָך וועלכער זיי האָבען אַזוי געגאַרט! וואוהין אָבער? פֿרײַטאָג'ן האָט געצויגען צו זיך אויפֿ'ן אינזעל, וואו עס איז זײַן היים געוועזען און זײַנע נאָהענטע. און ראָבינזאָנס פֿערלאַנג איז געוועזען נאָך אַמעריקאַ, וואו ער האָט געהאָפֿט צו טרעפֿען שפּאַניער אָדער אַנדערע אייראָפּעער. אָבער פֿרײַטאָג'ס לאַנד איז געווען אינגאַנצען פֿיער מײַל ווײַט, און ראָבינזאָנס אַזוי ווײַט! וועלען זיי פֿאָהרען נאָך פֿרײַטאָגס אינזעל,

וועלען זיי זיך נאָך מעהר דערווייטערן פון אַמעריקאַ, און די געפאַהר פון דער רייזע וועט נאָך גרעסער ווערען. נאָר ס'איז געבליבען ווי ראַבינזאָן האָט געוואָלט, צו לאָזען זיך זוכען אייראָפּעער, חאָטש פרייטאָג האָט איהם אָנגעוויזען אויף אַלע שוועריגקייטען און אויף דער גרויסער געפאַהר, וואָס זיי איז פאָרגעשטאַנען אין דעם ווייטען וועג. און ס'איז בעשלאָסען געווארען מאָרגען צוצוגרייטען אַלץ צו דער רייזע.

נײַנטעס קאַפּיטעל.

ראָבּינזאָן און פרײַטאָג לאָזען זיך אין אָפענעם ים. זייער רײַזע לאָזט זיך טרויעריג אויס. פרײַטאָג מאַכט גרויסע פאָרשריטען. זיי גרייטען זיך צו פאָהרען אויף פרײַטאָגס אינזעל. די שיף אויף אַזאַמד. אַשיפסקאַפּיטאַן מיט הערנער.

ענדליך איז אָנגעקומען דער טאָג, ווען זיי האָבען גע־דאַרפט אָבּרײַזען. פאַר'ן אָבּ־פאָהרען האָט ראָבּינזאָן גע־הייסען זײַן חבר געהן צו'ם בּרעג ים און אַליין האָט ער זיך געשטעלט אויפ'ן בּערגעל און האָט בּעטראַכט צו'ם לעצ־טען מאָל די געגענד, וואו ער האָט פערבּראַכט אַזוי פיעל יאָהרען. ער האָט איבּערגע־טראַכט אַלץ, וואָס האָט דאָ מיט איהם פאַסירט און דער גרויסען הכר, וואָס גאָט האָט איהם בּעוויזען. מיט ליעבּע און טרויער האָט זיך זײַן בּליק אָבּגעשטעלט אויף יעדען בּוים, וואו ער האָט אין שאָטען גערוהט, אויף יעדע זאַך, וואָס ער האָט בּעשאַפען מיט זײַנע איי־גענע הענד, מיט זײַן אייגענעם שווייס און מיה. און מיט טרעהרען אין די אויגען האָט ער זיך מיט יעדערע זאַך געזעגענט און אַז ער האָט דערזעהן די לעמלען, וואָס האָבען זיך אין גראָז געפּיטערט, האָט איהם אַזוי פערקלעהמט דאָס האַרץ, אַז ער האָט זיך געמוזט אָבּקעהרען, אַזוי שווער איז איהם געווען מיט זיי זיך צו שיידען. נאָכאַמאָל האָט ער אויפ־געהויבּען די אויגען צו'ם הימעל און איז שנעל אַוועק צום בּרעג ים.

אַוועקגעהענדיג האָט ער בּעמערקט זײַן טרײַען פּאָפּוגאַי, וועלכער האָט אַרומגעשפּרונגען פון בּוים צו בּוים. לאָזענדיג זיך אין אַזאַ ווײַטען וועג, איז נישט אַזוי בּעקוועם געווען צו שלעפּען מיט זיך דעם פּאָפּוגײַ, נאָר ראָבּינזאָן האָט נישט געקענט בּײַשטעהן דעם פערלאַנג מיטצונעהמען

איהם, און ער האָט אַרויף געטהון: „פּאָל! פּאָל!״ יענער איז בּלינק אַראָבגעפּלויגען צו ראָבּינזאָנען אויפ׳ן האַנד, פון האַנד אויפ׳ן אַ סָגָל און איז געבּליבּען אַזוי זיצען. און ראָבּינזאָן איז צוגעקומען צום בּרעג ים, וואו פרייטאָג האָט שוין מיט אונגעדולד איהם ערוואַרט. דאָס איז געוועזען דעם דרייסיגסטען נאָוועמבּער, אין דער פריה, אין דעם נײַנטען יאָהר, וואָס אונזער פריינד ראָבּינזאָן האָט פערבּראַכט אויף זײַן וויסטען אינזעל. עס איז געווען אַ שען וועטער, אַ שטי̇לער גינסטיגער ווינד, ווען זיי האָבּען אָבּגערייזט פון דער יבשה.

קוים זענען זיי אָבּגעפאָהרען איינִיגע מינוט, דאָבּען זיי זיך אָנגעשטויסען אויף אַ ריף, דאָס הייסט, אויף אַ רייה פעלזען, וועלכע זענען טײלווייז געלעגען פערבּאָרגען אונטער׳ן וואַסער און טײלווייז האָבּען זיי זיך אַרויסגערוקט פון דעם וואַסער אַרויס. ער האָט זיך געצויגען פון אינזעל אין ים אַריין אויף צוויי מײלען ווייט און דורכפאָהרען דורך זיי איז געווען זעהר געפעהרליך. דעריבּער האָבּען זיי געגעבּען דעם זעגעל אַנ׳אַנדערע ריכטונג, כּדי אויסצומײַדען דעם געפעהרליכען ריף. נאָר קוים האָבּען זיי דערגרייכט דעם שפּיץ פון ריף, איז זייער שיפעל פלוצלונג אַרײַנגעריסען געוואָרען אין אַ ים-שטראָם מיט אַזאַ שנעלקײט, גלײַך ווי מען וואָלט אויף איהם אַ סך זעגלען אָנגעזעצט און דער שטאַרקסטער שטורמווינד וואָלט איהם געטריבּען.

מיט אַלע כּוחות האָבּען זיי אָנגעהויבּען צו רודערן אַרויסצושווימען מיט זייער שיפעל פון שטראָם אַרויס, אָבּער אומזיסט! זיי האָבּען שוין, דאַכט זיך, געמוזט מיט׳ן שיפעל פערלאָרען געהן, ווײַל העכסטענס אַ האַלבּע שעה האָט עס געקענט דויערן, אַז די העכסטע שפּיצען פון די בּערג אויף דער אינזעל זאָלען פערשווינדען פון זייערע אויגען, און דאַן, ווען דער שטראָם וואָלט זיי אַפילו אָבּלאָזען, וואָלטען זיי נישט געקענט דעם וועג צום אינזעל געפינען, ווײַל זיי האָבּען נישט געהאַט קיין קאָמפּאַס.

דער מעכטיגער שטראָם האָט אַלץ געטריבּען דאָס אָרמע שיפעל פאָראויס. פון דעם ווײַטען אינזעל האָבּען זיך נאָר געזעהן די שפּיצען פון די העכסטע בּערג. אַלע האָפנונגען צו ראַטעווען זיך זענען פערשוואונדען. — אָבּער וואָס די נויט איז גרעסער, אַלץ נעהנטער איז די הילף פון גאָט! ראָבּינזאָן האָט פלוצלונג בּעמערקט, אַז דאָס שיפעל האָט אָנגעהויבּען צו געהן רוהיגער. דער שטראָם האָט זיך דאָ צעטײלט אויף

צווייען. איינער, דער שטאַרקערער, איז געגאַנגען צו צפון; דער אַנדע־רער, וואָס איז געגאַנגען שטילער און וואָס האָט געטראָגען זייער אָרים שיפעל, האָט זיך אויסגעקרימט און האָט געפלאָסען צוריק צו דרום־זייט.

שוואַך איז די פעדער איבערצוגעבען די פרייד, מיט וועלכער ראָ־בינזאָן האָט גערופען צו זיין האַלב־אָבגעקלאַפטען חבר: „מיטיג זיך, פרייטאָג, גאָט וויל, מיר זאָלען לעבען בלייבען!" די נייע האָפנונג האָט זיי צוגעגעבען פרישע כוחות. זיי האָבען מיט דער גרעסטער אָנשטרענ־גונג גענומען רודערן געגען שטראָם; דער ווינד, וואָס האָט איצט גע־בלאָזען אין אַן'אַנדער זייט, ווי פריהער, האָט זיי מיטגעהאָלפען און האָט געטריבען דאָס שיפעל צו דער מזרח־זייט אינזעל. באַלד האָבען זיך שוין אָנגעהויבען צו זעהן די בערג אויף דער אינזעל. „לעבעדיגער, פריי־טאָג, באַלד איז אַ סוף צו אונזערע צרות!" האָט ראָבינזאָן אויסגעשריען צו זיין חבר, וועלכער איז געזעסען ביי די רודערס, מיט'ן פלייצע צו'ם אינזעל.

ענדליך זענען זיי אַריינגעקומען אין דאָס געוועהנליכע פאַהרוואַסער און האָבען מיט אַלע קרעפטען אָנגעהויבען צו רודערן צו'ם אינזעל צו, וואָס האָט זיך שוין אינגאַנצען געזעהן. אַז זיי זענען צוגעקומען צו'ם ברעג, האָט די זון שוין געהאַלטען ביי'ם פערגעהן און האָט מיט איהרע לעצטע שטראַהלען בעגילדעט די בערג־שפּיצען. זיי זענען אַרויס אויפ'ן ברעג פערמאַטערטע און מידע, אָבער ס'איז שווער איבערצוגעבען זייער פרייד, ווען זיי זענען אַרויף אויף דער יבשה נאָך אַזעלכע סכנות, ווען זיי זענען שוין אַזוי נאָהענט געוועזען פון טויט. זיי האָבען אַ גאַנצען טאָג גאָרנישט געגעסען און, ווי נאָר זיי זענען אַרויס אויפ'ן ברעג, האָבען זיי גלייך געמאַכט אַ גראָסאַרטיגע סעודה פון דער שפּייז, וואָס זיי האָבען מיט זיך אין וועג גענומען. נאָכדעם האָבען זיי אַריינגעצויגען זייער שיפעל אין אַ קליינע בוכטע און זענען אַוועק צו זייער וואוינונג אויסצו־רוהען זיך פון דעם שווערען טאָג, אין וועלכען זיי האָבען זיך אַזוי אָבגעמאַטערט.

אויף מאָרגען, אַז זיי זענען רוהיג געזעסען ביי'ם פריהשטיק, האָט ראָבינזאָן געזאָגט צו פרייטאָג'ן:

— נו, פרייטאָג, אפשר האָסטו חשק ווידער צו לאָזען זיך מיט מיר אין וייטען ים אַריין, ווי נעכטען?

— אַ, ניין, — האָט אויסגעשריען פרייטאָג, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

— ביזטו דען גרייט דיין גאַנצען לעבען מיט מיר דאָ אויפ'ן איינזאַמען אינזעל צו פערבלייבען? — האָט איהם ווייטער געפרעגט ראָבינזאָן.

— מיט'ן גרעסטען פערגניגען, נאָר מיין פאָטער זאָל דאָ מיט מיר אויך זיין, — האָט געענטפערט פריטאָג.

— ווי, האָסט נאָך אַ פאָטער? — האָט זיך ראָבינזאָן געוואונדערט.

— יאָ, — האָט פריטאָג געזאָגט — אויב ער איז נאָר נישט געשטאָרבען פאַר דער צייט, וואָס איך בין דאָ.

ביי די ווערטער האָבען זיך ביי איהם טרערען געשטעלט אין די אויגען. ראָבינזאָן האָט זיך דערמאָהנט אָן זיינע עלטערן, וואָס ער האָט זיי אַזוי לאַנג פערלאָזען, און האָט אויך נישט געקענט איינהאַלטען די טרערען. און זיי זענען ביידע שטיל געבליבען, און נאָך אַ קורצען שווייגען האָט ראָבינזאָן געזאָגט:

— זיי מוטיג, פריטאָג, דיין פאָטער לעבט נאָך, און אַז גאָט וועט זיין, וועלען מיר אין גיכען אַהין אריבערפאָהרען און דיין פאָטער אַהער נעהמען.

פאַר גרויס פרייד און דאַנקבאַרקייט האָט דער אָרימער פריטאָג אַ וואָרט נישט געקענט אויסריידען. מיט אַ הויכען משונה'דיגען יאָמער איז ער אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט, איז געפאַלען צו ראָבינזאָנס פיס און האָט געקושט די ערד, וואו ער איז געשטאַנען.

אַז פריטאָג האָט זיך אַ ביסעל בערוהיגט, האָט איהם ראָבינזאָן געפרעגט, צי ער ווייס גענוג גוט דעם וועג צו זיין אינזעל, זיי זאָלען זיכער זיין פון אַנ'אומגליק. פריטאָג האָט איהם אָבער פערזיכערט, אַז דער וועג איז איהם אַזוי בעקאַנט, דאָס ער וואָלט אין האַלבע נאַכט אַהין געטראָפען, ווייל ער פלעגט זעהר אָפט קומען אַהער מיט זיינע לאַנדסלייט צו פייערן דאָ זייערע נצחונות.

— ביזטו טאַקע געוועזען דערביי, ווי מען פלעגט מענשען שעכטען און עסען? — האָט געפרעגט ראָבינזאָן.

— אָ, געוויס! — האָט פריטאָג מיט תמימות געענטפערט.

— און דו פלעגסט אויך מיט זיי מיטשפּייזען? האָט איהם אַלץ ראָבינזאָן אויסגעפאָרשט.

— יאָ, — האָט זיך פריטאָג מודה געוועזען מיט אַ טרויעריגער מינע. — אָבער איך האָב נישט געוואוסט, אַז מען טאָר דאָס נישט.

— אויף וועלכער זייט אינזעל פֿלעגט איהר זיך אָבּשטעלען? — האָט איהם ווידער געפֿרעגט ראָבּינזאָן.

— אויף דער דרום־זייט, — האָט פֿרייטאָג געענטפֿערט, — ווייל זי איז די נעהנטסטע און דאָרט וואַקסען קאָקוסבּוימער.

ראָבּינזאָן האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער איז נישט פֿערוואָרפֿען געוואָרען אויף יענעם בּרעג, וואו ער וואָלט גיך אַרייַנגעפֿאַלען צו די ווילדע אין די הענד.

אויף מאָרגען, אַז זיי האָבּען אויסגערוהט זייער נעכטיגען שווערען טאָג, האָבּען זיי זיך גענומען צו דער גאָרטען־אַרבּייט. אין די שעה'ן פֿון רוה פֿלעגען זיי טראַכטען, ווי אַזוי אויסצובּעסערן זייערע געצייג. ראָבּינזאָן איז שוין געוועזען וועניג צו בּעזאָרגען נאָר זיינע נויטיגע בּעדערפֿנישען; איצט האָט זיך שוין איהם פֿערגלוסט צו מאַכען אַלץ בּעסער און שענער.

ער האָט איינגעטיילט זיין גאָרטען אין רעגעלמעסיגע פֿעלדער און האָט זיי דורכגעשניטען מיט וועגען, וואָס האָבּען זיך געצויגען גלייך, ווי אַ שנור; האָט פֿערפֿלאַנצט קוסטעס, גראָז און בּוימער; איין גאָרטען האָט ער בּעשטימט פֿאַר בּוימער, דעם אַנדערן פֿאַר גרינס. ער האָט פֿערזייהט קאַרטאָפֿעל און מאַאיס אַ סך, און ווייל קיין אַקער האָט דאָ די ערד נישט אָנגעריהרט אָפּשר זינט די וועלט איז בּעשאַפֿען געוואָרען, איז עס אַלץ אויפֿגעגאַנגען זעהר גוט און ס'איז געווען אַ געבּענשטעס געראָטעניש.

אויך האָבּען זיי זיך פֿערנומען מיט פֿיש־פֿאַנגען. ווען זיי פֿלעגען חאַפּען פֿיש, פֿלעגען זיי זיך שוין אויסבּאָדען אויך, און דאָ פֿלעגט ראָבּינזאָן בּעוואונדערן די אונגעהויערע בּריה'שאַפֿט, וואָס פֿרייטאָג האָט אַרויסגעוויזען אין שווימען און אין גרונטעווען. ער פֿלעגט שטענדיג אויסגעפֿינען אַ פֿעלזיגען אָרט, וואו דאָס וואַסער פֿלעגט שלאָגען מיט אַ מוראָדיגער קראַפֿט, פֿלעגט ער פֿיעלענדיג אַרייַנשפּרינגען אין וואַסער און פֿלעגט פֿערבּלייבּען אַזוי לאַנג אונטערן וואַסער, אַז ראָבּינזאָן פֿלעגט קוים דערלעבּען, ער זאָל זיך שוין ווידער ווייַזען אויפֿ'ן וואַסער. אַז פֿרייטאָג פֿלעגט אַרויפֿשווימען אויפֿ'ן וואַסער, פֿלעגט ער זיך לעגען אויפֿ'ן רוקען, פֿלעגט זיך לאָזען וויגען פֿון די חוואַליעס און פֿלעגט בּכלל בּעווייַזען כּל'ערליי קונצען. אַנ'אַנדערס מאָל פֿלעגען זיי אַוועקגעהן אויף יאַגד. אויסערדעם וואָס פֿרייטאָג האָט געקענט זעהר גוט מאַכען פֿייַלענבּויגענס,

האָט ער אויך זעהר גוט געשאָסען פון זײ. זײ פלעגען שיסען פויגלעך און יונגע לעמלען.

בעזונדערס איז ראָבינזאָן צופריעדען געװעזען, װאָס פרײַטאָג האָט געקענט קנעטען פון די פּירות פון די ברויט־בוימער טײג, װאָס איז געװען אַזוי זעטיג און האָט כמעט געהאַט אַזאַ טעם װי אונזער ברויט. ראָבינזאָן פלעגט עס באַקען אויף אַ הײסען שטײן און פלעגט עס עסען אָנשטאָט ברויט. אויך האָט ער זיך פון פרײַטאָג׳ן אויסגעלערנט מאַכען אַ זעטיגען, אָנגענעהמען און זעהר געזונדען מאַכל פון די קאָקוס־ניסלעך, װאָס ער האָט אײנמאָל געפונען, װאַנדערנדיג איבער׳ן אינזעל, און מיט־גענומען מיט זיך.

אָבגעפאַרטיגט זיך אינגאַנצען מיט דער אַרבײט אין גאָרטען, האָבען זײ בעשטימט אַ טאָג אויף אַריבערפאָהרען צו פרײַטאָג׳ן אַהײם און אַראָב־ברענגען זײַן פאָטער צו זײ. זײ האָבען אַראָבגעלאָזט דאָס שיפעל, װאָס איז ביז אַהער געלעגען אויפ׳ן ברעג, אין װאַסער, און האָבען עס צוגעבונדען צו אַ שטאַנג, װאָס זײ האָבען אַרײַנגעשלאָגען אין דער ערד. אין אָװענד האָבען זײ זיך צוגעגרײט צו דער רײַזע: האָבען אָנגעבאַקט קאַרטאָפעל און אַנדערע שפּײַזען און האָבען זיך געלעגט שלאָפען.

אַ שעה צײַט האָבען זײ אָבגעשלאָפען. מיט אַמאָל האָט זיך ראָבינזאָן אויפגעכאַפּט פון אַ שרעקליכען שטורמװינד, װאָס האָט די ערד געריסען. דער דונער האָט מורא׳דיג געקראַכט, אַז ער האָט געמײנט, אַז די װעלט געהט אונטער. ראָבינזאָן האָט אויפגעװעקט פרײַטאָג׳ן:

— הערסט, װאָס טהוט זיך אין דרויסען? — האָט געפרעגט ראָבינזאָן.

— אודאי הער איך, — האָט פרײַטאָג געזאָגט, — װאָס װאָלטען מיר עס איצטער טהון, אַז מיר װאָלטען זײַן אויפ׳ן ים.

װי ער האָט דאָס לעצטע װאָרט אויסגערעדט, האָט זיך דערהערט אַ שרעקליכער קנאַל, גלײך װי מען װאָלט ערגעץ װײַט געשאָסען פון האַרמאַטען. פרײַטאָג האָט געמײנט, אַז ס׳איז אַ דונער, ראָבינזאָן אָבער איז געװעזען פעסט איבערצײַגט, אַז דאָס האָט ער געהערט שיסען פון האַרמאַטען. ער איז געשװינד אויפגעשפּרונגען פון געלעגער, אַװעקגעלאָפען אין קיך אַרײַן, געכאַפּט אַ שטיק פײַער, אַרויפגעקלעטערט איבער׳ן ...ײטער אויפ׳ן שפּיץ באַרג. פרײַטאָג האָט אויך דאָס זעלבע געטהון, ...בער ער האָט נישט פערשטאַנען, װאָס זײַן האַר מײנט.

אויפ'ן שפּיץ באַרג האָט ראָבינזאָן שנעל פונאַנדערגעלעגט אַ פייער אַ צייכען צו געבען די, וואָס זענען געוועזן אין ים אפשר אין אַ גרויסער געפאַהר, אַז ביי איהם וועלען זיי געפינען אַ זיכערן אָרט. ער האָט פערשטאַנען, אַז נישט ווייט אויפ'ן ים געפינט זיך אַ שיף, וואָס האָט געשאָסען כדי געבען צו וויסען, אַז עס געפינט זיך אין אַ גרויסער געפאַהר. אָבער אין דעם אויגענבליק האָט אַ גאָס געטהון אַ שרעקליכער גוסרעגען און האָט פערלאָשען דאָס פייער. ראָבינזאָן מיט פריטאָג'ן זענען שיער נישט אַוועקגעשוואומען און האָבען זיך קוים אַריינגעכאַפּט אין הייל. אפשר צעהן מאָל האָט ראָבינזאָן געפרובט פונאַנדערצולעגען פייער, אָבער אַלץ אומזיסט: דער רעגען, וואָס האָט אַלץ נישט אויפגעהערט, האָט איהם אויסגעלאָשען.

ערשט אַז ס'איז טאָג געוואָרען, האָט זיך דער שטורם איינגעשטילט. ראָבינזאָן מיט פריטאָג'ן זענען גלייך אַוועק צו'ם ברעג ים. ראָבינזאָן האָט געהאָפט צו טרעפען אַ שיף, אָבער ער האָט געציטערט צו קלערען, וואָס דער שטורם האָט מיט איהם צו טהון. און אפשר האָט זיך איהם גאָר עס אָבגעדאַכט, אַז מען שיסט פון האַרמאַטען און ס'האָט נאָר דער דונער געקנאַלט? אין אַזוינע געדאַנקען זענען זיי צוריקגעקומען צום ברעג ים. דאָס ערשטע האָבען זיי דערזעהן, אַז דער שטורמווינד האָט אָבגעריסען זייער שיפעל און האָט עס אין ווייטען ים אַריין פערשליידערט. ס'איז שווער געוועזען צוצוזעהן, ווי פריטאָג האָט זיך מצער געוועזען, וואָס זיין זיסע האָפנונג, זעהן זיך מיט'ן פאָטער און זיין מיט איהם צוזאַמען, האָט דער בייזער שטורם צושטערט. טויטבלאַס איז ער אַ לאַנגע צייט געשטאַנען, האָט אַפילו אַ וואָרט נישט געקענט אויסרעדען, און מיט שטאַרע בליקען האָט ער געקוקט אויף דער ערד, גלייך ווי ער וואָלט דעם זינען פערלאָרען. מיט אַמאָל האָט ער אויסגעבראָכען אין אַ שרעקליכען געוויין, האָט פערבראָכען מיט די הענד, האָט זיך גענומען רייסען די האָהר און קלאַפּען אין האַרצען.

ראָבינזאָן האָט זיך אַלץ נישט געקענט אָ-קעהרען פון ים. ער האָט געוואָלט מיט זיין בליק אין דעם אונענדליכען וועלט-מעער, אפשר וועט ער פאָרט ערגעץ אַ שיף דערזעהן; אָבער אומזיסט! און ער איז שוין געוועזען זיכער, אַז דער שאָס האָט איהם אָבגענאַרט און ס'האָט נישט אַנדערש ווי דער דונער געקנאַלט. און אַ בעטריבטער, וואָס אַזאַ זיסע האָפנונג האָט איהם אָבגענאַרט, איז ער אַוועק אַהיים.

זיבער אין דער היץ האָט ער נישט געקענט רוהען און ראַסטען. פאַר די אויגען איז איהם אַלץ געשטאַנען אַ שיף, וואָס האָט אויף זיין אינזעל איהר אַנקער פערוואָרפען. און ער האָט ווידער אַרויפגעקלעטערט אויפ'ן באַרג, פון וואַנען מען האָט געקענט זעהן דעם מזרח־ברעג

פון אינזעל. אָבער פון דאַנען האָט ער אויך נישט געזעהן, וואָס דער זיסער טרוים האָט איהם געמאָלט, נאָר ער האָט זיך אַלץ נישט געקענט בערוהיגען און איז אַוועק אויף אַנ'אַנדער באַרג, אַסך אַ העכערען און האָט פון דאָרטען געקוקט אין מערב־זייט. און גאָט אין הימעל! ער האָט אַ שיף דערזעהן! פרייד און שרעק האָבען אָנגעפילט זיין נשמה, אַז ער האָט די דאָזיגע שיף דערזעהן: ער האָט זיינע אויגען נישט געגלויבט. אָבער עס איז דאָך פאָרט געוועזען אַ שיף, און אַ גרויסע שיף, און חאָטש זי איז געוועזען זעהר ווייט פון איהם, האָט ער זי דאָך אַזוי דייטליך געזעהן,

אַז ער האָט גאָרנישט געקענט צווייפלען אין דעם. אָהן אַנ'אָטעם האָט ער זיך געלאָזט לויפען צו זיך אַהיים. ער האָט געחאַפּט זיין געוועהר, אָהן וועלכען ער פלעגט זיך נישט ריהרען פון אָרט, און פרייטאָג'ן, וואָס האָט איהם אָנגעקוקט מיט גרויס פערוואונדערונג, האָט ער מעהר נישט געקענט זאָגען ווי: „זיי זענען דאָ! געשווינד, געשווינד!“ ער האָט זיך אַרויפגעחאַפּט אויפ'ן לייטער און האָט זיך אַזוי שנעל אַלאָז געטהון פון הייהל אַרויס, גלייך ווי ער וואָלט פליגלען געהאַט. פרייטאָג האָט אויך געחאַפּט זיין געוועהר און האָט זיך געשווינד אַלאָז געטהון נאָך ראָבינזאָנען.

צוויי מאָל האָבען זיי דורכגעמאַכט, ביז וואַנען זיי זענען געקומען צו'ם ברעג, וואו אַנטקעגען אין ים איז, דאַכט זיך, געוועזען די שיף געאַנקערט. דאָ ערשט האָט פרייטאָג פערשטאַנען, וועגען וואָס דאָ איז געגאַנגען. פאַר שמחה האָט ראָבינזאָן גאָרנישט געוואוסט וואָס צו טהון. ער האָט געשפּרונגען, ער האָט געשריען, ער איז געפאַלען פרייטאָג'ן אויפ'ן האַלז און האָט איהם געבעטען מיט טרעהרען פון פרייד, ער זאָל אויך זיין פרעהליך. — איצט וועט זיך פאַר זיי עפענען אַ נייע וועלט. זיי וועלען פאָהרען קיין אייראָפּאַ, קיין האַמבורג! אַז ער וואָלט עס וויסען, ווי מען לעבט אין האַמבורג! וואָס פאַר אַ הייזער די מענשען קאָנען דאָרטען בויען! און ווי גוט, ווי רוהיג, ווי אַנגענעהם מען בריינגט דאָרטען צו די צייט! — און ער האָט גענומען זוכען מיטלען, ווי אַזוי צו געבען וויסען די שיפסלייט, אַז נישט וויים פון זיי געפינט זיך אַ מענש, זייער אַ ברודער. ער האָט הויך געשריען; אָבער באַלד האָט ער בעמערקט, אַז ס'איז אַנ'אומזיסטע מיה. האָט ער געהייסען זיין פריינד פונאַנדערלעגען אַ פייער, און מען זאָל פון שיף קענען זעהן, אַז דאָ געפינען זיך מענשען. ס'איז גלייך געמאַכט געוואָרען אַ גרויסער פייער, און ראָבינזאָן האָט נישט אַראָבגענומען די אויגען פון שיף, פון וואַנען, ער האָט ערוואַרט, אַז אָט־אָט פאָהרט אָב צו זיי אַ שיפעל. אָבער קיין שיפעל האָט זיך אַליין נישט בעוויזען.

אַ שעה נאָכאַנאַנד האָט געברענט דאָס פייער, אָבער פון שיף האָט זיך קיינער נישט בעוויזען און קיינער נישט געקומען. האָט פרייטאָג פאָרגעלעגט, ער וועט צושווימען צו'ם שיף און וועט זאָגען די שיפסלייט, אַז זיי זאָלען אַראָבפאָהרען צו זיי אויפ'ן ברעג. ראָבינזאָן האָט איהם געקושט פאַר דאַנקבאַרקייט און האָט איהם פערזאָגט, ער זאָל זיין פאָר־

זיבּטיג און זאָל נישט שטעלען זײַן לעבּען אין סכּנה. פֿרײַטאָג האָט אַראָבּגעװאָרפֿען זײַנע מאַטען־קלײדער, האָט אָבּגעריסען אַ גרינעם צװײַג אַלס צײַכען פֿון שלום, האָט איהם אַרײַנגעשטעקט אין מויל און איז בּעהאַרצט אַרײַנגעשפּרונגען אין ים אַרײַן. ראָבּינזאָנס בּרכות האָבּען איהם בּעגלײַט.

פֿרײַטאָג איז בּשלום צוגעקומען צום שיף, איז אײניגע מאָל אַרום איהר אַרומגעשװאומען און האָט געשריען: „װער איז דאָרטען?! קומט אַרויס. אָבּער קײנער האָט איהם נישט געענטפֿערט. איז ער אַרויף אויפֿ'ן שיפֿסלײטער, װאָס איז געהאַנגען בּײַ אַ זײַט פֿון שיף, אַרײַנגעקומען אינעװעניג. אָבּער דאָ איז ער זעהר דערשראָקען געװאָרען: אַ שװאַרצע קודלאַטע חיה, װאָס ער האָט נאָך אַזאַ אויף זײַן לעבּען נישט געזעהן, האָט איהם בּעגעגענט אין פֿאָרדעק און האָט זיך אויף איהם צושריען מיט אַזאַ משונה'דיגען קול, אַז ער איז שיער נישט אַנידערגעפֿאַלען פֿאַר שרעק. נאָר בּאַלד איז זי שטיל געװאָרען, האָט אָנגעהויבּען צו מאַכען מיט'ן װײדעל און האָט געגומען װאָיען אַזוי רחמנות'דיג, אַז פֿרײַטאָג האָט פֿערשטאַנען, אַז מורא האָבּען פֿאַר איהר דאַרף ער געװיס נישט. זי װיל בּײַ איהם גאָר שוץ געפֿינען. און אַז זי איז צוגעקראָכען צו זײַנע פֿיס, האָט פֿרײַטאָג זי אַ גלעט געטהון און ער האָט געזעהן, אַז די חיה איז דערפֿון געװען זעהר צופֿריעדען.

פֿרײַטאָג איז אַלץ אומגעגאַנגען איבּער'ן פֿאָרדעק און האָט נישט אויפֿגעהערט צו שרײַען: „װער איז דאָ?" אָבּער קײנער האָט זיך נאָך אַלץ נישט בּעװיזען. מיט גרויס פֿערװאונדערונג האָט ער דערװײַלע בּעטראַכט די װאונדערליכע זאַכען, װאָס האָבּען זיך געפֿונען אויפֿ'ן פֿאָרדעק. פּלוצלונג האָט ער בּעקומען אַזאַ שטאַרקען שטויס פֿון הינטען, אַז ער האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד. מיט גרויס שרעק האָט ער זיך אויפֿגעהויבּען און דאָ איז ער געבּליבּען װי פֿערשטײנערט: פֿאַר איהם איז געשטאַנען אַ גרויסע חיה מיט לאַנגע קרומע הערנער און מיט אַ שרעקליכער בּאָרד. זי דאָט זיך געשטעלט אויף די הינטערפֿיס און האָט איהם געװאָלט אַ פּנים װידער מכבּד זײַן מיט די הערנער. פֿרײַטאָג האָט געגעבּען אַ מורא'דיגען געשרײַ. אין אויגענבּליק איז ער געװעזען הינטער'ן בּאָרט און האָט זיך געלאָזען מיט אַלע כּוחות שװימען פֿון שיף.

די שװאַרצע קודלאַטע חיה, װאָס איז, װי איהר האָט שוין אַלײן

פֿערשטאַנען, געוועזען אַ פּודעל, האָט זיך געלאָזט שווימען נאָך פֿרייטאָג׳ן. נאָר ער איז געשוואומען אַזוי שנעל, אַז דער פּודעל האָט איהם קוים געקענט דעריאָגען. ווי ער איז צוגעשוואומען צום ברעג, האָט ער אַפילו אַ וואָרט נישט געקענט אויסרעדען, איז געפֿאַלען צו ראָבּינזאָנס פֿיס און האָט געחלש׳ט.

ראָבּינזאָן האָט מיט אַלע כּוחות זיך געסטאַרעט אָבצומינטערן זיין איינציגען טרייען חבר אין זיין עלענדען איינזאַמען לעבען. ער האָט איהם געקושט, געגלעט, געטרייסעלט און האָט איהם הויך גערופֿען ביי׳ם נאָמען. אַז פֿרייטאָג איז ענדליך געקומען צו זיך און האָט שוין געקענט ריידען, האָט ער דערצעהלט ראָבּינזאָנען וועגען די שרעקען, וואָס ער איז אויפֿ׳ן שיף אויסגעשטאַנען, האָט איהם אויסגעמאָלט די שיף, וועדליג זי איז אויסגעקומען נאָך זיין שכל. ער האָט זי פֿאָרגעשטעלט ווי אַ הויכען היל׳צנעם בּאַרג, פֿון וועלכען עס זענען אַרויסגעוואַקסען דריי הויכע בּוימער (דאָס האָט ער געמיינט די מאַסט-בּוימער); האָט דערצעהלט ווי די שוואַרצע קודלאַטע חיה האָט איהם פֿריינדליך בּעגעגענט און ווי די אַנדערע מיט די גרויסע הערנער און שרעקליכער בּאָרד האָט איהם געוואָלט אומבּריינגען.

ראָבּינזאָן האָט איהם צוגעהערט מיט דער גרעסטער ערשטוינונג. ער האָט גלייך פֿערשטאַנען פֿון פֿרייטאָג׳ס בּעשרייבונג, אַז די שרעקליכע בּערדיגע חיה מיט די גרויסע הערנער איז געווים אַ ציג געוועזען. אָבער פֿון זיין גאַנצער ערצעהלונג האָט ער אַרויסגעטראָגען, אַז די שיף האָט זיך אויף אַ זאַמד געזעצט, און די מענשען, וואָס האָבּען זיך געפֿונען אויפֿ׳ן שיף, האָבּען זי פֿערלאָזען און זיך געראַטעוועט אויף די קליינע שיפֿלעך. אָבער וואו זיי האָבּען זיך אָבגעשטעלט, האָט ער נישט געקענט פֿערשטעהן. ער האָט געטראַכט, אַז דער שטאַרקער מזרח-ווינד, וואָס האָט זיך פּלוצלונג אויפֿגעהויבען, האָט זיי נישט געלאָזט צושווימען צו ראָבּינזאָנס אינזעל. ער האָט זיי געטריבען צו מערב-זייט און זיי זענען אָדער אין אָפֿענעם ים אומגעקומען, אָדער צו אַנ׳אַנדער אינזעל זיך פֿערשלאָגען. „הלואי זאָלען זיי זיך צושלאָגען צו אַ בּרעג ערגעץ!" האָט ער געזיפֿצט און האָט איבּערגעגעבען זיינע השערות פֿרייטאָג׳ן.

„אָבער וואָס מיט זיי איז נישט געשעהן, צי זיי זענען אומגעקומען אָדער האָבּען זיך צו אַ בּרעג דערשלאָגען, - מיר דאַרפֿען זעהן ראַטעווען פֿון שיף די פֿיעלע זאַכען, וואָס געפֿינען זיך דאָרט, וואָס וועלען אונז זעהר גוט צוניץ קומען". האָט ראָבּינזאָן געזאָגט צו פֿרייטאָג׳ן. „אָבער ווי אַזוי, אַז אונזער שיפֿעל איז נישטאָ?" און איצט האָט איהם דער

שאָרען פֿון שיפֿעל, וועלכע איז פֿערטראָגען געוואָרען, כמעט אַזוי באַנג געטהון, ווי פֿרײַטאָג'ן, וועלכער האָט צוליעב דעם נישט געקענט צו זײַן פֿאָטער קומען. ער האָט געריבען דעם שטערן און האָט אַלץ געזוכט אַ מיטעל, ווי אַזוי צו'ם שיף צו צוקומען. און איהם איז אײַנגעפֿאַלען, ער וועט זיך מאַכען אַ פּליט, וועט צופֿאָהרען צו'ם שיף און וועט שוין פֿון דאָרטען ברײַנגען וויפֿיעל זאַכען ער וועט נאָר קענען. און בײַ זיי איז געבליבען, איינער פֿון זיי זאָל אַהײַם לויפֿען און ברײַנגען אויף אַ גאַנצען טאָג עסענוואַרג, שטריק און אַנדערע געצײַג, וואָס זיי האָבען אין דער היים געהאַט. אַזוי ווי פֿרײַטאָג איז געגאַנגען זעהר גיך, איז ער אַוועק אַהײַם, דאָס אַלץ צו ברײַנגען, און ראָבינזאָן איז דאָ געבליבען אָנצוהאַקען דערווײַלע בוימער אויף אַ פּליט.

ערשט פֿאַרנאַכט איז פֿרײַטאָג צוריקגעקומען. צו'ם גליק איז גראָד געוועזען אַ ליכטיגע לבנה־נאַכט און זיי האָבען בײדע געאַרבײַט ביז שפּעט אין דער נאַכט. נאָר זיי האָט זיך אַזוי שטאַרק פֿערוואָלט שלאָפֿען, אַז זיי האָבען אַוועקגעלעגט די אַרבײַט און זיך געלעגט אָברוהען.

צעהנטעס קאַפּיטעל.

ראָבינזאָן און פֿרײַטאָג מאַכען אַ פּליט. זיי פֿאָהרען צו דער צובראָכענער שיף און ברײַנגען פֿון דאָרט גאַנצע אוצרות. פֿרײַטאָג'ס אמה בײַ'ם שיסען. ראָבינזאָן איז אין אַ געפֿאַהר צו ווערען דערטרונקען. זיי אָרדנען זיך אײַן אויפֿ'ן בעסטען אופֿן מיט די זאַכען, וואָס זיי האָבען געבראַכט פֿון שיף און פֿערבעסערן זייער לאַגע. ראָבינזאָן ווערט אַ טשעסלער, אַ בעקער, אַ שמיד און אַן ערד־אַרבײַטער.

ווי ס'איז נאָר טאָג געוואָרען, האָט ראָבינזאָן גלײַך אויפֿגעוועקט זײַן חבר, מען זאָל מאַכען פֿאַרטיג די אַרבײַט, וואָס זיי האָבען נעכטען אָנגעהויבען. זיי האָבען דעם גאַנצען טאָג אַזוי פֿלײַסיג געאַרבײַט, אַז צו'ם אָווענד איז דער פּליט געוועזען פֿאַרטיג. צו זייער גליק איז גראָד אויף מאָרגען אין דער פֿריה אויסגעפֿאַלען די צײַט, ווען דאָס וואַסער פֿון ברעג ים פֿאַלט אָב. זיי האָבען אַ רגע נישט געדאַרפֿט וואַרטען; דאָס אָבפֿאַלענדע וואַסער האָט מיטגעשלעפּט דעם פּליט פֿון ברעג, און ווי אין אַ שטראָם האָבען זיי זיך געלאָזען צו דער פֿערלאָזענער שיף. די רײַזע צום שיף איז צוגעגאַנגען זעהר געראָטען און שנעל; צײַט אַ האַלב שעה זענען זיי שוין געוועזען בײַ דער שיף.



עס האָט גוט געקלאַפּט דאָס האַרץ בײַ אונזער ראָבינזאָנען, אַז ער האָט פֿאַר זײַנע אויגען דערזעהן די גרויסע אײראָפּעאישע שיף! זײַן גרעסטער פֿערלאַנג איז געוועזען זיך לאָזען מיט דער דאָזיגער גרויסער שיף אין פֿרײַען ים אַרײַן אין דער גרויסער וועלט. אָבער אַפֿריהער האָט ער זיך געדאַרפֿט איבערצײַגען, צי די שיף איז נישט בעשעדיגט און צי קען מען זי פֿון זאַמד אַראָבנעהמען. ער איז אַרומגעפֿאָהרען אויף זײַן פּליט אַרום און אַרום שיף, אָבער ווי גרוים איז געוועזען זײַן וועה, אַז ער האָט געזעהן, אַז ס'איז אונמעגליך די שיף פֿון זאַמד אַראָבנעהמען, ווײַל דער שטורם האָט זי פֿערוואָרפֿען צווישען צוויי פֿעלזען, זי האָט זיך אַזוי פֿערהאַקט, אַז מען האָט זי שוין נישט געקענט ריהרען נישט אַהין און נישט אַהער. און זי דאָט דאָ געמוזט בלײַבען אַזוי לאַנג, ביז וואַנען די מעכטיגע הוואַליעס וועלען זי אויף שטיקלעך צושמעטערן. און אַז פֿון דער האָפֿנונג צו בענוצען זיך מיט דער שיף איז גאָרנישט געוואָרען, איז ראָבינזאָן אַרײַן אין שיף צו בעקוקען, וואָס דאָרטען געפֿינט זיך. פֿרײַטאָג איז נאָך געווען פֿון נעכטען אַזוי אָנגעשראָקען, אַז ער האָט געציטערט מיטצוגעהן. זײַן שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרען, אַז ער האָט ווידער דערזעהן די שרעקליכע חיה־רעה. אָבער זי איז שוין נישט געוועזען אַזוי שטאָלץ, ווי נעכטען. ראָבינזאָן האָט פֿערשטאַנען, אַז זי איז הונגעריג און האָט זי געגעבען צו עסען, און זי האָט ווידער אָבגעלעבט.

איצטער איז ראָבינזאָן געגאַנגען פֿון אײן קאַיוטע אין דער אַנדערער און האָט אומעטום געמאַכט אונטערזוכונגען, וואָס דאָרטען האָט זיך געפֿונען. זײַן פֿרייד איז געוועזען אונבעשרײַבליך. טויזענד־ערליי זאַכען האָט ער געפֿונען, וואָס אין אײראָפּאַ זענען זיי זעהר געוועהנליך, אָבער פֿאַר זיי אויף דעם אײנזאַמען אינזעל איז דאָס געוועזען אמת'ע אוצרות. ער האָט געפֿונען גאַנצע פֿעסער מיט סוכאַרעס, רײַז, מעהל, קאָרן, ווײַן, פּולווער, קוילען און שראָט; דאָרטען איז געוועזען האַרמאַטען, ביקסען, פּיסטאָלעטען, שווערדען און שפּיזען; עס זענען געלעגען העק, זעגען, דאָלעטעס, עגבערס, העבעלס, האַמערס, אײַזערנע שטאַנגען, צוועקעס, מעסערס, שערען, נאָדלען; ער האָט געפֿונען טעפּ, שיסלען, טעלער, לעפֿעל, פֿײַער־צוואַנגען, בלאָז־זעק, טעצלעך און נאָך פֿערשיעדענע הילצערנע, אײַזערנע, ציינערנע, קופּערנע קיכ־געפֿעס. אויך איז דאָ געוועזען פֿולע קאַסטענס מיט קלײדער, וועש, זאָקען, שיך, שטיוועל און פֿיעל אַנדערע זאַכען, פֿאַר וואָס אונזער ענטציקטער ראָבינזאָן וואָלט גלײַך

אָבגעגעבען, ווען מען זאָל ביי איהם בעטען אַפילו פֿאַר דער קלענסטער זאַך, זיין גאָלדגרוב, וועגען וועלכער ער האָט שוין לאַנג פֿערגעסען.

פֿרייטאָג איז דערביי געשטאַנען מיט צוגלאָצטע אויגען און האָט נישט געוואוסט, מיט וואָס מען עסט דאָס. ראָבינזאָן אָבער איז געוועזען אויסער זיך פֿאַר גליק און ענטציקונג און האָט זיך מיט זיך אַליין מישב געווען, וואָס ער זאָל צו זיך צום ערשטען איבערפֿיהרען. נאָר לאַנג האָט ער נישט געקענט קומען צו אַ בעשלוס, און האָט נישט געוואוסט וואָס צו נעהמען פֿריהער: אַלץ איז איהם, דאַכט זיך, געוועזען גלייך נויטיג און אַלץ האָט ער געוואָלט נעהמען מיט אַמאָל. ענדליך, נאָך אַ לאַנגען קלייבען, האָט ער בעשלאָסען צו נעהמען די פֿאָלגענדע זאַכען: 1) אַ קליין פֿעסעל פּולווער מיט אַ קליין פֿעסעלע שראָט; 2) ביקסען, צוויי פּאָר פּיסטאָלעטען, צוויי שווערדען און צוויי שפּיזען; 3) צוויי פּאָר קליידער פֿאַר זיך און פֿאַר פֿרייטאָג'ן; 4) צוויי טוץ העמדער; 5) צוויי העק, צוויי זעגען, צוויי העבעלס, איין פּאָר שטאַנגען אייזען, אַ האַמער און אַ סך אַנדערע געצייג; 6) עטליכע ביכער, אַ ביסעל שרייב-פּאַפּיער, טינט און פֿעדער; 7) דאָס גאַנצע געצייג אויף צו מאַכען פֿייער; 8) אַ פֿולע פֿאַס מיט סוכאַרעס; 9) לייוואַנד אויף מאַכען זעגלען און 10) די ציג. איבערגעלאָזט האָט ער דאָס, וואָס מיר, אייראָפּעער, וואָלטען צום ערשטען געכאַפּט: אַ גאַנץ פֿעסעלע מיט גאָלד און אַ קעסטעלע מיט דימענטען. ער האָט עס געפֿונען אין דעם קאַפּיטאַנס קאַיוטע, נאָר ס'איז איהם אַפילו נישט איינגעפֿאַלען דאָס מיטצונעהמען, ווייל צו וואָס האָט עס איהם געקאָנט נוצען?

ביז זיי האָבען אַלץ אויפֿגעזוכט, אָבגעקליבען, צונויפֿגעלעגט און איינגעפּאַקט, איז געבליבען אַ שעה צייט, ווען דאָס וואַסער ביי'ם ברעג ים ווערט גרעסער; דאָס הייסט די פֿלוסצייט. זיי האָבען געמוזט וואַרטען אויף דער פֿלוסצייט, ווייל אַניט וואָלט זיי שווערליך געוועזען מיט'ן פֿליט צוצוקומען צו'ם ברעג. פֿאַר דער שעה צייט, וואָס זיי האָבען געדאַרפֿט וואַרטען, האָבען זיי דערווייל געמאַכט אַ סעודה אויף'ן אייראָפּעאישען שטייגער.

ראָבינזאָן האָט געבראַכט אַ שטיק געריכערטען רינד-פֿלייש, אַ פּאָר הערינג, אַ ביסעל סוכאַרעס, פּוטער, קעז, אַ פֿלאַש וויין, האָט עס דערלאַנגט צום טיש אין דעם קאַפּיטאַנס קאַיוטע און האָט זיך מיט פֿרייטאָג'ן אַוועקגעזעצט צו'ם טיש אויף אַ פּאָר שענע שטוהלען. און ווידער איז

ער געזעסען ביי א שענעם טיש, אויף א שענעם שטוהל און האט געגעסען פון א רעכטען טעלער, מיט א מעסער, מיט א גאפעל, מעשה מענש, און דאס האט איהם אויף אזוי פיעל געפרעהט, אז ס'איז שווער צו בעשרייבען. איצט האבען איהם די דאזיגע שפייזען, וואס ער האט שוין כמעט זייער טעם פערגעסען, אזוי געשמעקט, דערהויפט דאס ברויט, נאך וועלכען ער פלעגט אזוי בענקען. צו פערשטעהן זיין פרייד איבער דעם, מוז מען עס אליין איבערלעבען און זיין אין אזא לאגע, ווי ער.

און פרייטאג האט נעביך גלאט נישט געוואוסט, ווי מען האלט עס אין האנד א מעסער און א גאפעל. ראבינזאן האט עס איהם בעוויזען. אבער אויף דעם איז זיין קאפ געווען גארנישט פלינק און ער איז געווארען אזוי מטושטש, אז ביי איהם איז געווען רעכט צו שטעקען דעם גאפעל מיט'ן שטיקעל פלייש דערויף אין אויער. און דעם וויין, מיט וועלכען ראבינזאן האט איהם מכבד געוועזען, האט ער אויך נישט געפיהלט קיין גרויסען טעם. ער איז געוואהנט געווען צו וואסער, און די שטארקע משקה האט איהם נאר דעם גומען צובערענט. דערפאר האבען ביי איהם די סוכארעס יא אויסגענומען.

דערווייל איז שוין די שעה פאריבער און ס'איז אנגעקומען די פלוסצייט. זעהר געלונגען איז געווען דער וועג צוריק. דער שטראם האט זיי שנעל געטריבען צו'ם ברעג. זיי זענען אראב פון פליט און האבען גלייך אנגעהויבען אראבצונעהמען די זאכען, וואס זיי האבען געבראכט פון שיף. פרייטאג האט געוואלט זעהר וויסען, וואס וועט מען עס טהון מיט די אלע וואונדערליכע זאכען, צו וואס וועלען זיי נוצען. צו בעפרידיגען פרייטאג'ס נייגיעריגקייט, איז ראבינזאן אוועק הינטער א קוסט און האט זיך דארטען אינגאנצען איבערגעטהון. ער האט אנגעטהון א העמד, א פארמע פון אנ'אפיציר, לאנגע זאקען און שיך, האט אריינגעשטעקט ביי דער זייט א שווערד, האט אנגעטהון א הוט מיט א פעדער און איז ארויס פון די קוסטעס. פרייטאג איז נשתומם געווארען: פאר איהם איז א נייער מענש געשטאנען, גאר נישט ענהליך אן דעם פריהערדיגען ראבינזאן; אין שרעק איז ער אבגעטראטען אויף הינטער, גלייך ווי עד וואלט א מענש פון יענער וועלט דערזעהן. ער האט גארנישט געגלויבט, אז זיין האר זאל זיך קענען אזוי פערענדערן. אבער ראבינזאן, וועלכער האט זיך נישט געקענט איינהאלטען פון געלעכטער, האט איהם פריינדליך דערלאנגט די האנד און האט איהם געשווארען, אז ער איז

דערזעלבער ראָבינזאָן, זײַן פֿרײַנד, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז אין אַנדערע קלײדער און אין אַ גליקליכערע צושטאַנד, ווי פֿריהער. דערנאָך האָט ער גענומען אַ גאַנצען מאַטראָסען־אַנצוג, האָט איהם בּעוויזען, ווי מען דאַרף עס אָנטהון און האָט איהם געהײסען זיך אויך איבּערטהון הינטער'ן קוסט. פֿרײַטאָג האָט געפֿאָלגט. אָבּער עס האָט לאַנג געדויערט. עס איז איהם געוועזען שווערליך דורכצוקומען מיט די דאָזיגע קלײדער. טײַלען שוויים האָט פֿון איהם גערינען, בּיז ער איז פֿאַרטיג געוואָרען מיט'ן אָנטהון זיך: האָט די אַרבּעל פֿון העמד געוואָלט אַרויפֿרוקען אויף די פֿים, איז עס נישט געגאַנגען; האָט ער די הויזען געוואָלט אַרויפֿציהען אויף די הענד, האָט עס ווידער נישט געטויגט. דאָס רעקיל איז בּײַ איהם אויסגעקומען, שפּיליעט זיך גאָר אויף הינטען — און ער האָט געהאַט נעביך צו זינגען און צו זאָגען.

אָבּער דערפֿאַר, אַז ער האָט זיך שוין אָנגעטהון, האָט ער געטאַנצט פֿאַר שמחה. ער האָט זיך אַזוי גוט געפֿיהלט אין זײ, עס איז איהם געווען אַזוי גוט, גרינג, אַנגענעהם. הײַנט האָט ער שוין נישט גערדאַרפֿט האָבּען מורא פֿאַר די אום'ברחמנות'דיגע מאָסקיטען, וואָס האָבּען איהם אַ שען בּיסעל בּלוט אויסגעזויגען.

נאָכדעם האָט איהם ראָבּינזאָן בּעוויזען, ווי אַזוי צו בּעגעהן זיך מיט דער האַק, און דאָס איז איהם אויך זעהר געפֿעלען געווען. און די האַק איז זײ שוין טאַקע בּאַלד צוניץ געקומען. זײ האָבּען צוגעמאַכט צו זײער פּליט אַ מאַסטבּוים און האָבּען גערעכענט אָנטהון אַ זעגעל, כּדי זײ זאָלען נישט דאַרפֿען וואַרטען אויף דער פּלוסצײַט. ראָבּינזאָן האָט זיך אָנגענומען די דאָזיגע אַרבּײַט צו מאַכען אַלײן און פֿרײַטאָג'ן האָט ער אַוועקגעשיקט אַהײם אויסמעלקען די לעמלען, וועלכע זענען שוין צוויי טעג געוועזען נישט געמאָלקען.

בּיז פֿרײַטאָג איז געקומען, האָט ראָבּינזאָן גענומען אַ בּיקס, האָט זי אָנגעלאָדען און האָט געוואָלט בּעווײַזען פֿרײַטאָג'ן, ווי מען שיסט מיט פּולווער. און גראָד ווען פֿרײַטאָג איז צוריקגעקומען, האָט ראָבּינזאָן דערזעהן אַ ים־פֿויגעל, וועלכער איז געפֿלויגען מיט אַ פֿיש אין שנאָבּעל. ראָבּינזאָן האָט געכאַפּט די בּיקס, האָט אַ געשרײ געטהון צו פֿרײַטאָג'ן: „זעה, בּאַלד פֿאַלט ער אַרונטער!" און האָט אויסגעשאָסען. דער פֿויגעל איז ווי אַ שטײן אַראָבּגעפֿאַלען אויף דר'ערד. מען קען זיך שוין פֿאָרשטעלען, דעם אָרימען פֿרײַטאָג איז אײַנגעפֿאַלען די דמים!

ער האָט געגעבען אַ פאַל אָן דר׳ערד, און פאַר גרויס שרעק האָט זיך איהם געראַכט, אַז דער הימעל האָט זיך צושפּאָלטען און זיין גאָט טופאַן האָט אָנגענומען די געשטאַלט פון ראָבינזאָנען און איז געקומען איהם בעשטראָפען. און אַוואָרט נישט ריידענדיג, איז ער צוגעקראָכען צו ראָבינזאָנען, איז געפאַלען אויף די קניה, און האָט מיט ציטערנדע הענד גענומען בעטען ביי ראָבינזאָנען, ער זאָל איהם מ׳חל זיין. ראָבינזאָן האָט איהם שנעל אויפגעהויבען, האָט איהם ארומגענומען, האָט איהם געזאָגט, אַז ס׳איז נישטאָ פאַר וואָס זיך צו שרעקען, האָט איהם דערצעהלט,

ווי אַזוי די ביקס איז געמאַכט געוואָרען, ווי אַזוי זי ווערט פערלאָדען, האָט איהם געלערנט, ווי צו שיסען און האָט איהם געוואָלט געבען די ביקס, ער זאָל אַליין אויסשיסען. אָבער דער אָנגעשראָקענער פריַיטאָג האָט געבעטען ראָבינזאָנען, ער זאָל עס בעסער אַליין טהון. האָט ראָבינזאָן אויסגעקליבען אַ ציעל פאַר הונדערט טריט, האָט אַוועקגעשטעלט פריַיטאָג׳ן נעבען זיך און האָט אויסגעשאָסען.

פריַיטאָג איז ווידער שיער נישט אַנידערגעפאַלען, אַזוי איבערנאַטירליך און שרעקליך איז עס איהם אויסגעקומען, וואָס ער האָט געזעהן און געהערט. ראָבינזאָן האָט געטראָפען גלייך אין ציעל, און די גאַנצע שראָט האָט זיך טיעף אַריינגעזעצט אין דאָס האָלץ. ראָבינזאָן האָט דערויף אָנגעוויזען פריַיטאָג׳ן און האָט איהם געגעבען צו פערשטעהן, ווי אַזוי זיי זענען איצט זיכער פון די ווילדע, ווען זיי פערמאָגען אַזאַ טייער געוועהר, וואָס שיסט מיט בליץ און דונער.

פון דעם אַלץ, וואָס פרייטאָג האָט זיך אָנגעזעהן, האָט ער בעקומען אַזאַ אָבשײַ פאַר די אייראָפּעער און נאָכמעהר פאַר זיין האַר, אַז ער האָט לאַנג נישט געוואַגט צו קומען אין די פריהערדיגע חבר׳שע בעציהונגען צו ראָבינזאָנען.

דערווײַל איז אָנגעקומען די נאַכט און זיי האָבען זיך געמוזט צוזעגענען מיט דעם גליקליכען, אונגעוועהנליכען טאָג. אויף מאָרגען זענען זיי ביידע פריה אויפגעשטאַנען, האָבען בעהאַלטען די אַלע זאַכען אין די קוסטעס און, ווי נאָר דאָס וואַסער איז אָבגעפאַלען האָבען זיי זיך ווידער אַוועקגעלאָזט צו דער פערלאָזענע שיף. זיי זענען דאָסמאָל אויך געקומען בשלום צום שיף און די ערשטע זאַך האָבען זיי אַראָבגעלאָזט אויפ׳ן פליט די ברעטער, וואָס האָבען זיך געפונען אויפ׳ן שיף, כדי נישט צו פערגעצען ווי נעכטען די זאַכען, וואָס זיי האָבען גערעכענט מיטנעהמען.

ראָבינזאָן האָט נאָכאַמאָל איבערגעקוקט אַלץ, וואָס דאָרטען האָט זיך געפונען, און האָט ווידער אָבגעקליבען דאָס נויטיגסטע, ווײַל אַלץ מיט איינמאָל האָט ער אויך איצט נישט געקענט מיטנעהמען. ער האָט גענומען איין האַרמאַט פון די זעקס, וואָס האָבען זיך אויפ׳ן שיף געפונען. דער אָרט, וואו זיי האָבען אָבגעלעגט די אַלע זאַכען איז געווען נישט קיין זיכערער, ווײַל ער איז געווען אין דער געגענד, וואו די ווילדע פלעגען זיך אָבשטעלען, ער האָט זיך איצטער אַפילו געקענט פערלאָזען אויף זיינע ביקסען און פיסטאָלעטען, אָבער דער געדאַנק, אַז ער וועט דאַמאָלס מוזען הרג׳ענען אַ מענשען און אָפשר נישט איינעם, האָט איהם געשווידערט. ווען ער האָט אָבער אַ האַרמאַט, איז איהם גענוג אויסצושיסען, ווי די ווילדע וועלען זיך נאָר בעווייזען, און דאָס וועט זיי, פערשטעהט זיך, אַזוי אָבשרעקען, אַז זיי וועלען שוין נישט וואַגען צוצושטעהן צום אינזעל.

אויסער׳ן האַרמאַט האָט ער מיטגענומען: 1) אַ זאַק קאָרן, אַ זאַק גערשטען און אַ זאַק אַרבעס; 2) אַ קאַסטען מיט צוועקעס און שרויפען; 3) אַ טוץ העק; 4) אַ פאַס פולווער, קוילען און שראָט; 5) אַ זעגעל און אַ שאַרף-שטיין אויף שאַרפען העק, מעסערס און געצייג.

פאַר׳ן אָבפאָהרען האָט ראָבינזאָן ווידער אַמאָל בעטראַכט די שיף און האָט געזעהן, אַז דאָס וואַסער איז שוין גאַנץ הויך געשטאַנען אין שיף, און אַז די חוואַליעס מיט׳ן רייבען אָן די פעלזען האָבען אָבגעריסען פון איהר אַ סך ברעטער. ער האָט געזעהן פאָראויס, אַז דער ערשטער

שטורם וועט די שיף צו שמעטערן. און דעריבער האָט ער געוואָלט וואָס גיכער איבערצופיהרען די זאַכען און זיך קעהרען נאָכאַמאָל, כּדי איבערצולאָזען וואָס וועניגער אויף דער שיף, וואָס האָט געמוזט פערלאָרען געהן. דער ווינד האָט איצט גראָד געבלאָזען צום אינזעל צו, און זיי האָבען מיט דער הילף פון זעגעל און רודערס זיך געלאָזט צוריק צו'ם ברעג, נישט וואַרטענדיג ביז די פלוסצייט וועט אָנקומען. אין מיטען וועג האָט זיך ראָבינזאָן דערמאָהנט אָן דאָס גאָלד און די דימענטען, און ס'האָט איהם פערדראָסען, וואָס ער האָט עס נישט מיטגענומען.

ער אַליין דאַרף דאָס נישט, — האָט ער געטראַכט, — אָבער עס איז דאָך זעהר מעגליך, אַז דער בעל־הבית פון שיף לעבט און ער וועט נאָך קומען זעהן, אפשר קען מען נאָך וואָס ראַטעווען פון שיף. דאַן וואָלט ער עס איהם דאָך געקענט אומקעהרען. און דערווייל קען דאָך אָנקומען אַ שטורם, און דאָס גאָלד מיט די דימענטען וועלען פערלאָרען געהן. ווי זיי זענען

צוגעקומען צום ברעג, האָבען זיי שנעל אַראָבגעלעגט די מיטגעבראַכטע זאַכען און זענען גלייך אַוועקגעפאָהרען צוריק צו'ם שיף און האָבען צוגענומען דאָס פּעסעלע מיט'ן גאָלד און דאָס קעסטעלע מיט די דימענטען. אַחוץ דעם האָבען זיי שוין אויך מיטגענומען טאַטשקעס, פיעל קליידער און וועש, אַ סך געצייג, געפּעס, אַ לאַמטערן, אַלע פערשריבענע פּאַפּיערען, וואָס ער האָט געפונען ביי'ם קאַפּיטאַן אין קאַיוטע. דערווייל איז אונטערגעקומען די פלוסצייט, און מיט דער הילף פון ווינד און וואַסער זענען זיי שנעל געפלויגען צו'ם ברעג, וואוהין זיי זענען אין אַ קורצער צייט אָנגעקומען.

ראָבינזאָן האָט מורא געהאַט, אַ רעגען זאָל נישט פערנעצען און קאַליע מאַכען דאָס פולווער, זיין בעסטען אוצר. דעריבער האָט ער בעשלאָסען צו מאַכען אַ ביידעל, אויף צו בעשיצען זיין גאַנצען אייגענס פון אַ רעגען. איצט איז עס איהם געוועזען לייכט אויסצופיהרען: ער האָט געהאַט לייוואַנד, נאָדלען מיט פאָדים און האָט זיך טאַקע גלייך גענומען צו דער אַרבייט. פרייטאָג, וועלכער האָט גלייך איבערגענומען, ווי אַזוי מען דאַרף עס מאַכען, האָט איהם אויך געהאָלפען.

שנעל זענען זיי געוואָרען פאַרטיג מיט דער אַרבייט, און ראָבינזאָן האָט געוואָלט פערשאַפען פרייטאָג'ן אַ שטיקעל פערגניגען — בעווייזען איהם די ריזיגע קראַפט פון אַ האַרמאַט. ער האָט איהם אָנגעלאָדען מיט אַ קויל, האָט איהם אָנגעשטעלט אַזוי, אַז זי זאָל טרעפען אין וואַסער אַריין, כדי פרייטאָג זאָל קענען זעהן, ווי וויים עס פליהט אַ האַרמאַטען־קויל, און האָט אָנגעצונדען דאָס קנויטעל.

די קויל האָט זיך צוטאַנצט איבער דער אויבערפלעכע פון ים און איז פערשוואונדען אין דער נעבעלדיגער ווייטקייט. פרייטאָג איז געווען נתפעל און ער האָט געזאָגט, אַז די ווילדע, זיי מעגען זיין אין די טויזענדער, וועלען גלייך מאַכען פליטה, ווייל זיי וועלען גאָר אַנדערש נישט קלערען, אַז דער, וואָס קען מאַכען אַזעלכע שרעקליכע דונערס, איז דאָך געוויס מעכטיגער פאַר זייער שטאַרקען גאָט טופּאַן.

דערווייל איז פינסטער געוואָרען. ראָבינזאָן האָט אָנגעצונדען די לאַמטערן און האָט זיך גענומען איבערקוקען די פּאַפּיערען, וואָס ער האָט געבראַכט פון שיף, אפשר וועט ער ערפאַהרען, ווער איז געווען דער בעל־הבית פון שיף און וואוהין זי האָט דעם וועג געהאַלטען. אָבער, צו זיין גרוים בעדויערן, זענען די פּאַפּיערען, אַזוי ווי אויך די ביכער, געווען

געשריעבען אין אַ פרעמדער אונפערשטענדליכער שפּראַך, און איהם האָט שטאַרק באַנג געטהון, וואָס ער איז אַמאָל, אין דער יוגענד נישט גענוג פלייסיג געוועזען צו פערברייננגען די צייט אויף ערלערנען פרעמדע שפּראַכען.

ער האָט לאַנג געקליבען די פּאַפּיערען, ביז וואַנען ער האָט געפונען אַ פּאָר זאַכען, וואָס האָבען איהם עטוואָס קלאָר געמאַכט, וואוהין און צוליעב וואָס די שיף האָט איהר וועג געהאַלטען. ער האָט געפונען אַ פּאָר בריעף, וועלכע זענען געוועזען אַדרעסיערט אויף איינעם פון די וועסט־אינדישע אינזלען באַרבאַדאָס, וואו ס׳איז געווען זעהר שטאַרק פערשפּרייט דער שקלאַפען־האַנדעל. און ווייטער האָט ער נאָך געפונען אַ רעכנונג, פון וועלכער ס׳איז געווען אַרויסצוזעהן, אַז אויף דער שיף האָבען געמוזט זיין אַ מאַן הונדערט שקלאַפען, וועלכע מען האָט געפיהרט קיין באַרבאַדאָס. ער האָט עס אַלץ דערצעהלט פרייטאָג׳ן און האָט געזאָגט: „ווער ווייס, אֶפשר האָבען די דאָזיגע אומגליקליכע צו פערדאַנקען דעם שטורם, וועלכער האָט די שיף צווישען די פעלזען פערוואָרפען, און דערווייַלע זענען זיי אויסגעלייזט געוואָרען פון זייערע מערדערס הענד; אֶפשר זענען די שיפלעך, אויף וועלכע זיי האָבען זיך געראַטעוועט, צוגעשטאַנען צו אַנ׳אינזעל, וואו זיי האָבען אַ נייע היים געפונען און האָבען פרייע, צופריעדענע אַ ניי גליקליך לעבען אָנגעהויבען”.

ראָבינזאָן האָט בעהאַלטען די אַלע פּאַפּיערען, גלייך ווי דאָס גאָלד מיט די דימענטען און ער האָט געהאָפט, טאָמער וועט ער אַמאָל קומען אין אייראָפּאַ, וועט ער אֶפשר מיט די פּאַפּיערען אויפזוכען דעם בעל־הבית פון דער פערלאָזענער שיף און וועט איהם אומקעהרען זיינע אוצרות.

נאָך זעקס טעג זענען זיי אַ צוויי־דריי מאָל אין טאָג געפאָהרען צום שיף און האָבען געבראַכט אויפ׳ן אינזעל, וואָס זיי האָבען נאָר געקענט. אַלץ איז ביי זיי אויסגעקומען זעהר וויכטיג און נוצליך. אויך האָבען זיי אָבגעריסען פון שיף זעהר אַ סך ברעטער און האָבען עס מיטגענומען, ווייל דאָס האָט זיי געקענט שטאַרק צו ניץ קומען. אַפילו די איבערגעבליבענע פינף האַרמאַטען און בכלל דאָס גאַנצע אייזען, וואָס זיי האָבען געפונען אויפ׳ן שיף, האָבען זיי אויך צוגענומען.

אויפ׳ן אַכצעהנטען מאָל פון זייער קומען אויפ׳ן שיף האָבען זיי פלוצלונג בעמערקט, אַז עס קומט אָן אַ שטורם. זיי האָבען אויף דער־ניך

אָנגעלאָרען דעם פליט און זענען אָבגעשוואומען פון שיף אין דער האָפנונג, אַז זיי וועט זיך נאָך איינגעבען צו דערגרייכען דעם ברעג, ביז דער שטורם וועט אויסברעכען. און מיט אַלע כוחות האָבען זיי געטריבען דעם פליט. אָבער זייער מיה איז געוועזען אומזיסט. איידער זיי האָבען נאָך בעוויזען אָבצופאָהרען אַ העלפט וועג, איז אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער שטורם מיט דונערן און בליצען און מיט אַ מורא'דיגען גוסרעגען. די חוואַליעס האָבען זיך געקייקעלט איבערן פליט און האָבען אַראָבגעשווענקט אַלע זאַכען, וואָס האָבען זיך אויף איהם געפונען. זיי אַליין האָבען זיך אָבער אַזוי פעסט אָנגעהאַלטען אָן דעם מאַסטבוים פון פליט, אַז די שוימענדע חוואַליעס, וואָס האָבען אַלע ווײַלע געיאָגט אַנ'אייל הויך איבער זייערע קעפ, האָבען זיי דאָך נישט געקענט מיטשלעפען אין תהום אַרײַן. ענדליך אָבער האָבען די בייזע חוואַליעס מנצח געוועזען. זיי האָבען פונאַנדערגעבונדען און פונאַנדערגעריסען דעם פליט, אַז ער איז צופאַלען אויף איינציגע ברוסעם.

פרײַטאָג האָט זיך געלאָזען שווימען. ראָבינזאָן האָט זיך אָנגעכאַפט אָן אַ ברוס, און די מעכטיגע חוואַליעס האָבען איהם דאָ טיעף אין אָבגרונד געשליידערט און דאָ הויך אויף זייערע שוימיגע שפיצען אויפגעהויבען. אָבער מעהר איז ער געוועזען אונטער'ן וואַסער, ווי אויבען. און איז געוועזען אַזוי פערטויבט, אַז ער האָט נישט געקענט הערען און נישט געקענט זעהן. ער איז געוואָרען אַזוי אָבגעשוואַכט, אַז ער איז געבליבען אין חלשות. ער האָט נאָך אַ הויכען געשריי געטהון, און אין דעם אויגענבליק האָט איהם אַנ'אונגעהויער גרויסע חוואַליע אַוועקגעריסען מיט זיך.

צו'ם גליק אָבער האָט דער געטרייער פרײַטאָג זיך די גאַנצע צייט געהאַלטען נעבען ראָבינזאָנען, כאָטש ער וואָלט זיך אַ סך גיכער געקענט ראַטעווען, ווען ער וואָלט עס נישט טהון. ווי נאָר ער האָט דערזעהן, אַז ראָבינזאָן בעווייזט זיך נישט אויפ'ן וואַסער, האָט ער זיך גלייך אַראָבגעלאָזען אונטער'ן וואַסער, האָט אָנגעכאַפט ראָבינזאָנען מיט דער לינקער האַנד און מיט דער רעכטער האָט ער ווידער אָנגעהויבען צו אַרבייטען צום אינזעל צו. מיט אַלע כוחות האָט ער געקעמפפט מיט די רוישענדע חוואַליעס און איז געשוואומען מיט אַזאַ אונגעוועהנליכער אָנשטרענגונג, אַז עס האָט נאָר מינוטען געדויערט, און ער איז שוין געוועזען מיט זײַן איינגאַנצען אָבגעחלש'טען האַר בײַ'ם ברעג.

פֿרײַטאָג האָט געבראַכט דעם טויט־בלאַסען, אָהן סמנים פֿון לעבען, ראָבינזאָנען אויפֿ'ן ברעג. אַ פֿערצווייפֿעלטער איז ער געפֿאַלען אויף דר'ערד, האָט איהם געטרייסעלט און געריבען דעם לײַב און האָט איהם מיט אַלע כּוחות געמינטערט. ענדליך האָט ער צו זײַן גרויסע פֿרייד בעמערקט, אַז ראָבינזאָן הויבט אָן צו זיך קומען. „וואו בין איך?" האָט ער געפֿרעגט מיט אַ שוואַכער ציטערנדער שטים, אַז ער האָט אויפֿגעעפֿענט די אויגען. — „מיט מיר זענט איהר, מײַן ליעבער האַר!" — האָט איהם פֿרײַטאָג געענטפֿערט מיט טרעהרען פֿון הייסער פֿרייד, וואָס זײַן האַר איז ווידער צו זיך געקומען. און איצט איז פֿאָרגעקומען צווישען זיי אַ ריהרענדיגע סצענע פֿון גרויס פֿרייד, וואָס זיי זעהען זיך ווידער צוזאַמען און לעבען, און ס'איז אַוועק די געפֿאַהר. און ראָבינזאָנס דאַנקבאַרקייט צו פֿרײַטאָג'ן איז געוועזען אַזוי גרויס, ווי פֿרײַטאָגס שמחה, וואָס ער האָט געראַטעוועט זײַן געליעבטען האַר.

דער שטורם האָט געווילדעוועט די גאַנצע נאַכט. אויף מאָרגען, אַז די זון איז אויפֿגעגאַנגען, האָט ראָבינזאָן, צו זײַן גרויס לייד, דערזעהן, אַז פֿון דער שיף איז קיין זכר נישט געבליבען. איינצעלנע ברעטער און ברוסעס, וואָס דאָס וואַסער האָט זיי צו'ם ברעג געטריבען, האָבען בעוויזען, אַז דער שטורם האָט די שיף אויף שטיקלעך צושמעטערט. ראָבינזאָן מיט פֿרײַטאָג'ן האָבען אַרויסגעצויגען אויפֿ'ן ברעג יעדעס ברעט, יעדען ברוס, ווײַל זיי האָבען פֿאָראויס געזעהן, אַז עס קען זיי שטאַרק צו ניץ קומען. נאָכדעם האָבען זיי געמאַכט אַ פּלאַן פֿון דער אַרבייט, פֿאַר וועלכער זיי האָבען זיך גלײַך געוואָלט נעהמען און וועלכע איז בעשטאַנען אין דעם, ווי אַזוי צו פֿערהיטען די אַלע זאַכען, וואָס זיי האָבען פֿון שיף געבראַכט, פֿון קאַליע ווערען און ווי אַזוי עס אַהיים צו ברייִנגען.

קודם־כּל האָט ער אָנגעלאָדען אַ טאַטשקע מיט עטליכע פֿעסלעך פּולווער און אַנדערע זאַכען, וואָס האָבען גיכער געקענט קאַליע ווערען פֿון נאַסקייט. און זיי האָבען דאָס אָבגעפֿיהרט. דער פּודעל, וואָס איז די גאַנצע צייט נישט אָבגעטראָטען, האָט זעהר גוט געדיענט. ראָבינזאָן האָט איהם ווי עס איז אײַנגעשפּאַנט אין טאַטשקע, ער זאָל איהם העלפֿען זי שלעפּען. דער הונד האָט אַזוי גיך פֿערשטאַנען זײַן נייע אַרבייט, אַז ער האָט זי אויסגעפֿיהרט ווי אַ גוט פֿערד. דערצו האָט מען איהם נאָך געגעבען צו טראָגען אַ פּעקעל אין די ציינער, וואָס ער האָט עס נאָך געקענט פֿון פֿריהער.

צוריק אויפ'ן ברעג האָט זיך שוין ראָבינזאָן אומגעקערט מיט אַלע זיינע לעמלען, וואָס זענען געווען געלערנט אויף מַשׂא צו שלעפּען. אַזוי ווי ער האָט זיי געהאַט זיבען שטיק און יעדערע פֿון זיי האָט געקענט שלעפּען אַ פּוד פֿיער משא, קען מען זיך שוין פֿאָרשטעלען, וויפֿיעל זאַכען זיי האָבען געקענט איבערפֿיהרען פֿאַר איינמאָל אַפילו. אין קעלער און אין הייהל איז געוועזען צו וועניג אָרט פֿאַר די אַלע זאַכען און זיי האָבען געמוזט מאַכען נאָך אַ גרויס ביידעל. אין אַכט טעג האָבען זיי שוין אַלץ איבערגעפֿיהרט צו זיך, אַפילו די ברעטער.

און איצט האָט ראָבינזאָן מיט פֿרייטאָג'ן געהאַט אַזוי פֿיעל אַנגענעהמע ארבייטען, אַז זיי האָבען נישט געוואוסט, צו וועלכער זיך צו נעהמען פֿריהער. איינע פֿון די נויטיגסטע אַרבייטען איז געווען אויסצובויען אַ געריימע שטוב. זיי זענען אַפילו געווען נישט אַזעלכע געניטע טשעסלערס, פֿון דעסטוועגען איז ביי זיי דאָס צוגעגאַנגען גאַנץ שנעל. ווייל וואָס האָט איצטער געקענט צו שווער זיין אונזער פֿלייסיגען און אונערמידליכען ראָבינזאָנען, ווען ער האָט נאָך ביי זיך געהאַט אַלע נויטיגע געציינג? זיי האָבען זיך פֿלינק אַ נעהם געטהון צו דער אַרבייט, און ס'איז פֿאַרטיג געוואָרען אַ הייזעל, אויפ'ן שטיינער פֿון די דאָרפֿישע הייזלעך.

אַז ער האָט אַלץ שוין געהאַט איבערגעטראָגען אין שטוב אַריין, האָט ער אָנגעהויבען צו טראַכטען, ווי אַזוי צו מאַכען אַ בעסערן, אָבער נישט וועניגער זיכערן אַריינגאַנג צו זיך אין שלאָס. דאָס זיכערסטע מיטעל, איז ביי איהם אויסגעקומען, וועט זיין, אַז ער וועט מאַכען אַ רעכטען טויער און אַ צוגבריק. און אַזוי ווי ער האָט אַלץ, וואָס מען האָט נאָר דערצו בעדאַרפֿט, — ווי למשל, טשוועקעס, קייטען, קריוקעס, שלעסער א. אַז. וו. — געהאַט לרוב, איז ער גלייך צוגעטראָטען אויסצופֿיהרען זיין פּלאַן. אַז דאָס טויער מיט דער צוגבריק איז פֿאַרטיג געוואָרען און איז איינגעשטעלט געוואָרען, האָט ער בעפֿעסטיגט אויפ'ן וואַל אַלע זעקס האַרמאַטען, צו צוויי ביי די זייטען און צוויי פֿאָרענט. איצט האָבען זיי שוין מעהר נישט געדאַרפֿט מורא האָבען פֿאַר אַן'אָנפֿאַל פֿון די ווילדע און אויסער דעם האָבען זיי זיך זעהר גוט איינגעאָרדענט מיט זייער וואוינונג.

דערווייל איז אָנגעקומען די שניטצייט. אָנשטאָט אַ סערפּ האָט ער דעם מאַאיס געשניטען מיט אַן'אַלטען שווערד און די קאַרטאָפֿעל האָט

ער אַרויסגעגראָבען מיט אַ גרויסער האַק, וואָס ער האָט געפונען אויף דער שיף. באַלד האָבען זיי אַראָבגענומען פון די פעלדער און האָבען זיך גענומען דרעשען דעם מאַאיס. זיי האָבען אָנגעשאָטען פיער זעק. אונזערע אינזעל=איינוואוינער האָבען אַפילו געהאַט אויף חדשים לאַנג סוכאַרעס, האָך האָט ראָבינזאָן געוואָלט פערזוכען אַ שטיקעל פרישׁ ברויט און ער האָט זיך געוואָלט פּרובען אָבבאַקען אַ געבעק ברויט.

אַ קליין האַנדמיהלכעל האָט ער געהאַט, ער האָט עס געבראַכט פון שיף. ס'האָט איהם נאָר אויסגעפעהלט אַ זיפּ און אַ באַק=אויווען. נאָר ער האָט זיך אַנ'עצה געגעבען, אָנשטאָט אַ זיפּ האָט ער גענומען אַ דין קיסיי=טיכעל (צווישען די זאַכען, וואָס ער האָט פון שיף געבראַכט, איז געוועזען אַ גאַנצעס שטיק קיסיי). אויך מיט'ן באַק=אויווען איז ער גיך פאַרטיג געוואָרען, איידער ס'האָט זיך נאָך אָנגעהויבען די רעגענס=צייט, וועלכע קומט געוועהנליך נאָך דער שניט=צייט.

איצט האָט ער זיך געפּרובט באַקען ברויט פון קאָרן=מעהל און פון מאַאיס=מעהל. דאָס קאָרענע ברויט איז געוועזען אַ סך געשמאַקער. דעריבער האָט ראָבינזאָן בעשלאָסען דעם גרעסטען פון זיין פעלד צו פערזייהען אָנשטאָט מאַאיס מיט קאָרן, ווייל אויף ראָבינזאָנס אינזעל האָט מען געקענט צוויי מאָל אַ יאָהר זייהען און שניידען, אַזוי וואַרים איז דאָרטען געוועזען.

איין זאַך האָט זיי נאָך געפעהלט, וואָס זיי האָבען אויף דער שיף נישט געפונען — גראָבאייזענס. און אַזוי ווי ראָבינזאָן האָט גערעכענט זיך איבערהויפּט צו פערנעהמען מיט ערד=אַרבייט, האָט ער בעשלאָסען צו שטעלען אַ קוזניע, וואו ער וועט שוין קענען אויסשמידען גראָב=אייזענס און נאָך אַנדערע נוצליכע געצייג.

דאָס איז איהם געוועזען לייכט אויסצופיהרען, ווייל אַלץ, וואָס איז נאָר נויטיג צו שמידעריי, האָט ער אויפ'ן שיף געפונען, אַזוי, למשל, האָט ער געהאַט אַ קליינעם אַמבאָס, פערשיעדענע צוואַנגען, אַ גרויסען בלאָז=זאַק און אַזוי פיעל אייזען, טיילוויז אַלטעס און טיילוויז נאָך נישט בעאַרבייטעס, אַז עס וואָלט איהם קלעקען אויף זיין גאַנץ לעבען. און גלייך טאַקע איז געוואָרען געמאַכט אַ קוזניע.

אַזוי ווי ביי זיי איז געוועזען זעהר אַ סך ברעטער, האָבען זיי אויף אַזוי פיעל פערגרעסערט די קיך, אַז זי האָט געקענט דיענען אויך פאַר אַ קוזניע, וואו מען האָט געקענט אַרבייטען אַפילו בעת די גרויסע רעגענס.

אַ טײל פון דער רעגענס=צײַט האָבען זײ פערבראַכט אויף שמיד=אַרבּײט. צו'ם ערשטען איז בײַ זײ די אַרבּײט אַרויסגעקומען נישט אַמבּעסטען, אָבער דערנאָך האָבען זײ זיך אײַנגעאַרבּײט גאָר נישקשה'דיג. אַז די גראָבּ= אײַזענס זענען פאַרטיג געוואָרען, האָט זיך ראָבּינזאָן געפּרובט מאַכען אַנ'אַקער, כדי צו פערבעסערן די פעלד=אַרבּײט. דאָס האָט זיך איהם אויך אײַנגעגעבען, און זײַן פרײד איז געװעזען ניט צו בּעשרײַבּען.

פערשטעהט זיך, אַז דער דאָזיגער אַקער איז נאָך געװעזען װײַט פון אונזערן אַנ'אַקער. דאָך האָט ער זײ געדינט זעהר גוט, נאָך בּעסער

װי געװאונשען. ער האָט אײַנגעשפּאַנט אין דעם אַקער זײַנע לאַמלען, װעלכע האָבען זיך װאָס װײַטער אַלץ מעהר צוגעװאָהנט צו דער נײַער אַרבּײט און האָבען זי אויסגעפיהרט אַזוי גלענצענד, גלײַך װי די לאַמלען זאָלען זײַן געבּאָרען אויף דער אַרבּײט, אין װעלכער ראָבּינזאָן מיט פרײַ= טאָג'ן האָבען זיך געפיהלט, װי געבּאָרענע דאָרפס=לײַט.

און נאָך זעהר אַ נויטיגע זאַך האָט זײ געפעהלט צו זײער פעלד= אַרבּײט — אַ בּראָנע. ראָבּינזאָן האָט אויסגעשמידט פיעל אײַזערנע צײהנער.

נאָר דערמיט איז נאָך די אַרבייט נישט געווען געענדיגט: מען האָט נאָך די צייהנער געדאַרפט אָנזעצען אויף אַ הילצערנער ראַהם, און נאָך אַ סך מיה, איז איהם עס ענדליך געלונגען, און די בראָנע איז געווען פאַרטיג.

אַז ס'האָט זיך געענדיגט די רעגענס-צייט, האָבען זיי פערזוייהט קאָרן, גערשטען, אַ ביסעל אַרבעס, און צו זייער גרויסער שמחה האָבען זיי אין פינף חדשים אַרום אַראָבגענומען צוועלף מאָל אַזוי פיעל, אַ סך מעהר, וויפיעל זיי האָבען בעדאַרפט האָבען אויף אַ האַלב יאָהר לעבען.

דערווייל האָט זיך אָבגעציגעלט די ציג. פודעל איז געווען דער נאַכטוועכטער, און פאָל, דער פאָפוגאַי, האָט זיי פרעהליך געמאַכט בייַ'ם טיש. די לעמלען זענען זיי איצט געווען אַ סך ניצליכער, ווי פריהער, ווייל אויסער מילך, קעז און פוטער, האָבען זיי נאָך געהאָלפען בעאַרבייטען דאָס פעלד. אַזוי האָבען זיי זיך געלעבט אונגעשטערט און צופריעדען.

עלפטעס קאַפיטעל.

אַ צוזאַמענשטויס מיט ווילדע. — ראָבינזאָן ראַטעוועט אַ שפּאַניער. — אַ צווייענדיגער יום-טוב. — פרייטאָג'ס פאָטער גיט מען אַ נאָמען דאָנערשטאָג. — דער שפּאַניער פאָהרט מיט דאָנערשטאָג'ן צו איהם אַ היים ברענגען נאָך שפּאַניער, וואָס זענען דאָרט איבערגעבליבען. — ראָבינזאָן שרייבט פאַר זיי אַ געזעץ.

אַזוי איז פערלאָפען אַ האַלב יאָהר אין אַנגענעהמער אַרבייט. און פאַר דער גאַנצער צייט האָט פרייטאָג נישט געוואַגט צו דערמאָנען זיין האַר וועגען מאַכען אַ רייזע צו זיין פאָטער. ראָבינזאָן האָט פון זיין זייט בכּיון נישט געוואָלט דערפון ריידען, ווייל ער האָט זיך געוואָלט אַפריהער איינאָרדנען מיט זיין האָב און גוטס און מיט אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעהויבען צו מאַכען.

איצט אָבער, אַז ער איז מיט אַלץ פאַרטיג געוואָרען, האָט ער דער ערשטער דערמאָהנט פרייטאָג'ן וועגען אַריבערפאָהרען צו זיין פאָטער און אַראָבברייַנגען איהם. ער האָט איהם פאָרגעלעגט מען זאָל זיך גלייך נעהמען בויען אַ שיף. פרייטאָג איז געווען פון ראָבינזאָנ'ס פּלאַן מלא שמחה און האָט גאָרנישט געוואוסט, ווי אַזוי אויסצודריקען זיין

דאַנקבאַרקייט ראָבינזאָנען. גלייך אויף מאָרגען האָבען זיי זיך גענומען צו דער אַרבייט, וועלכע איז צוגעגאַנגען אין צעהן מאָל גיכער, ווי פריהער, ווייל איצט האָבען זיי דאָך געהאַט אַלע נויטיגע געצייג.

איינמאָל אין דער־פריה, ווען ראָבינזאָן איז געוועזען פערנומען מיט שטובאַרבייט, האָט ער אַוועקגעשיקט פרייטאָג'ן אויפ'ן ברעג חאַפּען אַ שילדקראָט, צו מאַכען פון איהם אַ געשמאַקען מאכל. נאָר גלייך איז פרייטאָג געקומען צולויפען צוריק און האָט קוים געקענט אָבחאַפּען דעם אָטעם פון לויפען און שרעק. „זיי זענען דאָ! זיי זענען דאָ!" האָט ער קוים געקענט אַרויסשטאַמלען. ראָבינזאָן האָט זיך אויך שטאַרק דערשראָקען און האָט געפרעגט: „ווער איז דאָס די „זיי"?" — „אָ, מיין האַר! מיין האַר!" — האָט געענטפערט פרייטאָג, „איינס, צוויי, דריי, זעקס שיפלעך!" ער האָט קוים געקענט אויסריידען די צאָהל זעקס.

ראָבינזאָן איז געשווינד אַרויפגעקלעטערט אויפ'ן בערגעל און האָט זיך נישט אָהן שרעק איבערצייגט, אַז פרייטאָג האָט קיין טעות נישט געהאַט. ער האָט דערזעהן זעקס שיפלעך מיט ווילדע, און זיי האָבען שוין געוואָלט צושטעהן צו'ם ברעג. ווי אַ פייל פון בויגען איז ער אַראָבגעפלויגען פון באַרג צו פרייטאָג'ן, האָט איהם צוגעגעבען מוטה און האָט איהם געפרעגט, צי ער איז גרייט צו שטעלען זיך געגען די ווילדע, אויב ס'וועט קומען צו אַ געפעכט מיט זיי.

„מיט לייב און לעבען! האָט געענטפערט פרייטאָג, וואָס איז שוין געקומען צו זיך פון זיין ערשטען שרעק. „נו, געשווינד!" האָט געזאָגט ראָבינזאָן: „מען דאַרף זעהן נישט צו דערלאָזען, אַז די ווילדע מענשענפרעסערס זאָלען אויספיהרען זייער אָבשייליכע אַרבייט. נו, איצט איז געגאַנגען! אין וועג וועלען מיר שוין וועגען אַלץ איבעררײדען".

ביי די ווערטער האָט ער אַראָבגעפיהרט פון וואַל אַ האַרמאַט, וואָס איז געשטאַנען אויף רעדער, האָט גענומען זעקס פול אָנגעלאָדענע ביקסען, פיער פיסטאָלעטען און צוויי שווערדען. יעדערער פון זיי האָט גענומען צו דריי ביקסען אויף די אַקסלען, צו צוויי פיסטאָלעטען און צו איין שווערד, האָבען זיך פערזאָרגט מיט קוילען, שראָט און פולווער, האָבען זיך איינגעשפאַנט אין דעם האַרמאַט און האָבען איהם אַרויסגעפיהרט פון טויער.

איצט האָט ראָבינזאָן איבערגעגעבען פרייטאָג'ן זיין פּלאַן. זיי וועלען אַרומגעהן דעם באַרג דורך דעם געדיכטען וואַלד, וואָס ציהט זיך כמעט

ביז'ן ברעג. די ווילדע זאָלען זיי נישט דערזעהן. מיט דעם געדיכטען וואַלד וועלען זיי געהן אַלץ ווייטער און ווייטער צו'ם ברעג. אַז זיי וועלען קומען גאָר נאָהענט, וועלען זיי איבער די קעפּ פון די ווילדע אויסשיסען פון אַ האַרמאַט. דאָס וועט די ווילדע געוויס דערשרעקען, זיי וועלען לאָזען זייער רויב און וועלען מאַכען פּליטה אויף זייערע שיפלעך.

דערווייַלע זענען זיי צוגעקומען צו די קוסטעס, וואָס האָבען געוואַקסען נישט ווייט פונ'ם ברעג און האָבען זיך אָבגעשטעלט. דאָ האָט ראָבינזאָן שטיל געזאָגט פרייטאָג'ן, ער זאָל זיך ווי ווייט מעגליך פאַרזיכטיג פאַר'גנב'ענען אונטער אַ בוים, אויף וועלכען ער האָט איהם אָנגעוויזען, און זאָל פון דאָרטען אַ קוק טהון, צי מען זעהט פון דאָרטען די ווילדע. פרייטאָג איז גלייך געקומען צוריק און האָט איבערגעגעבען ראָבינזאָנען, אַז דעם שונא זעהט מען פון דאָרטען זעהר גוט. די ווילדע זיצען אַרום אַ פייער און פּראַווען שוין זייער שרעקליכען מאָהלצייט; זיי בייסען די געבראָטענע ביינער פון אַנ'אומגליקליכען געפאַנגענעם, וואָס זיי האָבען געשאָכטען. אַ צווייטער געפאַנגענער ליעגט נישט ווייט אויף דער ערד אַ געבונדענער און דעם וועלען זיי אויך באַלד קוילענען. און דער וואָס ליעגט געבונדען איז גאָרנישט פון זייערע, נאָר אַ „ווייסער".

אויף ראָבינזאָנען האָט פרייטאָגס ידיעות געמאַכט אַנ'אונגעהויערן איינדרוק, בעזונדערס ווען ער האָט דערהערט וועגען דעם ווייסען געפאַנגענעם. ער האָט ביי זיך געהאַט אַ לאָרנעט, וואָס ער האָט נאָך אויפ'ן שיף געפונען. ער האָט זיך אונטערגע'גנב'עט אונטערן בוים און האָט מיט דער הילף פון לאָרנעט זיך איבערצייגט, אַז אַלץ, וואָס פרייטאָג האָט געזאָגט, איז ריכטיג. ער האָט נישט געקענט איינשטעהן אויפ'ן אָרט. דאָס בלוט האָט אין איהם אָנגעהויבען קאָכען, דאָס האַרץ האָט מוראדיג געקלאַפּט, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז כדי מנצח צו זיין זיינע פיינד, מוז ער זיין צאָרן דערווייל איינהאַלטען.

ער האָט אויסגעקליבען אַ גוטען אָרט פאַר'ן האַרמאַט, האָט איהם אָנגעשטעלט אַזוי, אַז די קויל זאָל פליהען הויך איבער די קעפּ פון די ווילדע, ווייל הרג'ענען זיי האָט ער אַפילו איצט נישט געוואָלט, ער האָט זיי נאָר געוואָלט צו שרעקען און פאַריאָגען. דערנאָך האָט ער שטיל געהייסען פרייטאָג'ן, ער זאָל אַכטונג געבען וואָס ער טהוט און זאָל איהם אַלץ נאָכטהון. ער האָט אַוועקגעלעגט צוויי ביקסען אויף דער ערד און די דריטע האָט ער גענומען אין האַנד. פרייטאָג האָט איהם נאָכגעטהון.

WF

דערנאָך האָט ער צוגעטראָגען אַ ברענענדיגען קנויט צום האַרמאַט, און גלײַך האָט די לופט אַ ציטער געטהון פון דעם שרעקליכען שאָס.

דערהערט אַזאַ שרעקליכען קנאַל, זענען די ווילדע צופאַלען פון שרעק, גלײַך ווי זיי וואָלטען אַלע פון דעם איין שאָס דער'הרג'עט געוואָרען. אָבער זיי האָבען זיך באַלד אויפגעהויבען. די שרעקענדיגע האָבען זיך אַלאָז געטהון צו די שיפלעך, די מעהר דרייסטערע האָבען זיך געחאַפּט צו'ם געוועהר.

צו'ם אומגליק האָט זיי דער שאָס פון האַרמאַט נישט אַזוי איבערראַשט, ווי ראָבינזאָן האָט ערוואַרט: דעם בליץ האָבען זיי נישט געזעהן, די קויל אויך נישט, — זיי האָבען נאָר געהערט דעם קנאַל, און זענען דעריבער נישט געוואָרען שטאַרק דערשראָקען, און אַז זיי האָבען זיך אַרומגעקוקט און האָבען קיין זאַך נישט בעמערקט, פאַרוואָס זיי זאָלען דאַרפען מורא האָבען, זענען זיי ווידער געקומען צו זיך. און די וואָס זענען זיך אין שרעק צולאָפען, האָבען זיך אויך אומגעקעהרט. זיי האָבען אָנגעהויבען שרעקליך צו וואָיען און מיט די משונה'דיגסטע תנועות, פאָכענדיג אין דער לופט מיט זייער געוועהר, האָבען זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין זייער ווילדען קריגס־טאַנץ.

ראָבינזאָן האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, ביז דער טאַנץ פון די ווילדע האָט אויפגעהערט. אָבער אַז ער האָט דערזעהן, אַז די ווילדע צוזעצען זיך ווידער און צוויי האָט מען אַוועקגעשיקט צו ברענגען דעם אָרימען אייראָפּעער, האָט ער שוין נישט געקענט מעהר בלייבען רוהיג. ער האָט אַ קוק געטהון אויף פרייטאָג'ן און האָט איהם אַ זאָג געטהון נאָר די ווערטער: „איך — רעכטס, דו לינקס, און גאָט זאָל אונז בײַשטעהן!" מיט די ווערטער האָט ער אויסגעשאָסען פון זיין ביקס, און פרייטאָג האָט איהם נאָכגעטהון.

פרייטאָג האָט געטראָפען בעסער פאַר ראָבינזאָנען אַליין, ווײַל אויף דער זייט, וואוהין ער האָט געציעלט, זענען געפאַלען פינף, אויף ראָבינזאָנס אָבער — נאָר דריי. דריי פון די אַלע זענען דערשאָסען געוואָרען אויף טויט, און די איבריגע פינף זענען נאָר פערוואונדעט געוואָרען. די אימה פון די ווילדע, וועלכע האָבען זיך איצט געלאָזט לויפען מיט אַ שרעקליכען וואָיען, איז נישט צו בעשרייבען. ראָבינזאָן האָט איצט געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון זיין בעהעלטעניש צו בעפרייען דעם געבונדענעם אייראָפּעער, ער האָט זיך אָבער אָבגעהאַלטען: ער האָט דערזעהן,

אז א טחנה ווילדע האבען זיך אומגעקעהרט, האבען זיך צוזאמענגעקליבען, און ס'איז געוועזען קענטיג, אז זיי זענען גרייט צו שטעלען זיך אנטקעגען. האט ער נאך שנעלער געחאפט א צווייטע אנגעלאדענע ביקס, און פרייטאג האט איהם גלייך נאכגעטהון. „ביזטו גרייט?" האט איהם געפרעגט ראבינזאן. און ווען ער האט געענטפערט, אז ער איז גרייט, האט זיך גלייך דערהערט א קנאל פון ביקסען. דאסמאל זענען טויט געפאלען נאר צוויי; עטליכע אבער, וואס זענען געווארען פערוואונדעט, זענען ארומגעלאפען ווי וואהנזיניגע און האבען קיין ארט נישט געפונען; אייניגע זענען געוועזען פערוואונדעט לייכט, אנדערע – זעהר שווער. פון די שווער פערוואונדעטע זענען דריי באלד אנידערגעפאלען כמעט טויט.

ראבינזאן האט אוועקגעווארפען די פוסטע ביקס, האט געחאפט די דריטע, די אנגעלאדענע און איז מיט פרייטאג'ן ארויסגעלאפען פון זייער בעהעלטעניש. זיי זענען ארויס אויפ'ן פרייען פעלד. ראבינזאן איז די ערשטע זאך אוועק זעהן, וואס טהוט זיך מיט דעם געבונדענעם, וועלכען ער האט געוואלט בעפרייען. אז ער איז צו איהם צוגעקומען נאהענט, האט ער בעמערקט, אז אייניגע פון די אנטלאפענע ווילדע, דערזעהענדיג ראבינזאנען מיט פרייטאג'ן, זענען איבערראשט געווארען, האבען זיך גלייך ווידער צוזאמענגעקליבען און האבען זיך צוגעגרייט צו'ם קאמפף. דא האט ראבינזאן גלייך געגעבען א וואונק פרייטאג'ן, ער זאל זיי מכבד זיין מיט א קויל. פרייטאג האט גלייך אויסגעשאסען און האט אוועקגעלעגט א ווילדען און ראבינזאן האט דערווייל פונאנדערגעשניטען מיט א מעסער די שטריק, וועלכע האבען זיך דעם געפאנגענעם איינגעשניטען אין לייב, און האט איהם בעפרייט. ער האט איהם געפרעגט אויף דייטש און אויף ענגליש, ווער ער איז. דער געפאנגענער האט געענטפערט אויף לאטייניש: „א שפאניער". מעהר האט ער א ווארט נישט געקענט אויסריידען, אזוי איז ער געוועזען אבגעשוואכט. צום גליק האט ראבינזאן מיטגענומען א פלאש ווין אויפ'ן פאל, טאמער ווערט ווער פון זיי פערוואונדעט. האט ער דעם שפאניער געגעבען א ביסעל ווין, צו דערקרעפטיגען איהם, און אז ער איז אביסעל געקומען צו די כוחות, האט איהם ראבינזאן געגעבען א פיסטאלעט און א שווערד, עס זאל זיך גיכער ענדיגען דאס געפעכט מיט די ווילדע. פרייטאג האט דערווייל געמוזט לויפען נאך די פוסטע ביקסען און אנלאדען זיי איבער א נייעם. ווי נאר דער שפאניער האט גענומען דעם פיסטאלעט מיט דעם שווערד

אין האַנד, האָט ער זיך אַלאָז געטהון צו זיינע מערדער מיט אַוואוט פֿון אַלייב און האָט צוויי פֿון זיי אַוועקגעלעגט אויפ'ן אָרט. פֿרייטאָג איז איהם געקומען צו הילף מיט דער זעקס-ער אָנגעלאָדענער ביקס. און ראָבינזאָן האָט אָנגעלאָדען די איבריגע. דערווייליע האָט דער שפּאַניער אויסגעשאָסען אַלע קוילען פֿון פּיסטאָלעט און האָט זיך מיט בלויזע הענד געמוזט וועהרען נעגען אַווילדען. פֿרייטאָג האָט אויך אויסגעשאָסען די קוילען פֿון זיין ביקס, נאָר מיט'ן שווערד אין האַנד האָט ער זיך אַזאַ לאָז געטהון אויף אַמחנה ווילדע, אַז זיי זענען זיך אין שרעק צולאָפֿען — איינציגע זענען אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און האָבען אָנגעהויבען צו שווימען צו די שיפֿלעך, אַנדערע האָבען זיך געראַטעוועט אין וואַלד אַריין און נאָך אַנדערע זענען געפֿאַלען אונטער פֿרייטאָג'ס קלעפּ.

דער שפּאַניער האָט געמוזט אויסשטעהן אַשווערען קאַמפּף. האָטש ער איז געוועזען שטאַרק פֿערמאַטערט, האָט ער זיך דאָך געשלאָגען מיט אַזאַ העלדישקייט, אַז ער האָט שוין געמאַכט זיין געגנער אַפּאָר טיפֿע וואונדען אין קאָפּ. אָבער דער ווילדער איז אויך געוואָרען אַזוי צורייצט, אַז ער האָט אַשליידער געטהון דעם שפּאַניער אויף דר'ערד, האָט ביי איהם אַרויסגעריסען דאָס שווערד און האָט איהם שוין געוואָלט אַראָבהאַקען דעם קאָפּ. צום גליק איז אין דעמזעלבען אויגענבליק ראָבינזאָן צוגעלאָפֿען און מיט אַביקסען-קויל האָט ער דעם ווילדען דורכגעשאָסען דעם קאָפּ,

ווי נאָר דער שפּאַניער האָט זיך אויפֿגעהויבען, האָט ער געכאַפּט אַנ'אָנגעלאָדענע ביקס און האָט זיך אַלאָז געטהון אין וואַלד אַריין נאָך די אַנטלאָפֿענע. פֿרייטאָג איז איהם נאָכגעלאָפֿען. ראָבינזאָן אָבער איז געבליבען אויפֿ'ן שלאַכט-פֿעלד, וואו עס זענען נאָר געוועזען פֿערוואונדעטע, כדי נאָכצוקוקען, וואָס די איבערגעבליבענע פֿיינד, וועלכע האָבען זיך געראַטעוועט אין די שיפֿלעך, וועלען ווייטער טהון. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און דער שפּאַניער מיט פֿרייטאָג'ן האָבען זיך צוריקגעקעהרט מיט דער נאַכריכט, אַז פֿון די ווילדע איז קיין שריד ופּליט נישט געבליבען.

דער גוטער ראָבינזאָן האָט זיך איצט געלאָזען געהן איבערן שלאַכטפֿעלד צו זעהן, אפשר קען מען נאָך וועמען פֿון די ווילדע אָבראַטעווען. אָבער דער גרעסטער טייל פֿון זיי איז שוין געוועזען טויט און די איבריגע האָבען גע'גוססעט, פֿונדעסטוועגען האָט ראָבינזאָן זיי געמינטערט, געגעבען

וויין און האט זיך געסטארעט מיט אלע כוחות זיי אבצוראטעווען. הרוגים איז געוועזען איין און צוואנציג. פון זיי אבער האט קיינער נישט געליטען, אויסער דער שפאניער, וואס האט זיך שטארק צו קלאפט, בעת דער ווילדער האט איהם א ווארף געטהון איף דר׳ערד. ראבינזאן איז געוועזען א בעלן צו בעקוקען די צוויי איבערגעבליבענע שיפלעך. ער איז צוגעגאנגען צו א שיפעל, און וואס האט ער דארטען דערזעהן? א געבונדענעם ווילדען. ער איז געווען איינגעפענטעוועט מיט שטריק, אזוי ווי דער שפאניער, און ער איז געווען מעהר עהנליך אויף א טויטען קערפער, ווי אויף א לעבעדיגען מענשען. ראבינזאן איז געווארען נשתומם. ער האט גלייך א רוף געטהון פרייטאג׳ן, אז יענער זאל זיך דורכרייד(ען) מיטן ווילדען אויף זייער לשון, אבער ווי פרייטאג האט איין געקוקט

דעם ווילדען אין די אויגען, האט זיך פארגעשטעלט א סצענע, וועלכע ראבינזאן מיט׳ן שפאניער האבען אהן טרעהרען נישט געקענט צוזעהן. פרייטאג איז ארויפגעפאלען דעם געפאנגענעם אויפ׳ן האלז, האט איהם געקושט, געדריקט; פון גרוים שמחה האט ער גארנישט געוואוסט, וואס צו טהון; ער האט געלאכט און געוויינט, געטאנצט און געשפרונגען, האט געשריען, זיך געשלאגען אין

האַרצען און איז אין גאַנצען ווי צודולט געוואָרען. עס האָט געדויערט אַ גוטע ווײַלע ביז ראָבינזאָן האָט זיך פון איהם דערשלאָגען אַ פּאָר ווערטער: „מײַן פאָטער!“

ס'איז שווער אײַך צו בעשרײַבען, ליעבע קינדער, די ענטציקונג פון דעם גוטען פרײַטאָג'ן. ער האָט זיך אַ זעץ געטהון אַנידער אויף דר'ערד, האָט זיך פונאַנאַנדערשפּיליעט און האָט אַוועקגעלעגט דעם פאָטערס קאָפּ צו זיך אויפ'ן האַרצען צו דערוואַרעמען איהם; ער האָט איהם געריבען די הענד און די קניה, וועלכע זענען פון די שטריק געוועזען ווי אָבגעחלש'ט. איטליכע ווײַלע איז ער איהם געפאַלען אויפ'ן האַלז, האָט איהם הײַס געקושט און האָט זיך נישט געקענט אָבדײַסען פון איהם. גראָד האָט נאָך ראָבינזאָן געהאַט אַביסעל ווײַן אין פלאַש און ער האָט געהײַסען פרײַטאָג'ן, ער זאָל אויסרײַבען מיט דעם ווײַן זײַן פאָטער די אָבגעחלש'טע גליעדער. אַלײן איז ער אָבגעגאַנגען אָן אַ זײַט, זיי זאָלען קענען פרײַ אויסדריקען זייער פרייד איבער דעם ווידערזעהן.

דערנאָך איז ראָבינזאָן צוגעגאַנגען און האָט געהײַסען פרײַטאָג'ן, ער זאָל געבען דעם פאָטער אַ שטיקעל ברויט.

„דער קונדעס האָט אַלץ אַלײן אויפגעפרעסען!“ האָט געענטפערט פרײַטאָג, אַנווײַזענדיג אויף זיך אַלײן. האָט איהם ראָבינזאָן אָבגעגעבען זײַן אײגענעם פריהשטיק, וואָס ער האָט נאָך געהאַט בײַ זיך. פרײַטאָג האָט עס דערלאַנגט זײַן פאָטער און אין דעמזעלבען אויגענבליק איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון שיפעל און האָט זיך געלאָזט לויפען ווי אַ פײַל פון בויגען. — באַלד איז ער צוריקגעקומען מיט אַ ליײַהמענעם קרוג אין אײן האַנד און ברויט מיט קעז אין דער אַנדערער. ראָבינזאָן האָט גלײַך פערשטאַנען, וואו פרײַטאָג איז געוועזען, און איז שטאַרק איבעראַשט געוואָרען פון זײַן שנעלען צוריקקומען. דאָס וואַסער האָט פרײַטאָג דערלאַנגט זײַן פאָטער, דאָס ברויט מיט קעז אָבער האָט ער געגעבען ראָבינזאָנען, בײַ וועמען ער האָט צוגענומען דאָס פריהשטיק. דאָס פרישע וואַסער האָט קענטיג דעם אַלטען גאָר דערקוויקט, ווײַל ער האָט שיער נישט גע'חלש'ט פון דאָרשט.

איצט איז ראָבינזאָן צוגעגאַנגען צו'ם שפּאַניער, וועלכער איז אויך אָהן כּוחות געלעגען אויסגעצויגען אין גראָז. ער האָט איהם דערלאַנגט אַ טרונק און האָט איהם געגעבען ברויט מיט קעז. דער שפּאַניער האָט עס מיט דאַנקבאַרקײַט צוגענומען. ער האָט געוואָלט אויפשטעהן, אָבער

ער האָט זיך נישט געקענט אַריהר טהון. אַזוי זענען בייא איהם געוועזען געשוואָלען פֿון די שטריק די הענד מיט די פֿיס און האָבען איהם שרעקליך וועה געטהון. פֿרייטאָג האָט זיך געזעצט נעבען איהם און האָט איהם איינגעריבען דעם לייב מיט וויין. ראָבּינזאָן האָט געוואָלט מיט פֿרייטאָג'ן איבערטראָגען דעם שפּאַניער אין שיפֿעל אַריין, אָבער פֿרייטאָג, וועלכער איז געוועזען אַ יונגער גבור, האָט איהם גרינג ווי אַ פֿעדער גענומען אויפֿ'ן פּלייצע און האָט איהם אַליין איבערגעטראָגען אין שיפֿעל אַריין. דעם האַרמאַט און די ביקסען, ווי אויך דאָס געוועהר פֿון די גע'הרג'עטע ווילדע האָבען זיי אַריינגעלעגט אין דאָס צווייטע שיפֿעל. אין דעמזעלבען אויגענבליק איז פֿרייטאָג געשווינד אַריינגעשפּרונגען אין דאָס שיפֿעל, וואו דער שפּאַניער מיט פֿרייטאָג'ס פֿאָטער זענען געלעגען, און האָט זיך אַזוי שנעל אַוועקגעשיפֿט, אַז ראָבּינזאָן האָט איהם קוים געקענט דעריאָגען, לויפֿענדיג מיט'ן ברעג. ראָבּינזאָן איז נאָך נישט געוועזען אויף האַלב וועג, האָט זיך שוין פֿרייטאָג צוריקגעקעהרט נעהמען דאָס אַנדערע שיפֿעל, און איידער ראָבּינזאָן האָט דערגרייכט דעם אָרט, וואו דאָס ערשטע שיפֿעל מיט די קראַנקע האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט זיך שוין פֿרייטאָג צום צווייטען מאָל געקעהרט מיט דעם אַנדער שיפֿעל.

איצט זענען זיי געוועזען אַנטקעגען זייער וואוינונג. עס זאָל זיין לייכטער איבערצוטראָגען די קראַנקע, האָבען זיי געמאַכט פֿון צווייגען אַ טראָג-ביינקעל און האָבען איבערגעטראָגען אין שלאָס אַריין איינעם נאָך דעם אַנדערן דעם שפּאַניער מיט פֿרייטאָגס פֿאָטער. אין דער צייט ווען פֿרייטאָג האָט געמאַכט פֿאַר זיי אַ געלעגער, האָט ראָבּינזאָן אָנגעוואַרימט אַביסעל וויין נאָכאַמאָל אויסצוריייבען זיי די געשוואָלענע גליעדער. נאָכדעם זענען זיי איינגעשלאָפֿען, און ראָבּינזאָן מיט פֿרייטאָג'ן האָבען זיך גענומען מאַכען אָבענדברויט. ראָבּינזאָן האָט אַוועקגעשיקט פֿרייטאָג'ן נאָך אַ לעמעל און אַליין האָט ער זיך פֿערנומען מיט צוגרייטען דעם מאָהלצייט. ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען פֿון אַ שמייכעל; ער האָט אַ קלער געטהון, אַז עס קומט טאַקע אויס, דאָס ער ווערט דאָ טאַקע אַ מין קליינער קיסר. דער אינזעל געהערט צו איהם און די אונטערטאַנען האָבען איהם צו פֿערדאַנקען זייער לעבען און זיי וועלען געוויס פֿאַר איהם אָבגעבען זייער לעבען, ווען מען וואָלט עס דאַרפֿען.

פֿרייטאָג איז צוריקגעקומען, און מען האָט זיך גענומען צו'ם קאָכען און בראָטען. ראָבּינזאָן האָט געזאָגט פֿרייטאָג'ן, מען זאָל עפּעס

הײַנט מאַכעֶן אַ גראָסאַרטיגעֶן מאָהלצײַט, ווײַל הײַנטיגעֶר טאָג איז בײַ זײ אַ צווײַעֶנדיגעֶר יום=טוב: עֶרשטעֶנס האָבּעֶן זײ צווײ מעֶנשעֶן=בּרידעֶר אָבּגעֶראַטעֶוועט פֿון די שאַרפֿעֶ צײַהן פֿון די ווילדעֶ מעֶנשעֶן=פֿרעֶסעֶר, און צווײַטעֶנס, האָבּעֶן זײ אַזאַ גאַסט – פֿרײַטאָגס פֿאָטעֶר. און פֿרײַטאָג איז טאַקעֶ געֶוועֶן דעֶם גאַנצעֶן טאָג ווי אויפֿ'ן זיעבּעֶטעֶן הימעֶל; עֶר האָט גאָרנישט אויפֿגעֶהעֶרט צו זינגעֶן און צו שפּרינגעֶן און צו קוועֶלעֶן.

אַז די צווײ געֶסט האָבּעֶן זיך אויפֿגעֶכאַפּט, האָבּעֶן זײ זיך שוין געֶפֿיהלט אַבּיסעֶל אויסגעֶרוהט און געֶקרעֶפֿטיגט. און ראָבּינזאָן מיט פֿרײַטאָג'ן האָבּעֶן זײ געֶהאָלפֿעֶן זיך זעֶצעֶן צו'ם טיש. דעֶר אַלטעֶר ווילדעֶר איז נישט וועֶניגעֶר געֶוועֶזעֶן פֿעֶרוואונדעֶרט און עֶרשטוינט, ווי זײַן זוהן, בּעֶת עֶר האָט צו'ם עֶרשטעֶן מאָל דעֶרזעֶהן די אײראָפּעֶאישעֶ פֿיהרונג. פֿרײַטאָג איז געֶוועֶזעֶן דעֶר דאָלמעֶטשעֶר צווישעֶן ראָבּינזאָנעֶן פֿון אײן זײַט און זײַן פֿאָטעֶר מיט'ן שפּאַניעֶר – פֿון דעֶר אַנדעֶרעֶר. דעֶר שפּאַניעֶר, וואָס האָט שוין אַ האַלבּ יאָהר פֿעֶרבּראַכט בּײַ די ווילדעֶ, האָט שוין אַ בּיסעֶל פֿעֶרשטאַנעֶן די שפּראַך פֿון פֿרײַטאָג'ס לאַנד, און האָט דעֶריבּעֶר געֶקעֶנט זיך אַ בּיסעֶל צונויפֿרײַדעֶן אויף איהר, אָט וואָס עֶר האָט דעֶרצעֶהלט.

„אונזעֶר שיף האָט געֶפֿיהרט אַ האַנדעֶל מיט שקלאַפֿעֶן. זי איז געֶגאַנגעֶן פֿון אַפֿריקאַנישעֶן בּרעֶג, וואו מיר האָבּעֶן פֿעֶרשידעֶנעֶ אײראָפּעֶאישעֶ זאַכעֶן אויסגעֶבּיטעֶן אויף גאָלד, העֶלפֿאַנד=בּײן און שוואַרצעֶ מעֶנשעֶן, די דאָזיגעֶ שוואַרצעֶ, וועֶלכעֶ מיר האָבּעֶן געֶהאַט אויפֿ'ן שיף אַ מאַן הונדעֶרט, האָבּעֶן מיר געֶפֿיהרט קײן בּאַרבּאַדאָס זײ דאָרטעֶן צו פֿעֶרקויפֿעֶן. צוואַנציג פֿון זײ זעֶנעֶן אָבּעֶר דעֶרשטיקט געֶוואָרעֶן, ווײַל זײ זעֶנעֶן געֶוועֶן אײַנגעֶפּאַקט ווי העֶרינג. אַ גוואַלדיגעֶר שטורם האָט אונז פֿעֶרשלאָגעֶן פֿון אונזעֶר וועֶג צו'ם בּרעֶג פֿון בּ ר אַ ז י ל י עֶ ן. אַזוי ווי אונזעֶר שיף איז אַבּיסעֶל צושעֶדיגט געֶוואָרעֶן, האָבּעֶן מיר געֶהאַט מורא זיך צו לאָזעֶן אין אָפֿעֶנעֶם ים אַרײַן און האָבּעֶן זיך געֶהאַלטעֶן בּײַ'ם בּרעֶג. דאָ איז אָבּעֶר פּלוצלונג אָנגעֶקומעֶן אַ נײַעֶר שטורימווינד, וואָס האָט געֶבּלאָזעֶן פֿון מערב=זײַט. עֶר האָט אונז פֿעֶרטריבּעֶן פֿון בּרעֶג בּײַ וועֶלכעֶן מיר האָבּעֶן זיך געֶהאַלטעֶן, און האָט אונז בּײַנאַכט פֿעֶרשלאָגעֶן צווישעֶן פֿעֶלזעֶן, נישט ווײַט פֿון אַנ'אינזעֶל. מיר האָבּעֶן אויסגעֶשאָסעֶן פֿון האַרמאַטעֶן און געֶגעֶבּעֶן צו וויסעֶן, אַז מיר געֶפֿינעֶן זיך אין געֶפֿאַהר. דאָך האָבּעֶן מיר בּעֶשלאָסעֶן צו בּלײַבּעֶן אויף דעֶר שיף, בּיז וואַנעֶן מעֶן

וועט נאָר קענען אויסהאַלטען. מיר האָבען פונאַנדערגעבונדען די שוואַרצע זיי זאָלען אונז העלפען אויספּאָמפּען דאָס וואַסער פון שיף. אָבער ווי נאָר זיי האָבען זיך געשטעלט אויף די פיס, האָבען זיי פערחאַפּט די שיפלעך, צו ראַטעווען זייער פריַיהייַט און לעבען.

וואָס האָבען מיר דאַן געזאָלט טהון? זיך שטעלען געגען זיי האָבען מיר נישט געקענט—אונזערע איז געוועזען פופצעהן מאַן, זייערע—אַכציג, בפרט נאָך, אַז אַ סך פון זיי האָבען פערהאַפּט אונזער געוועהר. בלייַבען אָהן אַ שיפעל אין מיטען ים אויף אַ צושעדיגטער שיף—איז געוועזען אַ זיכערער טויט, האָבען מיר זיך געווענדט צו די ווילדע, וואָס זענען מיט אַ וויילע פריהער געוועזען אונזערע קנעכט, מיט תחנונים און געבעט, אַז זיי זאָלען אָדער מיט אונז בלייַבען און העלפען אויספּומפּען דאָס וואַסער פון שיף אָדער זיי זאָלען אונז חאָטש מיטנעהמען. און דאָ מוז איך אייַך זאָגען, אַז מען מוז בעוואונדערן זייער גוטהערציגקייַט און מענשליכקייַט. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיר זענען זיך מיט זיי בעגאַנגען אַכזריות'דיג, האָבען זיי דאָך אויף אונז געהאַט רחמנות און האָבען אונז ערלויבט מיטצופאָהרען מיט זיי, מיט'ן תנאי, אַז מיר זאָלען נישט מיטנעהמען קיין געוועהר. מיר האָבען דאָך געמוזט אייַנשטימען, און מיר האָבען אייַנגעשטימט און אַרייַנגעשפּרונגען אין די שיפלעך, וועלכע זענען געוועזען אַזוי אָנגעפּאַקט, אַז יעדע רגע האָבען זיי געקענט אונטערגעהן.

„מיר האָבען מיט אַלע כוחות געטריבען די שיפלעך צו'ם אינזעל, וואָס האָט זיך געזעהן פון דער-וויַיטענס. אָבער פלוצלונג האָט דער ווינד גענומען וועהען אין אַן'אַנדער זייַט און האָט אונז פערטריבען אין אָפּענעם ים אַרייַן, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיר האָבען גערודערט מיט אַלע כחות. מיר זענען שוין געוועזען אויף אַ האָאָר פון טויט. אָבער גאָט האָט אונז געהאָלפען. חאָטש די פול געפּאַקטע שיפלעך האָבען זיך געשאָקעלט און געוויגט פון די מורא'דיגע חוואַליעס און האָבען אונז שיער אין אָבגרונד נישט פערשלייַדערט, זענען מיר דאָך אַלע בשלום צוגעשטאַנען צו אַ ברעג פון אַן'אונבעקאַנטען אינזעל. די אָרימע אייַנוואוינער פון דעם דאָזיגען אינזעל האָבען אונז אויפגענומען זעהר פריַינדליך.

„מיר האָבען דאָרט אָבגעלעבט בייַ אַ האַלב יאָהר צייַט, גלייַך מיט די אייַנוואוינער, וועלכע לעבען דאָרט אויך זעהר אָרים, וויַיל זייער

גאַנצֶעס לֶעבֶּענסמִיטֶעל בֶּעשְׁטֶעהט פוּן פִישׁ, וואָס זֵייא חַאפֶּען, אוּן פוּן בִּיסֶעל פְרוּכְט, וואָס וואַקסט אוֹיפ׳ן אִינְזֶעל.

„מִיט אַ פָּאָר טֶעג צוּרִיק אִיז דֶעם אִינְזֶעל בֶּעפַאלֶען אַ ווִילְדֶער שֵׁבט פוּן אַ נאָהֶענטֶען אִינְזֶעל אוּן ס׳הָאט זִיךְ אָנגֶעהוֹיבֶּען אַ מלחמה. אַלֶע הָאָבֶּען זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ׳ם גֶעווֶעהר. אוּן דאָ הָאבֶּען מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט בְּלַייבֶּען אָן אַ זַייט אוּן נִישְׁט הֶעלְפֶען אוּנְזֶערֶע גַאסְטְפְרַיינְדְלִיכֶע רֶעטֶער. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁלָאגֶען נֶעבֶּען דֶעם דאָזִיגֶען עֶהרְלִיכֶען אַלְטֶען מַאן, וואָס הָאט גֶעקֶעמְפְּפְט ווִי אַ לֵייבּ, בֵּיי ווֶעלְכֶען מֶען רוֹיבְּט אַוועק זַיינֶע יוּנְגֶע לֵייבֶּען, אוּן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין רֶעכְטֶען פַייֶער פוּן שְׁלַאכְט. ווֶען אִיךְ הָאבּ דֶערְזֶעהן, אַז דֶער פַיינְד הָאט אִיהם אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט פוּן אַלֶע זַייטֶען, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַ לָאז גֶעטְהוּן אִיהם צוּ הִילְף אוּן בִּין מִיט אִיהם צוּזאַמֶען אַרַיינְגֶעפַאלֶען צוּ׳ם שׂוֹנא אִין דִי הֶענְד.

„צְווֵייא טֶעג אוּן צְווֵייא נֶעכְט הָאבֶּען מִיר זִיךְ גֶעמַאטֶערְט בֵּיי דִי ווִילְדֶע מֶערְדֶער אִין גֶעפַאנְגֶענְשַׁאפְט, מִיט גֶעבּוּנְדֶענֶע הֶענְד אוּן פִים. צוּ׳ם עֶסֶען הָאט מֶען אוּנְז צוּגֶעווָארְפֶען פוֹילֶע פִישׁ, וואָס דֶער יָם הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפִּיגֶען, אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע צְווֵייא טֶעג הָאבֶּען מִיר גָארְנִישְׁט אִין מוֹיל גֶעהַאט.

„הַיינְט אִין דֶערְפְרִיה, ווִי ס׳אִיז נָאר טָאג גֶעוואָרֶען, הָאט מֶען אוּנְז אַרַיינְגֶעווָארְפֶען אִין דִי שִׁיפְלֶעךְ אוּן גֶעבְּרַאכְט אַהֶער אוֹיפ׳ן אִינְזֶעל צוּ קוֹילֶענֶען אוּנְז אוּן מַאכֶען פוּן אוּנְזֶער פְלֵייש זֵייעֶר שְׁרֶעקְלִיכֶען מָאהְלְצַייט. אוּן דאָ הָאט גָאט אוּנְז גֶעווִיזֶען זַיין גְרוֹיסֶען חסד אוּן עֶר הָאט אַייךְ גֶעשִׁיקְט אוּנְז צוּ רַאטֶעווֶען. אוּן דָאס ווֶעלֶען מִיר קֵיינְמָאל, קֵיינְמָאל נִישְׁט פֶערְגֶעסֶען".

דֶער שְׁפַּאנִיעֶר אִיז אַנְטְשְׁווִיגֶען גֶעוואָרֶען. הֵייסֶע טְרֶעהְרֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעקַייקֶעלְט אִיבֶּער זַיינֶע בַּאקֶען. רָאבִּינְזָאן, ווֶעלְכֶער הָאט אַ ווָארְט נִישְׁט דוּרְכְגֶעלָאזְט פוּן דֶעם שְׁפַּאנִיעֶרְס עֶרְצֶעהְלוּנְג, הָאט אוֹיךְ מִיט טְרֶעהְרֶען אִין דִי אוֹיגֶען גֶעדַאנְקְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶען פַאר דָאס גְרוֹיסֶע ווְאוּנְדֶער, וואָס עֶר הָאט מִיט זֵייא בֶּעווִיזֶען. אוֹיךְ הָאט עֶר פֶערְשְׁטַאנֶען פוּן דֶעם שְׁפַּאנִיעֶרְס עֶרְצֶעהְלוּנְג, אַז זַיין הַשערה ווֶעגֶען דֶער פֶערְלָארֶענֶער שִׁיף אִיז גֶעווֶעזֶען רִיכְטִיג. עֶר הָאט אִיהם גֶעפְרֶעגְט, ווֶער אִיז אַייגֶענְטְלִיךְ גֶעווֶעזֶען דֶער בַּעל־הַבַּית פוּן דֶער שִׁיף. דֶער שְׁפַּאנִיעֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז דִי שִׁיף הָאט גֶעהֶערְט צוּ צְווֵייא סוֹחרים, אוּן אִיז אָנְגֶעלָאדֶען גֶעוואָרֶען אִין קַאדִיקְס, אָבֶּער אֵיינֶער פוּן זֵייא הָאט גֶעפִיהרְט דֶעם

שקלאַפֿענהאַנדעל; דער אַנדערער איז געוועזען געגען דעם דאָזיגען אונ־מענשליכען האַנדעל און האָט געהאַנדעלט מיט גאָלד.

בּיי די לעצטע ווערטער פֿון דעם שפּאַניער, האָט איהם ראָבּינזאָן אַנגענומען פֿאַר'ן האַנד און אַוועקגעפֿיהרט, וואו ס'איז געלעגען דאָס נויטיגסטע און טייערסטע, וואָס זיי האָבּען געבּראַכט פֿון שיף. פֿרייטאָג האָט דערצעהלט דעם שפּאַניער די גאַנצע געשיכטע פֿון ראָבּינזאָנען, וואָס האָט מיט איהם פּאַסירט, און דער שפּאַניער האָט פֿון גרויס פֿער־וואונדערונג אַ וואָרט נישט געקענט אויסריידען.

ראָבּינזאָן האָט זיך אויך דערוואוסט פֿון דעם שפּאַניער, אַז די די־מענטען מיט די אָפֿיצירען־קליידער, וואָס ער האָט געפֿונען אויפֿ'ן שיף, האָבּען געהערט אַ'ענגלישען אָפֿיציר, וועלכער האָט לאַנג פֿערבּראַכט אין אָסטאינדיען. אַז ער איז צוריק געפֿאָהרען קיין ענגלאַנד, איז ער אויפֿ'ן שיף קראַנק געוואָרען און ער האָט געבּעטען, מען זאָל איהם אַראָבּזעצען אויפֿ'ן אַפֿריקאַנישען בּרעג, דאָרט איז ער געשטאָרבּען. די שפּאַנישע שיף האָט מיטגענומען זיינע זאַכען און די דימענטען קיין בּאַרבּאַדאָס, כּדי עס בּריינגען קיין ענגלאַנד, אַז זי וועט זיך צוריקקעהרען. ראָבּינזאָן האָט בּעוויזען דעם שפּאַניער אַלע פּאַפּירען, וואָס ער האָט פֿון שיף געראַטעוועט, און דער שפּאַניער האָט גלייך געפֿונען דעם נאָמען פֿון דעם פֿערשטאָרבּענעם אָפֿיציר און אויך דעם נאָמען פֿון זיין אַלמנה, וועלכער מען האָט די זאַכען מיט די דימענטען געדאַרפֿט אָבּגעבּען. פֿון איצט אָן האָט ראָבּינזאָן אָנגעהויבּען צו היטען די דימענטען מיט דעם גאָלד און די פּאַפּירען, ווי אַ היילינגטום.

אויף מאָרגען אין דער פֿריה האָט ראָבּינזאָן געמאַכט אַ'אַסיפֿה, אויף וועלכער ס'איז בּעשלאָסען געוואָרען גלייך צו נעהמען זיך מיט פֿער־אייניגטע קרעפֿטען צו אַ'אַרבּייט, וואָס מען האָט נישט געקענט אָבּלע־גען. די טויטע קערפּער פֿון די גע'הרג'עטע זענען נאָך געלעגען אויפֿ'ן שלאַכט־פֿעלד און האָבּען געקענט פֿערדאַרבּען די לופֿט, ווען מען זאָל זיי ווייטער לאָזען ליגען. זיי האָבּען גענומען העק און זענען אַוועק אויפֿ'ן שלאַכט־פֿעלד, האָבּען אָנגעהאַקט האָלץ און האָבּען פֿונאַנדערגע־לעגט אַ גרויס פֿייער, אויף וועלכען זיי האָבּען פֿערבּרענט די טויטע קערפּער.

פֿרייטאָג האָט דערווייַלע דערצעהלט זיין פֿאָטער, אַז אַזוינע מענ־שען, ווי ראָבּינזאָן, עסען נישט קיין מענשליך פֿלייש, און ווי שענדליך

דאָס איז צו טהון, ווען אַפילו דער מענש זאָל דער גרעסטער שונא זיין. ער האָט עס איהם אַזוי גוט אויפגעגעבען, אַז ביי זיין אַלטען פֿאָטער איז אויסגעקומען גאָר אַ וואונדער, וואָס ער האָט עס פֿריהער נישט פֿערשטאַנען און געטהון. אַזוי ווי דער פֿאָטער איז דאָך עלטער פֿאַר'ן זוהן, האָט ראָבינזאָן אַ נאָמען געגעבען פֿרייטאָג'ס פֿאָטער „דאָנערשטאָג", און אַזוי וועלען מיר איהם אויך רופֿען.

דערנאָך האָט ראָבינזאָן ווידער צונויפגערופֿען אַנ'אַסיפה, אויף וועלכער פֿרייטאָג האָט ווייטער געמוזט זיין אַ דאָלמעטשער. ראָבינזאָן אַליין, אַלס דער הויפּטמאַן פֿון אינזעל, האָט געעפֿענט די זיצונג מיט פֿאָלגענדע רעדע: „מיינע גוטע פֿריינד! מיר האָבען איצט אַלץ, וואָס עס איז נאָר נויטיג אויף צו פֿיהרען אַ רוהיגען צופֿרידענעם לעבען. איך אָבער פֿון מיין זייט קען נישט געניסען מיט אַ רוהיגען האַרצען פֿון די אַלע זאַכען, ווייסענדיג, אַז די מענשען, וואָס האָבען אויף זיי מעהר רעכט, זענען אין עלענד און אין נויט. דאָס מיין איך, — האָט ער זיך געווענדט צו'ם שפּאַניער — אייערע לאַנדסלייט, וועלכע זענען צו די ווילדע פֿערוואָרפֿען געוואָרען. דעריבער פֿערלאַנג איך, אַז מיר זאָלען אַלע צוזאַמען געפֿינען עפּעס אַ גוט מיטעל, ווי אַזוי מען זאָל קענען אַהער אַריבערנעהמען די ליידענדע, וואָס וואַלגערן זיך ביי די ווילדע."

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען און האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט יעדערנס מיינונג. דער שפּאַניער האָט פֿאָרגעלעגט, אַז ער וועט אַליין אַריבערפֿאָהרען אויף אַ שיפֿעל, וואָס איז געבליבען פֿון די ווילדע, צו זיינע אָרימע ברידער און וועט זיי אַראָפּבריינגען. דאָנערשטאָג איז אויך געווען דערפֿאַר. און ס'איז געבליבען, אַז זיי זאָלען ביידע אַהין אַריבערפֿאָהרען. פֿריהער אָבער האָט מען בעדאַרפֿט פֿערזייהען מעהר פֿעלד מיט קאָרן, עס זאָל גענוג זיין ברויט פֿאַר די אַלע, וואָס וועלען קומען.

איידער דער שפּאַניער איז אָבגעפֿאָהרען, האָט ער אויפמערקזאַם געמאַכט ראָבינזאָנען, אַז די, וואָס ער פֿאָהרט אַראָפּבריינגען, זענען מענשען פּראָסטע, נישט קיין געבילדעטע, נישט קיין ערצויגענע, און ער קען זיי נישט אויף אַזוי פֿיעל, ער זאָל ערב זיין פֿאַר זייער עהרליכקייט, הגם ער איז אויך געוועזען מיט זיי צוזאַמען אַ מאַטראָס אויף דער שיף. דעריבער איז זיין עצה, אַז ראָבינזאָן, אַלס בעל־הבית פֿון

אינזעל, זאָל זיי שטעלען געוויסע בעדינגונגען, אויף וועלכע ער איז גרייט זיי צוצונעהמען צו זיך אויפ'ן אינזעל.

ראָבּינזאָן האָט דערזעהן, וואָס פאַר אַן'ערליכער מאַן דער שפּאַני־יער איז, וואָס פאַר אַ טרייער פריינד, און האָט איהם זעהר געדאַנקט פאַר זיין קלוגע עצה. ער האָט איהם געפאָלגט און האָט אויסגעשטעלט פאָלגענדע בעדינגונגען:

„ווער עס וויל וואוינען אויף ראָבּינזאָנס אינזעל און געניסען פון אַלץ, וואָס ער פערמאָגט, מוז:

1. ערפילען דעם ווילען פון דעם געזעצליכען בעל־הבית פון אינזעל און אַלע געזעצען און בעפעהלען, וואָס ער וועט געפינען פאַר נויטיג אַרויסצוגעבען פאַר דער בעפעלקערונג פון אינזעל;

2. פלייסיג אַרבּייטען און גוט זיך אויפפיהרען, וויל פאַר קיין פוילער, ליידיגגעהער און בכלל פאַר מענשען, וואָס האָ־בען ליעב צו זיצען אויף יענעם'ס קאַרק וועט נישט זיין קיין אָרט אויפ'ן אינזעל;

3. לעבען אין שלום, זיך נישט קריגען צווישען זיך און טאָ־מער בעליידיגט ווער זיין חבר, זאָל ער איהם אַליין נישט משפט'ן, נאָר דער האַר פון אינזעל;

4. געהאָרכזאַם אויספיהרען אַלע אַרבּייטען, וואָס זענען נויטיג פאַר דער געזעלשאַפט, און אין אַנ'נויט איינשטעלען דאָס לעבען פאַר'ן האַר פון אינזעל און פאַר דער געזעלשאַפט;

5. טאָמער וועט ווער וואַגען איבּערצוטרעטען די געזעצען, וועט מען איהם אַפריהער מתרה זיין, און אַז ער וועט פאָרט נישט פאָלגען, וועט ער אַרויסגעשיקט ווערען פון אינזעל.

זאָל זיך יעדערער גוט איבּערלעגען אַפריהער און זיך ערשט דאַן

אונטערשרייבען אונטער די דאָזיגע פונקטען, ווען ער וועט אינ־
גאנצען מסכים זיין אויף זיי.

ראָבינזאָן."

דער שפּאניער האט אפריהער געמוזט עס איבערזעצען אין זיין לאנדס־
שפּראך, און ס'איז געווען בעשלאָסען, ער זאָל מיט זיך נעהמען טינט
און פעדער, זיינע לאנדסלייט זאָלען זיך אונטערשרייבען, אז זיי זענען
מסכים.

באלד דערנאָך האָבען אונזערע רייזענדער זיך זעהר הערצליך צו־
זעגענט מיט ראָבינזאָנען און פרייטאָג'ן, זענען אריין אין דאָס בעסטערע
שיפעל און האָבען אנגעשטעלט דעם זעגעל. ביי א גוטען ווינד איז דאָס
שיפעל אָבגעשוואומען פון ברעג. לאנג איז פרייטאָג געשטאנען אויפ'ן
ברעג און האָט מיט אומעטיגע בליקען בעגלייט זיין געליעבטען פאָטער.
א גליקליכע רייזע!

צוועלפטעס קאַפּיטעל.

עס איז אָנגעקומען אַנ'אייראָפּעאישע שיף. ראָבינזאָן קומט צו הילף דעם קאַפּיטאַן פון שיף און שטילט איין דעם בונט. צוויי שפּאַניער מאַכט ער פאַר די בעל-הבתים פון אינזעל. ראָבינזאָן פאָהרט צוריק קיין אייראָפּאַ.

אַכט טעג זענען שוין אַריבער און דער שפּאַניער מיט דאָנערשטאָג'ן זענען נאָך נישט צוריקגעקומען. צוואַנציג מאָל אַ טאָג פלעגט פרייטאָג לויפען אויף די בערג זעהן, אפשר ווייזט זיך אויפ'ן ים אַ שיפעל. ער האָט אויסגעקוקט זיינע אויגען, און איטליכס מאָל איז ער מיט גרויס עגמת-נפש אַהיים געגאַנגען. איינמאָל אין דערפריה איז ראָבינזאָן געווען פערנומען אין שטוב. פרייטאָג איז ווי געוועהנליך אַוועק זעהן, אפשר קומט אָן דאָס שיפעל מיט זיין פאָטער. פּלוצלונג איז ער געקומען צולויפען מיט אַ ווילדער שמחה און מיט אַ געשריי: „זיי פאָהרען, זיי פאָהרען!“

ראבינזאנען האט די דאזיגע בשורה אויך זעהר דערפרעהט. ער האט גלייך געחאפט די שפאקטיווע און איז אוועקגעלאפען אויפ'ן ברעג. דא האט ער פון דערווייטענס טאקע דערזעהן, אז עפעס א שיפעל געהט אויף אנגעשטעלטע זעגלען צו'ם ברעג. אבער אז ער האט א קוק געטהון דורך דער שפאקטיווע, האט ער מיט צווייפעל א שאקעל געטהון מיט'ן קאפ און האט געזאגט: „איך האב מורא, פרייטאג, אז דאס איז נישט אונזער שיפעל". פרייטאג איז בלאס געווארען. ראבינזאן האט נאכאמאל א קוק געטהון אין שפאקטיווע און איז געווארען נאך אומרוהיגער. איצט האט ער שוין געזעהן אויף זיכער, אז דאס איז נישט זייער שיפעל, נאר עפעס א גרויסע ענגלישע שלופקע. ער האט ווייטער א קוק געטהון דורך דער שפאקטיווע און האט געזאגט פרייטאג'ן, אז אויפ'ן שיפעל פאהרען בעוואפענטע מענשען און, דאכט זיך, ענגלענדער. פרייטאג איז געשטאנען און האט זיך געטרייסעלט מיט אלע גליעדער. „קום!" האט איהם ראבינזאן אוועקגערופען פרייטאג'ן אויף אנ'אנדער בארג, פון וואנען מען האט געקענט זעהן דעם צפון-ברעג. ווי נאר זיי זענען ארויף אויפ'ן בארג, האבען זיי דערזעהן נישט ווייט פון ברעג א גאנץ גרויסע שיף, וואס איז געווען פעראנקערט.

מיט א געפיהל פון פערוואונדערונג, מורא און פרייד, האט ער געקוקט אויף די פון ווייט אנגעקומענע שיף. א פרייד, אפשר וועט איהם די דאזיגע שיף אויסלייזען און איהם ברייננגען צו זיין אזוי לאנג פערלאזענער היים, צו זיינע עלטערן, וואס ער האט זיי קיינמאל נישט געקענט פערגעסען. א געפיהל פון פערוואונדערונג און מורא — וואס טהוט דא און דארף דא די דאזיגע שיף, ווי קומט זי אהער? קיין שטורם האט זי נישט פערווארפען — שוין לאנגע וואכען האט קיין שטורם נישט געברויזט. דער וועג פון דער שיף האט אויך נישט געקענט פיהרען פארביי דעם אינזעל, ווייל וואס קען דא טהון אנ'ענגלישע שיף? קיין קאלאניעס איז דא נישטא און מיט וועמען צו פיהרען א האנדעל אויך נישט — און ער האט מורא, אז דאס מוזען אודאי זיין ים-גזלנים.

זיי זענען געווען געקליידט ווי ענגלענדער, אבער ווער ווייס, אפשר האבען זיי בע'גזל'ט אנ'ענגלישע שיף און זיך אנגעטהון אין די קליידער פון די בערויבטע. וועגען זיינע השערות האט ער דערצעהלט פרייטאג'ן און איז מיט איהם אוועק ווייטער זעהן, וואס די אנקומענדע וועלען טהון.

זײ זענען אַרויף אויף אַ באַרג, האָבען זיך בעהאַלטען צווישען די בוימער, פון וואַנען זײ האָבען אַלץ געקענט זעהן. דאָ האָבען זײ דערזעהן, אַז די שלופּקע, אין וועלכער עס זענען געוועזען עלף מאַן, איז נישט ווײַט פון זײ צוגעשטאַנען צו'ם ברעג און פון איהר זענען אַרויס אַלט בעוואָפענטע מענשען. די איבּריגע דרײַ זענען געווען געבונדען. נאָר אַרויסגעהענדיג אויפ'ן ברעג, האָט מען זײ גלײַך פונאַנדער געבונדען. דאָ איז אײנער פון די דרײַ אַנידערגעפאַלען פאַר די בעוואָפענטע און נאָך זײַנע בעוועגונגען האָט מען געקענט פערשטעהן, אַז ער בעט וועגען ערבאַרימען. די אַנדערע צוויי האָבען אויפגעהויבען די הענד צום הימעל, גלײַך ווי זײ וואָלטען בעטען גאָט, ער זאָל זײ ווײַזען אַ נס און זײ מציל זײַן.

מיט אימה האָט ראָבינזאָן געקוקט, ווי עטליכע מאָל האָט אײנער פון די בעוואָפענטע זיך פערמאָסטען אויף דעם, וואָס איז אויף דר'ערד געלעגען און האָט געבעטען וועגען ערבאַרימען. מיט אַמאָל האָט ער דערזעהן, אַז די דרײַ געפאַנגענע האָט מען אָבגעלאָזען און די בעוואָפענטע האָבען זיך צוזייהט איבער'ן וואַלד.

די אַלע דרײַ מענשען האָבען זיך אַנידערגעזעצט אויף דר'ערד. אויף זײערע פּנים'ער האָט מען געקענט לעזען די העכסטע מדרגה פון פערצווייפלונג. ראָבינזאָן האָט בעשלאָסען, עס מעג זײַן וואָס עס וויל, וועט ער דערגעהן, ווער די אומגליקליכע זענען און וועט זײ זעהן מיט אַלע כּוחות צו ראַטעווען. פרײַטאָג'ן האָט ער גלײַך אַוועקגעשיקט אַהײם, ער זאָל ברײַנגען ביקסען, פּיסטאָלעטען, שווערדען, פולווער און קוילען, וויפיעל ער וועט נאָר קענען פערטראָגען.

ראָבינזאָן אַלײן איז געבליבען אַכטונג געבען, וואָס דאָ וועט ווײַטער זײַן. אַז פרײַטאָג איז צוריקגעקומען מיט'ן געוועהר, האָט ראָבינזאָן דערזעהן, אַז די בעוואָפענטע שיפסלײַט, אַרומדרעהענדיג זיך אַ צײַט אין וואַלד, האָבען אויסגעזוכט אַ שאָטען און האָבען זיך צולעגט, דער דאָ, דער דאָרטען, אונטער די בוימער צו בעהאַלטען זיך פון דער בײַטאָגיגער היץ. עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט און זײ זענען אַלע אײַנגעשלאָפען. פאַר ראָבינזאָנען איז דאָס געוועזען ווי געוואונשען; ער האָט אָבגעוואַרט בײַ אַ פיערטעל שעה, האָט זיך געמאַכט מוטה און איז צוגעגאַנגען צו די דרײַ, וואָס זענען נאָך אַלץ געזעסען אויפ'ן זעלביגען אָרט. זײ זענען געזעסען מיט'ן פּלײצע צו ראָבינזאָנען, און אַז ראָבינזאָן האָט זײ געפרעגט:

„ווער זייט איהר?" זענען זיי געוואָרען אַזוי צו שראַקען, גלייך ווי אַ דו־נער וואָלט זיי געטראָפען.

זיי זענען אויפגעשפּרונגען מיט אַזאַ אימפּעט, אַזוי ווי זיי וואָלטען וועלען אַלע צופליהען. ראָבינזאָן האָט זיי אָבער בערוהיגט, האָט זיי גע־בעטען, זיי זאָלען זיך פאַר איהם נישט שרעקען און האָט זיי פערזיכערט, אַז ער איז געקומען זיי ראַטעווען.

— זענט איהר דאַך פון גאָט געשיקט! — האָט געזאָגט איינער און האָט זיך מיט רעספּעקט פאַר איהם פערנייגט.

— יעדע הילף שיקט צו גאָט — האָט געענטפערט ראָבינזאָן, — אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, אין וואָס בעשטעהט אייער נויט און מיט וואָס קען איך אייך העלפען?

— איך בין דער קאַפּיטאַן פון דער שיף, — האָט געזאָגט דער זעל־בער, — אָט דער, — האָט ער אָנגעוויזען אויף איינעם, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם, — איז געוועזען מיין זעגעלמייסטער און דער — ער האָט אָנגע־וויזען אויף'ן דריטען — איז אַ רייזענדער. האָבען זיך די מאַטראָסען צוזונ־טעוועט און האָבען פערכאַפּט די שיף. מיך און די צוויי ערהרליכע לייט, וואָס האָבען זיך פאַר מיר אָנגענומען, האָבען זיי געוואָלט דער'הרג'ענען. דערנאָך איז ביי זיי געבליבען, אַז זיי וועלען אונז לאָזען לעבען. אָבער דער דאָזיגער חסד איז פאַר אונז נאָך ערגער ווי דער טויט, ווייל זיי האָבען אונז אַראָבגעזעצט אויף דעם דאָזיגען וויסטען אינזעל, וואו מיר וועלען מוזען אויסגעהן פאַר עלענד און נויט.

— צוויי זאַכען פאָדער איך פון אייך, — האָט געזאָגט ראָבינזאָן, — ווען איהר איינשטימען, וועל איך אייך ראַטען.

— וואָס פאַר אַ בעדינגונגען, גוטער מענש, פערלאַנגט איהר פון אונז, — האָט געפרעגט דער קאַפּיטאַן.

— כל־זמן איהר פערבלייבט אויף'ן אינזעל, מוזט איהר אינגאַנצען ערפילען מיין ווילען, און טאָמער וועל איך אייך העלפען אָבצונעהמען די שיף צוריק, מוזט איהר מיך מיט מיין חבר אויך ברייננגען קיין ענג־לאַנד, — האָט געענטפערט ראָבינזאָן.

— מיר, די שיף און אַלץ, וואָס אויף איהר געפינט זיך — האָט גע־זאָגט דער קאַפּיטאַן — איז אין אייער רשות.

— נו, — האָט געזאָגט ראָבינזאָן, — זאָל יעדערער פון אייך נעהמען אַ ביקס מיט אַ שווערד. דערווייל טהוט דערמיט גאָרנישט. אייערע

פֿײַניגער ליעגען איצט צעװאָרפֿען אין װאַלד און שלאָפֿען געשמאַק. געשװינד! אַפֿריהער װעלען מיר פּרובען זײ אַרעסטירען נישט פֿערגיסענדיג קײן בלוט.

זײ זענען אַלע אַװעק. פֿרײַטאָג האָט געמוזט מיטנעהמען די שטריק, מיט װעלכע די דרײַ זענען געװעזען געבונדען. זײ זענען צוגעגאַנגען צו דעם ערשטען, װאָס איז געלעגען מיט׳ן פּנים אַראָב און שטאַרק געחראָפּעט. זײ האָבען איהם געבונדען הענד און פֿיס, אײדער ער האָט זיך נאָך אױפֿגעכאַפּט, דאָס מױל האָבען זײ איהם פֿערשטאָפּט מיט אַ טיכעל און איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך נישט ריהרען פֿון אָרט, אַניט װעט מען איהם גלײַך דערשיסען. אַזױ האָט מען געטהון דעם אַנדערן, דעם דריטען, דעם פֿירטען, — קורץ, מען האָט זעקס פֿון זײ געבונדען און געלאָזט ליעגען אױף דער ערד.

נאָר פֿלוצלונג האָבען זיך די לעצטע צװײ אױפֿגעכאַפּט און, דערזעהענדיג, װאָס דאָ טהוט זיך, זיך גלײַך אַ חאַפּ געטהון צו׳ם געװעהר.

— נידערטרעכטיגע! — האָט אַ דונער געטהון ראָבינזאָנס שטים, — איהר זעהט נישט, אַז מיר זענען שטאַרקער פֿון אײַך? גיט נאָר אַ קוק װי אײַערע חברים ליעגען געבונדען אױף דער ערד. שנעל װאַרפֿט אַװעק דאָס געװעהר, אױב נישט בעצאָהלט איהר מיט אײַערע קעפּ.

זײ האָבען שנעל אַװעקגעװאָרפֿען דאָס געװעהר, זענען געפֿאַלען דעם קאַפּיטאַן צו די פֿיס און האָבען איהם אָנגעהױבען בעטען, ער זאָל זיך איבער זײ דערבאַרימען. מע׳ז האָט זײ געבונדען, װי די איבריגע און מען האָט זײ אַלעמען אַװעקגעפֿיהרט אין אַ נײַ־ענטדעקטע הײהל, װאו מען האָט זײ אַלעמען פֿערזעצט. דערבײַ האָט מען זײ מתרה געװעזען, אַז דער ערשטער, װאָס װעט זיך פּרובען אַנטלױפֿען, װעט דערשאָסען װערען אױפֿ׳ן אָרט. די מעסערס האָט מען בײַ זײ, פֿון זיכערקײַט װעגען, אױך צוגענומען. בײַ דער הילצערנער טיר פֿון דער הײהל האָט מען געלאָזען אַ שומר.

דערנאָך זענען אַלע אַװעק צו דער שלופּקע. מען האָט זי אַרױסגעשלעפּט אױפֿ׳ן ברעג און געמאַכט אין איהר אַ לאָך כּדי די אַכט געפֿאַנגענע זאָלען אױף איהר נישט קענען אַנטלױפֿען, אױב זײ װעט זיך אױפֿ׳ן טױזענדסטען פֿאַל אײַנגעבען צו בעפֿרײַען זיך פֿון זײער געפֿענגעניש.

אַ זײגער דרײַ בײַטאָג האָט מען פֿון שיף געשאָסען פֿון אַ האַרמאַט כּדי צו לאָזען װיסען די מאַטראָסען, װאָס האָבען זיך געפֿונען אױפֿ׳ן

אינזעל, אַז ס'איז שוין צײַט, זײַ זאָלען זיך צוריקקעהרען. און אַז נאָך דרײַ סיגנאַלען האָט זי נישט בעקומען קײן ענטפֿער, איז פֿון שיף אָבגעשוואומען נאָך אַ שיפֿעל צו'ם אינזעל. ראָבינזאָן מיט זײַנע חברים זענען ווידער אַרויף אויפ'ן באַרג, צו זעהן, וואָס די שיפֿסלײַט וועלען פֿאָרנעהמען, און זיך צו מישב זײַן, וואָס צו טהון ווײַטער.

דאָס צווייטע שיפֿעל מיט צעהן מאַטראָסען איז דערווײַלע צוגעשוואומען צו'ם אינזעל. אַז זײַ האָבען בעמערקט די צולעכערטע שלופּקע, זענען זײַ געוואָרען זעהר צו שראָקען. זײַ האָבען זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זײַטען, האָבען גערופֿען זײַערע חברים בײַ די נעמען, אָבער קײנער האָט זיך נישט אָבגערופֿען.

ראָבינזאָן, וואָס האָט זיך דערוואוסט פֿונ'ם קאַפּיטאַן, אַז צווישען די אַכט געפֿאַנגענע געפֿינען זיך דרײַ עהרליכע, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו'ם בונט בלויז פֿאַר מורא, האָט אוועקגעשיקט פֿרײַטאָג'ן מיט'ן זעגעס מײַסטער, זײַ וואָס גיכער צו ברײַנגען. אַז זײַ זענען געקומען, האָט דער קאַפּיטאַן, לויט ווי ראָבינזאָן האָט איהם געהײַסען, זײַ אַפֿריהער גוט דורכגעמוסר'ט און דערנאָך האָט ער זײַ געפֿרעגט, צי ווילען זײַ איהם שווערען טרײַהײַט, אויב ער וועט זײַ מוחל זײַן. — „טרײַהײַט, ביז'ן טויט!" — האָבען זײַ אין אײן קול אויסגעשריען און איהם געפֿאַלען צו די פֿיס. האָט דער קאַפּיטאַן צו זײַ ווײַטער געזאָגט: איך האָב אײַך שטענדיג געהאַלטען פֿאַר גוטע בחורים; דעריבער וועל איך איצט אויך גלויבען, אַז איהר האָט אין דעם בונט קײן שום אַנטײל נישט גענומען; נאָר אײַער שולד וועט איהר קענען אויסקויפֿען מיט גרעסערע טרײַהײַט צו מיר". די דרײַ מאַטראָסען האָבען געוויינט אויפ'ן קול מיט ביטערע טרעהרען פֿון חרטה, האָבען געקושט דעם קאַפּיטאַן און געבעטען מחילה. דאַן האָט מען זײַ געגעבען געוועהר, און דער קאַפּיטאַן האָט זײַ פֿערזאָגט, אַז זײַ זאָלען אין אַלץ פֿאָלגען זײַער הויפּט־פֿיהרער ראָבינזאָנען.

די מאַטראָסען פֿון דעם צווייטען שיפֿעל האָבען אַלץ נישט אויפֿגעהערט צו רופֿען זײַערע חברים. פֿון צײַט צו צײַט האָבען זײַ געשאָסען פֿון ביקסען, אָפּשר האָבען די חברים זײַערע פֿערבלאָנזשעט ווײַט אין אינזעל און הערען נישט זײַער רופֿען.

דערווײַל איז שוין געוואָרען פֿאַרנאַכט. ראָבינזאָנען און דעם קאַפּיטאַן איז פּלוצלונג אײַנגעפֿאַלען, אַז די מאַטראָסען, נישט דערוואַרטענדיג זיך אויף זײַערע חברים, וועלען אָבפֿאָהרען מיט'ן שיף. דער דאָזיגער

געדאנק האט זיי דערשראקען, און ראבינזאן האט גענומען זוכען א מיטעל, ווי אזוי דאס נישט צו דערלאזען.

ענדליך איז ער געפאלען אויף א גליקליכען איינפאל, ווי אזוי צו פערנארען די מאטראסען אין זאק אריין. ס'איז געבליבען, מען זאל אוועקשיקען פרייטאג'ן מיט איינעם פון די דריי מאטראסען אין וואלד אריין און אז זיי וועלען זיין אויף א פאר טויזענד טריט פון שיפל, זאלען זיי זיך דאמאלס אברופען. אז די מאטראסען וועלען געהן נאך דעם קול זייער זוכען, וועט זיך פרייטאג מיט דעם צווייטען אלץ טיעפער רוקען אין וואלד אריין, אזוי ארום פערנארען זיי אלץ ווייטער און ווייטער אין אינזעל, און אליין וועלען זיי זיך דערנאך אומקעהרען מיט אנ'אנדער וועג צוריק.

דער דאזיגער איינפאל האט זיך זעלטען גוט איינגעגעבען. די מענשען פון שיף, דערהערענדיג, אז מען רופט זיך אב, האבען געשווינד געכאפט זייערע ביקסען און האבען זיך געלאזט לויפען אין וואלד אריין. צוויי זענען געבליבען היטען דאס שיפעל. און פרייטאג מיט זיין בעגלייטער האבען זיך געטהון זייער זאך: טיעפער אין וואלד זיך גערוקט און נישט אויפגעהערט זיך אבצורופען. אזוי האבען זיי פערשלעפט די מאטראסען א מייל ווייט אין וואלד אריין. דאמאלס האט זיך פרייטאג מיט זיין בעגלייטער אומגעקעהרט געשווינד צוריק צו ראבינזאנען מיט אנ'אנדער וועג, זיי זאלען זיך נישט טרעפען מיט די מאטראסען.

דערווייל איז שוין געווארען גוט פינסטער. שטיל האט זיך געגנב'עט ראבינזאן מיט זיין נייער משפחה צו'ם שיפעל, ביי וועלכען עס זענען געשטאנען און געהיט צוויי מאטראסען. זיי זענען שוין געוועזען צוואנציג טריט פון שיפעל, און די מאטראסען האבען זיי נישט בעמערקט. דא האט ראבינזאן און נאך איהם אלע אויפגעהויבען אין דער הויך דאס געוועהר, וואס האט פערקלונגען אין דער לופטען... ראבינזאן האט מתרה געוועזען די מאטראסען, אז אויב זיי וועלען זיך אריהר טהון פון ארט און זיך פרובען שטעלען אנטקעגען, דאן בעצאהלען זיי מיט'ן לעבען. די ביידע היטער זענען פאר שרעק געפאלען זיי צו די פיס און געבעטען אום ערבארמונג. האט מען זיי גלייך געבונדען און געלאזען ליעגען.

נאכדעם האט מען דאס צווייטע שיפעל אויך ארויסגעצויגען אויפ'ן



ברעג; די צוויי געבונדענע מאַטראָסען האָט מען אַריבערגעטראָגען אין וואַלד און מען האָט געוואַרט, ביז וואַנען די מאַטראָסען וועלען זיך אומקעהרען נאָך זייער לאַנגען אומזיסטען זוכען. זיי זענען געקומען נישט אַלע מיט אַמאָל. עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען זייער שרעק און וועהגעשרייען, אַז זיי האָבען נישט געפונען דאָס שיפעל און די היטער פון איהם. אַז עס זענען זיך צונויפגעקומען פינף פון זייערע, האָט מען צו זיי געשיקט איינעם פון די דריי בעגנעדיגטע מאַטראָסען, פרעגען ביי זיי, אויב זיי ווילען זיך אונטערגעבען מיט גוטען. ווייל אויב נישט, האָט דער פערוואַלטער פון אינזעל געשיקט פופציג מאַן, וועלכע געפינען זיך נישט ווייט פון זיי אין וואַלד און וואַרטען. און ווען זיי גיבען זיך נישט אונטער, דאַן צושיסט מען זיי ווי די האָזען. דאָס שיפעל האָבען זיי שוין צוגענומען, אַלע חברים זייערע געפאַנגען, אַלזאָ בלייבט זיי אויסצוקלויבען: טויט אָדער געפענגעניש.

ראָבינזאָן האָט בעפוילען זיינע חברים, זיי זאָלען קלינגען מיט די ביקסען, כדי די ווערטער פון זייער שליח זאָלען מעהר ווירקען.

— אָבער קענען מיר האָפען, אַז מען וועט אונז מוחל זיין? — האָט ענדליך געזאָגט איינער פון די מאַטראָסען.

דער קאַפּיטאַן, וועלכען זיי האָבען נישט געזעהן, האָט צו זיי אַ געשריי געטהון:

— טאָם שמיט! איך זאָג דיר — קענסט דאָך מיין וואָרט — לעגט אַלע גלייך אַוועק דאָס געוועהר, דאַן וועט אייך געשענקט ווערען דאָס לעבען. נאָר אַטקינס מוז בעצאָהלען מיט'ן לעבען, ווייל ער האָט אייך צוגערעדט צום בונט און איז געווען דער גאַנצער רעדעלפיהרער.

אַלע האָבען אַוועקגעוואָרפען די ביקסען. אַטקינס, אַז ער האָט דערהערט זיין אורטייל, איז געפאַלען דעם קאַפּיטאַן צו די פיס און האָט זיך צעוויינט הויך אויפ'ן קול, מיט אַ ווילדען יאָמער: „קאַפּיטאַן, קאַפּיטאַן! שענקט מיר מיין לעבען, זיי זענען אַלע נישט בעסער פון מיר. אָ, קאַפּיטאַן, דערבאַרעמט זיך, דערבאַרעמט זיך!“ דער קאַפּיטאַן האָט איהם געזאָגט, אַז דאָס ווענדט זיך אָן דעם פערוואַלטער פון אינזעל און ער קען מעהר נישט בעטען ביי איהם פון זיינעטוועגען. דאַן האָט פרייטאָג מיט די פריהער בעגנעדיגטע מאַטראָסען זיי אַלעמען געבונדען די הענד. דערווייל זענען אָנגעקומען די לעצטע דריי מאַטראָסען און, אַז זיי האָבען דערזעהן, וואָס דאָ טהוט זיך, איז ביי זיי קיין אַנדער ברירה נישט

געבליבען, ווי אונטערצוגעבען זיך, און זיי האָבען זיך אויך געלאָזט בינדען.

איצט איז דער קאַפּיטאַן מיט ראָבינזאָנען, וואָס האָט זיך אַרויסגעגעבען פֿאַר דעם אינזעל־פֿערוואַלטערס אַנ׳אָפּיציר, צוגעגאַנגען צו זיי נעהנטער. די, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט געזעהן, אַז זיי האָבען באמת חרטה אויף זייער פֿערברעכען, האָט מען גענומען צו ראָבינזאָנען אין שלאָס אַריין, און די איבריגע האָט מען אָבגעפֿיהרט אין הייהל און דאָרטען זיי פֿערשפּאַרט. פֿון די ערשטע געפֿאַנגענע האָט מען אויסער די פֿריהערדיגע דריי אַרויסגעלאָזען נאָך צוויי, אין וועלכע דער קאַפּיטאַן איז געווען זיכער, אַז זיי האָבען אויך חרטה.

אַלע בעגנעדיגטע שיפֿסלייט האָבען זיך פֿערזאַמעלט פֿאַר ראָבינזאָנס שלאָס. זיי זענען געווען זאַלבעצעהנט. ראָבינזאָן האָט זיי ערקלערט אין נאָמען פֿון דעם אינזעל־פֿערוואַלטער, אַז מען וועט זיי מוחל זיין נאָר מיט דעם תנאי, אויב זיי וועלען העלפֿען זייער קאַפּיטאַן, אַז די שיף זאָל איהם ווידער אינגאַנצען געהערען. אַלע האָבען אין איין קול געשוואָרען, אַז זיי וועלען פּינקטליך ערפֿילען דעם וואונש פֿון קאַפּיטאַן און וועלען איהם פֿון איצט אָן טריי דיענען. האָט זיי ראָבינזאָן ווייטער ערקלערט, אַז דערמיט ראַטעווען זיי נישט בלויז זייער אייגענעס, נאָר אויך דאָס לעבען פֿון זייערע איבעריגע געפֿאַנגענע חברים, ווייל אויב ביז מאָרגען פֿריה וועט די שיף נישט געהערען דעם קאַפּיטאַן, וועלען זייערע חברים געהאַנגען ווערען.

פֿון דעם דאָזיגען אורטייל האָט מען אויך מודיע געווען די געפֿאַנגענע.

דערווייל האָט מען געהייסען דעם שיפֿסמייסטער שנעל צו פֿערריכטען דאָס צולעכערטע שיפֿעל. אַז עס איז פֿאַרטיג געוואָרען, האָט מען ביידע שיפֿלעך אַראָבגעלאָזט אויפֿ׳ן וואַסער. דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעפֿיהרט איין שיפֿעל, דער זעגעל־מייסטער – דאָס אַנדערע, און די מאַטראָסען האָט מען אויך צוזעצט אויף ביידע שיפֿלעך. אַלע האָבען מיטגענומען ביקסען, קוילען, פּולווער. מען איז שוין געווען גרייט אָבצופֿאָהרען צו׳ם שיף. ראָבינזאָן האָט זיי געוואונשען גליק און ערפֿאָלג, און די שיפֿלעך האָבען אָבגעזעגעלט פֿון ברעג.

אַז די שיפֿלעך זענען אַוועק, האָט זיך ראָבינזאָן נישט געקענט קיין אָרט געפֿינען. דער געדאַנק, אַז אָט־אָט וועט אפשר אָנקומען זיין אויס=

ליַיזונג, האָט איהם נישט געלאָזען רוהען. דאָ פֿלעגט ער אַריַין אין היַיהל, דאָ פֿלעגט ער אַרויס, האָט אַלע וויַילע געקלעטערט אויפֿ'ן שפּיץ באַרג זעהן די שיף, האָט זיך צוגעהערט צו דער שטילער נאַכט, אפֿשר וועט זי איהם בריַינגען פֿון דאַרטען אַ קלאַנג. און האָטש ער האָט אַ גאַנצען טאָג אין זיַין מויל נישט געהאַט, האָט ער דאָך אויך איצטער נישט געקענט אפֿילו טראַכטען פֿון עסען. וואָס וויַיטער איז ער אָבער געוואָרען אַלץ אומרוהיגער. די דריַי האַרמאַטען־שאָסען, וואָס האָבען איהם געדאַרפֿט אָנזאָגען, אַז אויפֿ'ן שיף איז אַלץ פֿאַריבער בשלום, האָבען זיך אַלץ נישט געלאָזט הערען, האָטש ס'איז שוין געוועזן נאָך האַלבע נאַכט.

ראָבינזאָן האָט שוין אָנגעהויבען צו פֿערלירען די האָפֿנונג. אָבער פּלוצלונג האָט זיך דערהערט פֿון דערוויַיטענס אַ האַרמאַטען־שאָס, באַלד נאָך איהם אַ צוויַיטער און דערנאָך אַ דריטער. ראָבינזאָן איז שיער נישט משוגע געוואָרען פֿאַר פֿריַיד. מעהר האָט ער שוין נישט געצוויַיפֿעלט. אַז די גליקליכע לאַנג־ערוואַרטעטע שעה פֿון ערליַיזונג האָט ענדליך געשלאָגען.

פֿון משוגע'נער שמחה איז ראָבינזאָן געוואָרען נאָך אומרוהיגער ווי פֿריהער. ער איז געפֿאַלען אויף די קניה אונטערן פֿריַיען אויסגעשטערנטען הימעל און מיט הייסע טרעהרען פֿון פֿריַיד האָט ער געלויבט און געדאַנקט גאָט, וואָס האָט איהם אויסגעליַיזט פֿון זיַין עלענד און נויט. דערנאָך איז ער אַראָב פֿון באַרג, איז צוגעגאַנגען צו זיַין גוטען פֿריַיטאָג און האָט איהם שטאַרק אַרומגענומען. זיַין איינציגער געדאַנק איז געווען האַמבורג, און ער האָט זיך גענומען פּאַקען זיַינע זאַכען. אַזוֹי איז אַריבער די נאַכט, און ער האָט אַפֿילו מיט אַן'אויג נישט געפּרובט צוצומאַכען.

אַז עס האָט גענומען טאָגען, האָט ער אַ קוק געגעבען אין דער זיַיט, וואו די שיף איז געשטאַנען. ער האָט זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטען אויף דער גליקליכער מינוט, ווען ער וועט זי דערזעהן, די טיַיערע, וואָס וועט איהם אויסליַיזען פֿון אינזעל און אין זיַין ליעבע היים בריַינגען. ער האָט קיין אויג נישט אַראָבגענומען פֿון ברעג ים און זאָט געוואַרט, עס זאָל ליכטיגער ווערען. און אַז עס איז טאָג געוואָרען, האָט זיך אַ שרעקליכער האַרצריַיסענדער געשריי אַרויסגעריסען פֿון ראָבינזאָנס ברוסט — די שיף איז פֿערשוואונדען געוואָרען! אין דער גרעסטער פֿערצוויַיפֿלונג האָט ער זיך אָנגעלעהנט אָן אַ בוים און האָט געוואָרפֿען ווילדע שטאַרע בליקען אויפֿ'ן אָרט, וואו זיַין ליכטיגע האָפֿנונג איז אין

אָבגרונד געזונקען. אומזיסט האָט איהם פֿרײַטאָג געזוכט צו בערוהיגען. — ראָבינזאָן האָט זיך ניִשט געלאָזט טרייסטען און האָט זיך אין גרויסער פֿערצווייפֿלונג פֿון אָרט ניִשט גערירט. פּלוצלונג האָבען זיי דערהערט פֿון דער אַנדערער זײַט באַרג אַ גערויש. ווי אונטערגעשאָסענע זענען זיי פֿון די ערטער אויפֿגעשפּרונגען: אויפֿ'ן שפּיץ באַרג האָבען זיי דערזעהן דעם קאַפּיטאַן מיט דעם זעגעלמײַסטער, און אין מערב־זײַט האָבען געפֿלאַטערט די זעגלען פֿון דער שיף, וואָס איז געוועזען פֿעראַנקערט אין אַ קליינער בוכטע. ראָבינזאָן האָט שיער ניִשט גע'חלש'ט פֿאַר פֿרייד. ער האָט זיך אַ וואָרף געטהון צו זיי, איז דעם קאַפּיטאַן אויפֿ'ן האַלז געפֿאַלען און האָט פֿון ענטציקונג אַ וואָרט ניִשט געקענט אויסריידען.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אויך שטאַרק דערפֿרעהט און האָט איהם דערצעהלט, ווי אַזוי איהם האָט זיך אײַנגעגעבען איבערנעהמען די שיף ניִשט פֿערגיסענדיג קיין טראָפּען בלוט. צוליעב דער פֿינסטערער נאַכט האָט מען איהם אַפֿילו ניִשט בעמערקט און קיינעם אויפֿ'ן שיף איז גאָר ניִשט אײַנגעפֿאַלען, אַז מיט זייערע חברים איז עפּעס־וואָס געשעהן. די רעכטע רעדעלפֿיהרער האָבען זיך אַפֿילו געפּרובט שטעלען אַנטקעגען מיט געוועהר אין די הענד, אָבער מען האָט זייער ווידערשטאַנד גלייך אײַנגעבראָכען און זיי געבונדען. אַז ער האָט געענדיגט דערצעהלען, האָט ער אַרומגענומען ראָבינזאָנען און מיט טרעהרען פֿון דאַנקבאַרקייט האָט ער געזאָגט: „אײַך, איהר קלוגער און גוטער מאַן, האָב איך עס צו פֿערדאַנקען, וואָס מײַן לעבען און מײַן שיף איז גערעטעט. איך מיט מײַנע מענשען און די שיף מיט אַלץ, וואָס אויף איהר געפֿינט זיך, געהערט צו אײַך". און אַלע זענען געוועזען טיעף גערירט.

באַלד האָט מען געמאַכט אַ סעודה פֿון די גוטע זאַכען, וואָס דער קאַפּיטאַן האָט פֿון שיף געבראַכט, און מיט אַ פֿרעהליכען האַרצען האָבען זיי אָבגעגעסען דעם פֿריהשטיק.

דערנאָך האָט ראָבינזאָן דערצעהלט דעם קאַפּיטאַן זײַן גאַנצע לעבענס־געשיכטע. ווי אַזוי ער איז פֿערוואָרפֿען געוואָרען אויף דער דאָזיגער אינזעל, ווי אַזוי ער האָט זיך דאָ אײַנגעלעבט. דער קאַפּיטאַן איז געוועזען ערשטוינט פֿון דער דאָזיגער ערצעהלונג. האָט ער געפֿרעגט בײַ ראָבינזאָנען, מיט וואָס קען ער איהם דיענען. אויף דעם האָט איהם ראָבינזאָן געענטפֿערט: אויסער די בעדינגונגען, וואָס איך האָב אײַך נעכטען געשטעלט, וויל איך בײַ אײַך בעטען וועגען נאָך דרײַ זאַכען.

ערשטענס וויל איך בעטען, איהר זאָלט דאָ פֿערבלייבען, ביז מיין פֿרייטאָגס פֿאָטער וועט קומען צוריק מיט די שפּאַניער; די צווייטע זאַך איז, איהר זאָלט אויסער מיר מיט מיינע חברים אויך מיטנעהמען די שפּאַניער און אַראָבזעצען זיי אין קאַדיקס. און דריטענס בעט איך איַך, אַז די רעדעלפֿיהרערס פֿון בונט זאָל אויך געשענקט ווערען דאָס לעבען און אַלס שטראָף וועט מען זיי לאָזען אויף מיין אינזעל; איך בין איבערציַיגט, אַז דאָס וועט זיין דאָס בעסטע מיטעל אויסצובעסערן זיי.

דער קאַפּיטאַן האָט איהם צוגעזאָגט, אַז אַלע זיינע פֿערלאַנגען וועלען פּינקטליך ערפֿילט ווערען. ער האָט געהייסען בריינגען די געפֿאַנגענע, האָט אויסגעקליבען די שולדיגסטע און געפֿעהרליכסטע פֿון זיי און האָט זיי געלאָזט וויסען געבען זייער אורטייל. דאָס האָט זיי זעהר דערפֿרעהט, ווייל זיי האָבען זיך גערעכנט אויף טויט-שטראָף, וואָס האָט זיי געקומט לויט'ן געזעץ. דער מענשענ-פֿריינד ראָבינזאָן האָט זיי געלערנט, ווי אַזוי זיי זאָלען זיך איינאָרדנען אויף דער אינזעל, האָט זיי צוגעזאָגט איבערלאָזען זיין גאַנצע עשירות, די געציַיג, די הויזווירטשאַפֿט און די פֿיה זיינע. און האָט זיי צו'ם טויזענדסטען מאָל פֿערזאָגט, זיי זאָלען זיך פֿערלאָזען אויף גאָט, פֿלייסיג אַרבייטען און לעבען צווישען זיך בשלום.

אין דעם איז אָנגעקומען צולויפֿען פֿרייטאָג, קוים אָבחאַפּענדיג דעם אָטעם, מיט דער בשורה, אַז זיין פֿאָטער און די שפּאַניער קומען אָן. ס'איז געוואָרען אַ גרויסע שמחה און אַלע זענען זיי אַנטקעגען געגאַנגען. ראָבינזאָן איז געוואָרען זעהר איבערראַשט, ווען ער האָט דערזעהן, אַז צווישען די אָנקומענדע געפֿינען זיך אויך צוויי פֿרויען. האָט ער געפֿרעגט וועגען דעם דאָנערשטאָג'ן, און יענער האָט איהם דערצעהלט, אַז דאָס האָבען צוויי שפּאַניער גענומען זיך ווייבער פֿון זיין פֿאָלק, ווי נאָר די דאָזיגע צוויי שפּאַניער האָבען דערהערט, אַז ראָבינזאָן פֿערלאָזט דעם אינזעל און אַז דאָ בלייבען עטליכע שיפֿסלייט, האָבען זיי זיך גענומען בעטען, מען זאָל זיי מיט זייערע ווייבער אויך ערלויבען צו פֿערבלייבען אויף דעם דאָזיגען אינזעל, ווייל זיי האָבען זיך פֿון איהם אַזוי פֿיעל אָנגעהערט, אַז קיין בעסערן אָרט דאַרפֿען זיי גאָרניט.

ראָבינזאָן, דערהערענדיג די בקשה פֿון די צוויי שפּאַניער, האָט זי גלייך מיט פֿערגניגען ערפֿילט. ער איז געוועזען זעהר צופֿריעדען, וואָס אויפֿ'ן אינזעל פֿערבלייבען אויך צוויי עהרליכע מענשען, פֿון וועלכע

זייערע חברים האבען זיך גארניט געקענט אבלויבען, און ער האט נעהאפט, אז די דאזיגע צוויי וועלען ווירקען אויף די שלעכטע יונגען און זיי וועלען זיי אויסבעסערן. און דעריבער האט ער בעשלאסען אבצוגעבען די מאכט צו די צוויי שפאניער און פון זיי מאכען אבהענגיג די איבריגע.

ער האט זיי אלעמען צונויפגערופען און האט זיי מודיע געוועזען וועגען דעם. דערנאך האט ער זיך געווענדט צו זיי מיט די ווערטער:

„געוויס וועט איהר מיר מוזען מודה זיין, אז דער אינזעל מיט אלץ וואס אויף איהם געפינט זיך, איז מיינער און איך מעג מיט איהם טהון, וואס איך וויל אליין. און אט וואס איך וויל אייך זאגען אלעמען, ווער עס וועט נאר אויף דעם אינזעל פערבלייבען. איך ערקלער אייך, אז אויף מיין ארט לאז איך איבער די דאזיגע צוויי שפאניער, און זיי וועלען זיין די פיהרער פון אינזעל. זיי וועלען פערנעהמען מיין שלאס; ביי זיי וועט זיך געפינען דאס גאנצע געוועהר, די קוילען און פולווער, די געצייג. אבער פון זייער זייט וועלען זיי מוזען אייך אלץ געבען אין יעדער צייט, ווען איהר וועט עס נאר דארפען; אין דער צייט פון א נויט זאלט איהר אלע אויפשטעהן, ווי איין מענש; די ארבייט אויפ'ן פעלד און אין גארטען זאלט איהר אלע גלייך אויספיהרען און די תבואה זאלט איהר צווישען זיך גלייך צוטיילען. אפשר וועל איך נאך אמאל אהער צוריקקומען, דאן וועל איך זיך דאך דערוויסען, ווי אזוי איהר האט זיך דא אויפגעפיהרט. עס קען זעהר זיין, אז איך וועל צוריק אהער קומען און וועל דא פערברייננען די לעצטע טעג פון מיין לעבען אויף דעם דאזיגען אינזעל, וואס איז מיר איצט אזוי ליעב און טייער געווארען. און וועה וועט זיין צו דעם, ווער עס וועט נישט פאלגען מיינע פעראָרדנונגען! קיין מיטלייד וועט ער דאן נישט געפינען. מען וועט איהם אריינזעצען אין א קליין שיפעלע און אין דעם גרעסטען שטורם וועט מען איהם אין גרויסען וועלט-ים שיקען, און דארט וועט ער געפינען זיין סוף".

אלע זענען געווען צופריעדען מיט ראבינזאנס פעראָרדנונג און האבען צוגעזאגט זיי שטרענג צו ערפילען.

איצט האט ער אבגעקליבען די זאכען, וואס ער האט געוואלט מיטנעהמען: 1) די קליידער, וואס ער האט אליין פון פעל געמאכט, דעם שירם און די מאסקע; 2) דעם שפיז, דעם פיילענבויגען און די שטיינערנע האק, וואס ער האט עס אלץ אליין געמאכט; 3) דעם פאפוגאי,

דעם פורעל און צוויי לעמלען; 4) אַלערליי געצייג און געפּעס, וואָס ער האָט מיט זיינע אייגענע הענד געמאַכט, בעת ער איז נאָך אַליין געוועזען, און 5) דאָס גאָלד מיט די דימענטען, וואָס ער האָט פון דער פערלאָזענער שיף אַראָבגענומען, ווי אויך דאָס גאָלד, וואָס ער האָט אויפ'ן אינזעל געפונען. מען האָט עס אַלץ געבראַכט אויפ'ן שיף, און אַזוי ווי דער ווינד איז געוועזען אַ גינסטיגער, האָט מען בעשלאָסען אויף מאָרגען אָבצופאָהרען פון אינזעל.

פאַרנאַכט איז ראָבינזאָן אַוועק פון דער פרעהליכער געזעלשאַפט און האָט געוואָלט כאָטש אַ שעה פערבלייבען אַליין. ער איז אַרויף אין דער הויך אויפ'ן באַ ג. כדי נאָכאַמאָל פון אָנהויב ביז סוף צו דערמאָהנען זיך דאָס גאַנצע לעבען זיינס דאָ אויפ'ן אינזעל. ער האָט זיך געזעגענט מיט יעדען ווינקעלע בעזונדער, מיט יעדען בלעטעלע און גרעזעלע און זיין האַרץ איז געוועזען פול דאַנקבאַרקייט און ליעבע צו גאָט, וואָס האָט אַזוי פיעל חסד בעוויזען. צו שוואַך זענען ווערטער אויסצודריקען זיינע הייסע גוטעגעפיהלען. אָבער

ווער עס האָט אַזאַ האַרץ, ווי ער, דער דאַרף קיין ווערטער נישט: ער וועט דאָס אין זיין אייגענעם האַרצען פיהלען.

ענדליך איז געקומען די צייט פון אָבפאָהרען. מיט טרעהרען אין די אויגען האָט ראָבינזאָן זיך נאָכאַמאָל געווענדט צו די איבערבלייבענדע און האָט זיי געבעטען זיי זאָלען לעבען אין אַחדות, אין שלום, זאָלען פלייסיג אַרבייטען און גוט און פרום זיין; ער האָט זיי הערצליך געוואונשען אַלדאָס גליק און גוטס פון גאָט, ער זאָל זיי אַרויסווייזען אַזוי פיעל חסד, ווי צו אידם. דאַן האָט ער זיך נאָך אַמאָל געזעגענט מיט'ן אינזעל,

האָט נאָכאַמאָל געדאַנקט גאָט פֿאַר די גרױס װאונדער, װאָס ער האָט איהם געטהון, פֿאַר זײַן איצטערדיגע ערלײזונג, האָט זיך געזעגענט מיט די איבריגע מיט טרעהרען אין די אױגען און מיט אַ פֿערקלעהמטער שטימ, האָט זײ געזאָגט דאָס לעצטע „זײַ=געזונד“, און מיט פֿרײַטאָג'ן און דאָנערשטאָג'ן איז ער אַרױף אױפֿ'ן שיף.

דער פֿרישער װינד האָט אַזױ שנעל געטריבען די שיף, אַז עס האָט זיך געדאַכט, דאָס דער אינזעל לױפֿט פֿון שיף. לאַנג איז ראָבינזאָן געשטאַנען און האָט מיט אומעטיגע בליקען געקוקט אױפֿ'ן אינזעל, װאו ער האָט פֿערבראַכט צװעלף יאָהר, איז זיך אַזױ פֿיעל אױסגעשטאַנען, האָט אַזױ פֿיעל כח און מיה אַװעקגעלעגט, און װאָס איז איהם דעריבער אַזױ נאָהנט און טײַער געװאָרען, װי זײַן אײגענע הײם.

דער װעג איז געװעזען זעהר אַ גליקליכער. אין פֿיער און צװאַנציג טעג זענען זײ געקומען אין קאַדיקס, װאו זײ האָבען אַראָבגעזעצט די שפּאַניער. ראָבינזאָן איז אַראָב פֿון שיף אין איז אַװעק אױפֿזוכען דעם סוחר און אָבגעבען איהם זײַן גאָלד. ער האָט נאָכגעפֿרעגט אױף איהם און האָט איהם ענדליך געפֿונען. זײַן פֿרײד איז געװעזען נישט צו בעשרײַבען: דער סוחר האָט זיך געפֿונען אין אַ זעהר טרױעריגער לאַגע. איבערלאָזענדיג דאָס גאָלד אױפֿ'ן שיף, האָט ער געמוזט באַנקראָטירען, װען נישט ראָבינזאָן, װאָס איז געװען זײַן אמת'ער רעטער.

דאָס פֿעסעלע גאָלד איז געװעזען נאָך צו פֿיעל אױף צו בעצאָהלען די חובות, האָט דער סוחר געװאָלט דאָס איבריגע גאָלד אָבגעבען זײַן רעטער. אָבער ראָבינזאָן האָט דאָס גאָלד נישט גענומען און דאָט געזאָגט, אַז ער איז שױן גענוג בעלױנט געװאָרען דורכדעם, װאָס ער האָט אַנ'ערליכען מענשען נישט געלאָזען פֿאַלען.

דערנאָך איז די שיף אַװעק קײן ענגלאַנד. אױפֿ'ן װעג האָט זיך געטראָפֿען אַ טרױעריגער צופֿאַל: פֿרײַטאָג'ס פֿאָטער, דער אַלטער דאָנערשטאָג, איז פּלוצלונג קראַנק געװאָרען, עס האָט קײן זאַך נישט געהאָלפֿען — ער איז געשטאָרבען. װי טיעף פֿרײַטאָג האָט געליטען און װי ביטער ער האָט בעװײנט זײַן געליעבטען פֿאָטערס טױט, קענט איהר אײַך שױן פֿאָרשטעלען. אױך די צװײ לעמלען האָבען נישט געקענט אַריבערטראָגען דעם לאַנגען װעג און האָבען אױך נישט דערלעבט צו קומען צו ראָבינזאָנס הײם. ראָבינזאָנען האָט עס פֿערשאַפֿט גרױס עגמת=נפש.

ענדליך איז די שיף אָנגעקומען אין דעם גרויסען האַפען פון פּאָרטסמוט. דאָ האָט ראָבּינזאָן אויפגעזוכט די אַלמנה פון׳ם פערשטאָרבּענעם אָפיציר, פאַר וועלכער ער האָט געפיהרט די דימענטען. ער האָט זי געפונען אין אַ שרעקליכען צושטאַנד. צוויי יאָהר צייט האָט זי פון איהר מאַן קיין שום שטיצע נישט בּעקומען, און — וואָס ווייטער איז איהר נויט אַלץ גרעסער געוואָרען. זי איז געוועזען מיט די אָרימע קינדער איהרע אָנגעטהון אין אַלטע שמאַטעס, און זייערע טויט-בּלאַסע געזיכטער האָבען דערצעהלט פון הונגער און נויט. ראָבּינזאָן האָט זיי אָבּגעגעבּען די דימענטען און איז געוועזען גליקליך צו זעהן, ווי די פערארימטע פאַמיליע איז צו זיך געקומען און ווידער אויף די פיס געשטעלט. מיט זייער פערמעגען זענען זיי שוין געוועזען פערזיכערט אויף זייער גאַנצען לעבּען.

גראָד איז אין האַפען אָנגעקומען אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען קיין האַמבּורג. ראָבּינזאָן האָט פערלאָזען די ענגלישע שיף, ווייל ער האָט מעהר נישט געוואָלט בּעמיהען זיין ערלייזער, און איז מיט פרייטאָג׳ן אַרויף אויף דער האַמבּורגער שיף, וועלכע האָט זיך טאַקע בּאַלד אַראָבּגענומען פון אַנקער. געשווינד איז געגאַנגען די שיף צו האַמבּורג. אָט איז שוין פאַר זייערע אויגען העלגאָלאַנד אַרויסגעשוואומען; עס האָט זיך שוין בּעוויזען אויפ׳ן האָריזאָנט ראָבּינזאָנס געליעבּטע היימאַט און פאַר פרייד איז איהם שיער דאָס האַרץ נישט אַרויסגעפאַלען; פון דערווייטענס האָט זיך שוין געזעהן דאָס שפּיגעל-וואַסער פון עלבּאַ. פּלוצלונג איז אויסגעבּראָכען אַ מוראָ׳דיגער שטורם, און די שיף איז מיט אַ שרעקליכער קראַפט געטריבּען געוואָרען צו׳ם בּרעג. אַלע האָבּען זיך גענומען מיט אַלע כּוחות, די שיף זאָל אַוועקגעהן מיט איהר פריהערדיגען בּרעג, אָבּער אומזיסט! דער שרעקליכער שטורמווינד האָט אַריבּגעגעבּען די שיף און אַ שלײַדער געטהון אַרויף אויף אַ זאַמד מיט אַזאַ קראַפט, אַז די דעק איז צובּראָכען געוואָרען אויף שטיקלעך.

דאָס וואַסער האָט אַזעלכע געטהון אין שיף מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז פון ראַטעווען זי האָט מען אַפילו נישט געקענט טראַכטען, און די מענשען פון שיף האָבּען קוים צייט געהאַט צו ראַטעווען זיך אין די שיפלעך. און אַזוי איז ראָבּינזאָן מיט זיינע חברים אָנגעקומען אין קוקסהאַפען; פון זיין גאַנצען פערמעגען האָט ער גאָרנישט געראַטעוועט, אויסער דעם טרייען פּודעל, וואָס איז איהם אין שיפעל נאָכגעשפּרונגען,

און דעם פּאַפּוגאַי, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אויף זײַן אַקסעל. אין אַ צײַט אַרום האָט ער זיך דערוואוסט, אַז צווישען די זאַכען, וואָס מען האָט געראַטעוועט פֿון דער פֿערזונקענער שיף, איז אויך געוועזען זײַן שירם און זײַנע פֿעלצקלײַדער. וואָס ער האָט אַלײן געמאַכט. דאָס האָט ער בעקומען צוריק, אָבער דאָס גאָלד זײַנס איז אויף אײביג געגאַנגען פֿערלאָרען.

איצט איז ער געוועזען דערזועלבער גביר, ווי ווען ער איז אָבגעפֿאָהרען פֿון האַמבורג. נאָר עס האָט איהם וועניג געאַרט, ווײַל ער האָט פֿעסט בעשלאָסען, אין דערהײם אויך צו פֿיהרען אַזאַ אַרבײַטזאַמען און מעסיגען אַרט לעבען, ווי אויפֿ'ן אינזעל. און ער האָט זיך דעריבער אויך איצט, אָהן זײַן גאָלד, נישט געשראָקען פֿאַר דער צוקונפֿט.

אין קוקסהאַפֿען האָט ער זיך ווידער געזעצט אויף אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען קײן האַמבורג. אָט האָט זיך שוין בעוויזען דער טהורם פֿון זײַן געבורטסשטאָדט, און ראָבינזאָן האָט נישט געקענט אײַנהאַלטען די טרעהרען פֿון פֿרײד און ענטציקונג. נאָך אין פֿיער שעה אַרום וועט ער שוין דאָ זײַן, נאָך אין פֿיער שעה אַרום וועט ער זײַן טײַערן הײסגעליעבטען פֿאָטער אויפֿ'ן האַלז פֿאַלען! אַז זײַן מוטער איז שוין טויט, — דאָס האָט ער זיך נאָך דערוואוסט אין קוקס־האַפֿען, און האָט זי מיט ביטערע טרעהרען בעוויינט.

די שיף איז שנעל געפֿלויגען, געטריבען פֿון ווינד און שטראָם, און איז ענדליך צו'ם ברעג פֿון האַמבורג געקומען. מיט אַ קלאַפּענדען האַרצען איז ראָבינזאָן אַרויסגעשפּרונגען פֿון שיף, און ווען ער וואָלט זיך נישט שעמען פֿאַר די דורכגעהער, וואָלט ער די שטײנער פֿון ברוק געקושט.

געשווינד איז ער געגאַנגען דורך דער געדיכטער מענגע מענשען און האָט זיך אַפֿריהער אָבגעשטעלט אין אַן'אײַנפֿאָהר־הויז. פֿון דאַנען האָט ער געשיקט אַ מענשען, וועלכעס זאָל צוגרייטען זײַן פֿאָטער צו דער אונערוואַרטעטער בשורה, ווײַל ער האָט געהאַט מורא, אַז מיט זײַן פּלוצלונגען אָנקומען זאָל ער נישט דערשרעקען זײַן אַלטען פֿאָטער.

און איצט איז ראָבינזאָן אַלײן אַוועקגעפֿלויגען איבער די גוט־בעקאַנטע גאַסען צו זײַן פֿאָטערס הויז. זײער ענטציקונג איז שווער צו בעשרײַבען, ווען פֿאָטער און זוהן האָבען זיך דערזעהן און דערקענט.

זיי זענען איינע די אנדערע געפאלען אויפ'ן האלז, און מעהר האט מען נישט געהערט: „מיין פאטער!" — „מיין זוהן!". — „מיין פאטער!" — „מיין זוהן!" ביידע האבען פון גרויס שמחה געוויינט, ווי קליינע קינדער, און דער שטראם פון ווארימע טרעהרען האט זיי אביסעל בערוהיגט. פריי־טאג איז שוין גאר געוועזן ווי צוטומעלט, פון די אלע וואונדערליכע זא־כען, וואס ער האט געטראפען. זיין אויג האט זיך גארניט געקענט זאט אנקוקען אויף זיי.

מיט ראבינזאנס קומען האט פערקלונגען די גאנצע שטאדט. מען האט נאר גערעדט וועגען איהם. יעדערער איז געוועזן נייגעריג איהם צו זעהן. איטליכער האט געוואלט הערען פון איהם אליין זיין וואונדערליכע לעבענסגעשיכטע. זיין פאטערס שטוב איז געוועזן בעלאגערט פון מענ־שען, און ס'האט גארנישט געהאלפען: ראבינזאן האט געמוזט פון פריה ביז נאכט דערצעהלען. ביי די דאזיגע ערצעהלונגען האט ער זיך גע־ווענדט צו די עלטערן און האט צו זיי אזוי געזאגט: „פאטערס און מו־טערס! אז איהר האט ליעב אייערע קינדער, טא לערנט זיי מלאכות, שפראכען, גוטע מדות". און צו די קינדער פלעגט ער שטענדיג זאגען: „ליעבע קינדער! פאלגט אייערע עלטערן, לערנט פלייסיג אלץ, וואס מען לערנט אייך, זייט פרום און גוט און היט זיך פאר ליידיג געהן".

ראבינזאן, וואס האט זיך אויפ'ן אינזעל איינגעוואהנט צו האנד־ארבייט, האט געבעטען ביי זיין פאטער, ער זאל איהם לאזען ווערען א בעל־מלאכה. דער פאטער האט עס איהם ערלויבט, און ער האט זיך מיט זיין טרייען חבר פרייטאג'ן פערדונגען צו א סטאליער. זיי האבען אזוי גוט און פלייסיג געארבייט, אז אין א יאהר ארום זענען זיי שוין גע־ווארען מייסטערס פאר זיך און האבען ביידע געעפענט א ווארשטאט. אויך איצט זענען זיי א מינוט נישט געזעסען ליידיג, נאר שטענדיג גע־ארבייט מיט פלייס און מיט חשק, ווייל דאס איז שוין געווארען זייער צווייטע נאטור.

אין עטליכע יאהר ארום זענען זיי געווארען אזוי תקיף, אז זיי האבען זיך געקענט קויפען אין דארף א קליינעם הויף מיט פעלד. א טייל פון דעם פעלד האבען זיי א נאמען געגעבען „ראבינזאנס אינזעל", ווייל זיי האבען דא געמאכט א קליינעם שלאס, מיט א הייהל, מיט א בוימוואנד, מיט א וואל, און איין מאל אין וואך פלעגען זיי דארטען צו־ברענגען און דערמאהנען זייער לעבען אויפ'ן אינזעל.

און גאָט האָט זיי מצליח געוועזען אין זייער גאַנצען לעבען, זיי האָבען אויסגעלעבט זייערע יאָהרען אין געזונד און אין פריעדען.

און לאַנג נאָך וועט מען דערמאָהנען די דאָזיגע צוויי געשעצטע מענשען, וועלכע האָבען בעוויזען, וואָס מען קען אויפטהון מיט איינע־נער קראַפט און מיה, מיט אַ מעסיגער אַרט לעבען און ווען מען פער־לאָזט זיך אויף גאָט.



הוצאת „האור“, ווארשא, דלוגא 11.

Телефонъ 90-87. תליפון 90-87.

ספרי למוד.

	המחיר	
	ק׳	ר׳
ראשית דעת. — למוד הקריאה והכתיבה העברית עפ״י השיטה הקולית. מהדורא העשרים ושתים. ערוך ע״י מ. קרינסקי.	30	—
שיחות טבעיות. חלק א׳. — קורס אלמנטרי מלא ושלם לקריאה, לכתיבה ולראשית הדבור העברי לשנת הלמודים הראשונה. חובר ע״י מ. קרינסקי. .	50	—
הדבור העברי. חלק א׳ — הספר הראשון אחר האלף־בית. ספר למוד שפת עבר למתחילים על פי השטה הטבעית. מאת הנ״ל.	50	—
הדבור העברי. חלק ב׳ — ספר למוד שפת עבר למתחילים על פי השטה הטבעית. מאת הנ״ל	70	—
הדבור העברי. חלק ג׳ — מאת הנ״ל	10	1
הסגנון העברי. חלק א׳ — קורס גבוה ללמוד השפה העברית וספרותה. מאת הנ״ל	60	1
תורה לתינוקות. ספר בראשית — מאת הנ״ל	60	—
דת ישראל. — ספר למוד הדת והמוסר לילדי ישראל. חלק ראשון הוא ספר המכין להבין ולהשיג את יסודי הדת. מהדורא שלישית. מאת הנ״ל	90	—
אור תורה. — ספר למוד הדת והמוסר על פי פניני המקרא, התלמוד והמדרש, מתורגמים ומבוארים בשפת עבר קלה ומסבירה, עם שיחות בשביל המורה והתלמידים. מאת הנ״ל.	40	—
שפת התלמוד ודקדוקה. — ספר למוד לשפת התלמוד ודרכי סגנונו רב הגונים. מאת יהודה שטיינברג .	50	—
בית הספר לתורת הכתיבה העברית. מאת מ. קרינסקי. הוצאה חמישית מעובדת ומתוקנת יצא עתה בשתי סריות: א) מכנית, להעברת הקולמוס על גבי הכתוב (נועדה לילדים קטנים המתחילים לכתוב). ב) לכתיבה על פי דוגמאות. כל סריה מכילה ארבע מחברות, מחיר כל מחברת. .	6	—

Издательство „ГАОРЪ“ Варшава, Долгая 11.

הוצאת „האור", ווארשא, דלוגא 11.

Телефонъ 90-87. תליפון 87-90.

	המחיר ק׳	ר׳
בית הספר לתורת הכתיבה הרוסית. – כתב אלכסוני, בשתי סריות כהנ"ל, מאת הנ"ל. הסריה הראשונה מכילה 6 מחברות והשניה 7 מחברות. מחיר כל מחברת	6	—
בית הספר לתורת הכתיבה הרוסית. – כתב ישר, בשתי סריות כהנ"ל, מאת הנ"ל. מכילות 10 מחברות, מחיר כל מחברת	6	—

ביבליותיקה „שעשועים".

(ספרי מקרא מנוקדים לילדים).

עד עתה יצאו הספרים האלה:

	ק׳	ר׳
א) בן הפריץ. (אגדת עם) על פי מ. ז. פיארברג.	5	—
ב) הגאון מוילנה. (תולדותיו וחייו) ערוך בעד הילדים בידי י. שף .	5	—
ג) השבועה. (ספור) מאת מ. בן־אליעזר.	5	—
ד) הגליונות האדומים. (ספור) מאת יעקב שטיינברג	5	—
ה) המלך הגאה. (אגדה) דורושביטש. תרגום נ. סוקולוב . . .	5	—
ו) הנשיקה. (ספור). הנער הגנב. (פואימה) מאת יעקב שטיינברג .	5	—
ז–ח) שירי ילדים. מאת ז. שניאור	10	—

ספרי מקרא לבני הנעורים.

	ק׳	ר׳
פיליטוני הרצל. תרגום דוד פרישמאן	30	—
קבץ ספורים. – מאת שלום אש	35	—
קבץ ספורים. – מאת ה. ד. נומברג	30	—
קבץ ספורים. – מאת א. רייזען	35	—
הדור. שנה שניה בהוזלת המחיר מן 8 ר' רק	00	3
באורים והערות. לתורה נביאים וכתובים. מאת ט. ליפשיץ. .	00	1

Издательство „ГАОРЪ" Варшава, Долгая 11.